STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11976

# FUN TOMAS MOR BIZ LENINEN, 1516-1917

Boris Isaakovich Gorev

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. י. גאָרעוו.

# פון טאמאס מאר ביז לענינען

## 1516—1917

פאָפולערע קאַפיטלען געשיכטע פון סאציאַליזם
אין ביאגראפיעס און כאַראַקטעריסטיקעס

אידיש — ה. קאזאַקעוויטש.

פאַרלאג „סאָראַבקאָפּ“
קיעוו — 1924

ז רוקעריי „קאָמפּאַן“ וואראָווסקע גאס 14.
באשטעלונג 6־3, 3000 עקז. ע. ד. פּ. 986.

# I. טאמאס מאר.

1473—1535

די ערשטע דורכגעטראכטע אידייען פון קאמוניזם און די ערשטע ערנסטע קריטיק פון דער בורזשואזער ארדנונג זיינען דערשינען שוין אין דעם סאמע אנהויב פון דער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם, און דערביי דאפקע אין איינגלאנד, ד. ה. אין יענעם לאנד, וואו דער דאזיקער קאפיטאליזם איז שפעטער געווארן באזונדערס מעכטיק און וואו אין XIX יארהונדערט איז ענדגילטיק צייטיק געווארן די טעאריע פון מארקס און ענגעלס.

מארקס און ענגעלס זיינען ארויסגעקומען פון דער בורזשואזער סוויווע און זיי האבן זייער גאנצן סייכל, טאלאנט און קענטעניש אויסגענוצט צום קאמף מיט דער בורזשואזיע פאר דער זאך פונם ארבעטער-קלאס און פון אלע אונטערדריקטע און עקספלואטירטע. דער ערשטער גרויסער קאמוניסט פון דער נייער צייט—טאמאס מאר, איינער פון די געבילדעסטע און קלוגסטע מעלוכע-מענער פון איינגלאנד, האט אויך פארשטאנען די גאנצע אומגעלומפערטקייט, אכזאריעס און אומגערעכטיקייט פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג און האט אנטקעגן איר אויפגעשטעלט א פלאן פון אזא געזעלשאפט, וואו ס'איז ניטא קיין פריוואט-אייגנטום, וואו עס געוועלטיקט ברידערלאכע ארבעט און גלייכהייט, ד. ה. א קאמוניסטישע געזעלשאפט.

גרויסע אידייען, באזונדערס געזעלשאפטלאכע אידייען, אנטשטייען ניט צופעליק אינם קאפ פון דעם אדער יענעם דיינקער. צוליב זייער אנטשטייאונג זיינען נויטיק היסטארישע באדינגונגען. פונקט אזוי ווי מארקס און ענגעלס האבן געלעבט

אין דער שטורעמדיקער צייט פון אייראָפּייאישע רעוואָלוציעס, אַזוי האָט אויך טאמאס מאר געלעבט אין דער צייט ווען עס האָט געקראַכט די אלטע, מיטלאלטערלאכע אָרדנונג, אין דער צייט פון גרויסער אופרוערונג, וועלכע האָט מיט 400 יאָר צוריק אָרומגעכאַפּט גאַנץ אייראָפּע און איינגלאנד אויך. דאָס איז געווען אַ צייט פון רעליגיעזע מילכאמעס און פון פּויערישע אופשטאַנדן, וועלכע פלעגן אָפטמאל ארויסשטעלן די פאָן פון אַלגעמיינער גלייכהייט און פון אלגעמיינעם אייגנטום. אין איינג-לאנד גופע האָבן די גייציקע פּריצים רואינירט די פּויערים און האָבן זיי מאסנווייז פאַרטריבן פון זייער ערד. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט גרויסע מיינגעס היימלאזע און ארבעטלאזע נאווע-נאדניקעס, וועלכע האָבן געבעטן נעדאווועס אָדער געמוזט ראַבירן אַף די גרויסע וועגן. די רעגירונג האָט זיי אָן ראכמאנעס גע-רוידעפט און געטויט, כאטש זי אַליין האָט געבראַכט דערצו.

מ א ר איז, עמעס, קאל יאמאוו געווען אַ קעגנער פון אופ-שטאנדן און רעוואָלוציעס, אָבער אַ דאַנק זיין מערקווירדיקן סייכל, זיינע טיפע וויסנשאפטלאכע און פּראקטישע קענטענישן אין אַלע געביטן פון לעבן, האָט ער געפונען די עמעסע סיבע פון אַלע דעמאלסדיקע אופטרייסלונגען און דאָס איינציקע מיטל ווי אַזוי צו באַזייטיקן זי און שאפן אַ פרידלאכן און גליקלאכן מענטשלאכן לעבן.

אַ זון פון אַ ריכטער, האָט ער באַקומען אין אוניווערסי-טעט אַ פילאָזאָפישע און ליטערארישע בילדונג. צוליב פאַרנאָסע איז ער געוואָרן אַן אַדוואָקאַט בא לאָנדאָנער סאָכרים און האָט גלענצנד אויסגעלערנט די דאמאלסדיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. זייענדיק אויסגעקליבן אין פאַרלאַמענט, איז ער אַרויסגעטראטן קעגן דעם קיניג און האָט געמוזט אנטלויפן פון איינגלאַנד. אין זיינע רייזעס איבער אייראפּע האָט ער פארברייטערט זיין גייס-טיקן האריזאנט דורך דעם, וואס ער האָט זיך באקאנט מיט פרעמדע פעלקער און זייערע זיטן.

באַם נייעם קיניג, דעם דעספּאָט היינריך VIII, האָט מען טאמאס מאָרן צוגערופן צו אַ מעלוכע-שטעלע אין ער האָט זיך

דערדינט ביז דעם טיטול פון אַ מיניסטער. אָבער ער האָט פאַר-אורטיילט די פּאָליטיק פונם קיניג, און מע האָט אים איבער-געגעבן צום געריכט. די געהארזאַמע ריכטער האָבן אים פאַר-מישפּעט צום טויט „פאַר פאַרראַט" און ער איז געשטאָרבן אונ-טער דער האַק פונם טאַליען מיט מוט און מיט רואיקער ווערדע.

בעאייס איינער פון זיינע רייזעס, ווען ער איז געווען אַן אַמבאַסאַדאָר אין האָלאַנד און ער האָט זיך אָנגעהערט מאַיסעס פון רייזנדער וועגן דער ניט לאַנג אַנטדעקטער אַמעריקע און וועגן וואונדערבאַרע לענדער מעאייווער לאַיאַם, האָט טאַמאַס מאַר אָנגעשריבן, אין 1516 יאָר, זיין באַרימט ווערק, פון וועלכן עס האָט זיך שפּעטער געלערנט אַ גאַנצער דאָר אייגלישע און פראַנצויזישע קאָמוניסטן.

דאָס דאָזיקע ווערק הייסט „דאָס גאלדן ביכעלע ווי אַזוי אמבעסטן איינאָרדנען די מעלוכע און פון דעם נייעם אינזל אוטאָפּיע", אָדער, בעקיצער, „אוטאָפּיע". דאָס דאָזיקע וואָרט נעמט זיך פון גריכיש און הייסט „אַ ניט עקסיסטירנדיק אָרט", אָדער אַ מאַיסע וועגן אַ פאַנטאַסטיש לאַנד. פון דאַמאָלס אָן האָט מען גענומען רופן „אוטאָפּיע" יעדן טרוים וועגן דער קומענדיקער געזעלשאַפט, וואָס קאָן ניט פאַרווירקלאַכט ווערן, און „אוטאָפּישער" הייסט—אוממעגלאַכער, פאַנטאַסטישער.

די „אוטאָפּיע" איז אָנגעשריבן אין דער פאָרם פון אַ גע-שפּרעך מיט אַ רייזנדער, וואָס איז געקומען צופאָרן פונם דאָזיקן צויבער-לאַנד. דער איינוואוינער פונם אינזל „אוטאָפּיע" כידעשט זיך, בעאייס ער זעט די אומגעלומפּערטע אָרדענונגען פון די אייראָפּייאישע מעלוכעס און באַשרייבט די קאָמוניסטישע אָרדענונג פון זיין פאָטערלאַנד. די געדאַנקען פונם רייזנדער זיינען, פאַר-שטייט זיך, די געדאַנקען פון טאַמאַס מאַר אַליין.

„דאָרט, וואו עס געוועלטיקט דאָס פּריוואַט-אייגנטום, — זאָגט ער,—וואו געלט איז די מאָס פון אַלץ — איז שווער און קאַמאַט אוממעגלאַך, אַז די געזעלשאַפט זאָל בליען און געפירט ווערן מיט יוישער, סאַיידן באָר ווען מע זאָל האַלטן פאַר יוישער דאָס, וואָס אַלדאָס גוטס קומט אָן די שלעכטע מענטשן און ווען

מע זאָל אנרופן בליען אזא לאגע, ווען אַלץ געהערט צו אַ קליינער צאָל מענטשן, וועלכע פילן זיך, אגעוו, אויך ניט זייער גליקלאך, בעאייס די איבעריקע קומען אָפּ, נעבאך, זייער גאַנץ לעבן״.

מאר האָט דער ערשטער מיט זיין געאוינישן כוש, פאַרשטאַנען דאָס, וואָס שפּעטער האָט אַנטוויקלט מארקס, נעמלאך, אַז „יעדע איינע פון די מאָדערנע מעלוכעס איז אַ פאַרשווערונג פון רייכע, וועלכע פאַרפאָלגן ז׳ערע אייגענע נוצן אונטערן אויסרייד פון טויוואס האקלאל״. זיי שטרעבן אממעגלאכסט ביליקער צו קויפן די פראצע פון די אָרעמע לייט און אממעגלאכסט מער זי צו עקספּלואטירן. זייערע נידערטרעכטיקע באַשלוסן גענומען אָן די רייכע אינם נאָמען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, הייסט עס, פון די אָרעמע אויך, און רופן דאָס אָן געזעצן״. גאָר אפילע די דאָזיקע געזעצן קאָנען ניט ראטעווען ניט די געזעלשאַפט, ניט די רייכע גופע, פון פאַרברעכנס און אופשטאַנדן. דאָס אלץ „וואָלט פאַרשוואונדן, ווען עס וואָלט פאַרשווינדן דאָס געלט״. דאַן „וואָלט מען פאַרגעסן פון אומרו, דאיגעס, פּלאָגעניש, שווערקייטן און שלאָפלאָזע נעכט״.

מאר האָט שוין מיט 400 יאָר צוריק פאַרויסגעזען די דערווידערונג, וואָס עס שטעלן טאָמיד ארויס אַלע קעגנער פון קאָמוניזם: „קאָן דען אַרויסקומען פיל גוטס, ווען יעדערער וועט זיך באַמיען אָוועקצומאכן זיך פון אַרבעט? די האפנונג אַף נוצן וועט מער ניט סטימולירן צו ארבעט, און די מעגלאַכקייט אויסצורעכענען אַף דעם צווייטנס ארבעט וועט בריינגען צו פויל־קייט״. אָבער, באַשרייבנדיק אויספירלאך דאָס געזעלשאַפטלאכע לעבן אין זיין אוטאפיע, האט מ א ר דאָס רעכט צו באהויפּטן, אַז ס׳איז פונקט פאַרקערט, דאפקע אין דער אטוויקלטער און באוואוסטזיניקער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועלן אלע כעסרינעס פון הייגטיקער אָרדנונג מוזן פאַרשווינדן. „אין אנדערע ערטער רעדט מען, עמעס, אויך פון טויוואָס האַקלאל, אָבער אין דער ווירקלאכקייט דאַיגעט יעדערער נאָר פון זיין אייגענער טויווע וועגן. אין אוטאָפּיע, וואו ס׳איז ניטאָ קיין פריוואַט־אייגנטום, באַשעפטיקט זיך, ווירקלאך, יעדערער מיט די איניאָנים פון

דער געזעלשאַפט. דאָס נעמט זיך דערפון, זאָגט מאָר, וואָס אין אַנדערע מעלוכעס ווייס יעדערער, אַז, ווי ס'זאָל ניט בליען זיין פאטערלאַנד, וועט ער דאָך פאָרט מוזן שטאַרבן פון הונגער, ווען ער וועט ניט זאָרגן פאַר זיך. דעריבער איז ער געצוואונגען אָפצוגעבן די בכוירע זיין אייגענעם נוצן קעגן דעם טויווס-האַקלאַל.

אין אוטאָפיע אָבער, וואו דאס גאַנצע פאַרמעגן איז קאָלעקטיוו, ווייס יעדערער, אז „קיינער קאָן קיין נויט ניט ליידן, ווען מע וועט נאָר זאָרגן דערפאַר, אז די געזעלשאַפטלאַכע מאַגאַזיינען זאָלן זיין פול". אין אוטאָפיע זיינען אלע בירגער מעכויעוו צו אַרבעטן. דערפאַר אָבער פאַרזיכערט די געזעלשאַפט קינדער און זקיינים, קראַנקע און אומפייאיקע צו אַרבעט.

אין מאָרס צייטן איז די באַארבעטנדיקע אינדוסטריע נאָך זייער שוואַך געווען אַנטוויקלט אין ענגלאַנד און האָט זיך באַגרעניצט בלויז מיט די וויכטיקסטע מעלאכעס. דעריבער ווערט געלייגט די גרעסטע אכט אין זיין פלאַן פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט אַף דער ערד-אַרבעט; דאָס דערקלערט זיך נאָך דערמיט, וואָס דאַמאָלט האָט מען, ווי מיר ווייסן, גענומען אָפנעמען די ערד בא די פויערים מאסנווייז און ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פילצאָליקער לאַנדווירטשאַפטלאַכער פראָלעטאַריאַט.

דאָס אינזל אוטאָפיע איז אַ גאַנצע מעלוכע פון 24 שטעט מיט שכייניש דאָרפישע קרייזן, יעדער קרייז באַדינט זיך אַמ-מעגלאכסט אליין מיט אלע נויטיקע פראָדוקטן. אָבער, אין פאַל פון אַ נויט, נעמען די קרייזן דאָס, וואָס בא זיי פעלט, בא די אַנדערע קרייזן „אָן שום באַלויגונג". „אַזוי אַרום — איז מויסיף מאָר, — איז דער גאַנצער אינזל איין מישפאָכע".

מיט ערד-אַרבעט זיינען מעכויעוו צו באַשעפטיקן זיך אַלע בירגער—לויט דער ריי. פאַר זיי עקסיסטירט אַן ארבעט-דינסט, די שטעט טיילן אויס פאר ערד-אַרבעט אַ טייל פון זייער באַפעלקערונג, וועלכע דאַרף אָפזיין אין דאָרף צוויי יאָר, דערנאָך קערן זיי זיך צוריק אין שטאָט און ווערן פאַרביטן דורך אנדערע שטאָט-לייט.

די שטאָטישע איינוואוינער באַשעפטיקן זיך מיט באַארבעטן וואל און ליין און מיט אנדערע נויטיקע מעלאָכעס. קליידונג „פארגרייט יערע פאַמיליע פאַר זיך".

„די דאָרפישע איינוואוינער באַארבעטן די ערד, האָדעווען פי, האַקן וואַלד, וועלכן זיי פירן אַריבער אין שטאָט". „אַלץ, וואָס די דאָרפישע איינוואוינער דאַרפן האָבן און זיי קאָנען דאָס ניט קריגן אין פעלד און אין וואַלד, נעמען זיי אין שטאָט, וואו די מאַכט גיט גערן און אָן געצאָלט אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק". קיין געלט, קיין אויסטויש און קיין האַנדל איז אין אוטאָפּיע ניטאָ. אַלע פּראָדוקטן פון שטאָטישער און דאָרפישערווירטשאַפט ווערן צונויפגעפירט אין געזעלשאַפטלאַכע מאגאַזינען פון וואַנען יעדע-רער נעמט אַלץ, וואָס ער דאַרף. מיט די ערשטע און בעסטע גער-פּראָדוקטן ווערן באַזאָרגט אין דער ערשטער ריי די קראַנקן-הייזער.

קיינער נעמט ניט מער, וויפל ער דאַרף, ווייל יעדערער ווייס, אַז ער וועט אַלעמאָל באַזאָרגט ווערן מיט אַלע פּראָדוקטן בעשעפּע און וועט זיך ניט נויטיקן; די אויפגאַבן פון דער מאַכט, באשטייט, דעריקער, אין אכטונג געבן, אַז קיינער זאָל זיך ניט אָוועקמאַכן פון דער אַרבעט און אַז ס'זאָל פּראָדוצירט ווערן דאַפּקע דאָס, וואָס איז נויטיק אין געגעבענעם מאָמענט. אַגעוו, די אבליגאַטאָרישע אַרבעט געדויערט נאָר זעקס שאָ אין טאָג, און אַ דאַנק דעם, וואָס קיין ליידיק-גייער זיינען ניטאָ, און אַ דאַנק דער ריכטיקער אַרבעט-פאַרטיילונג און דער עקאָ-נאָמיע, וואָס ווערט דערגרייכט דורך זייער צענטראַליזאַציע, איז די דאָזיקע אַרבעט פולשטענדיק גענוג ניט בלויז אַף די לויפנדע באַדערפעניש, נאָר אויך אַף צו בילדן רעזערוון.

די מאַכט אין אוטאָפּיע איז אַ געוויילטע. די פרויען האָבן די זעלביקע רעכט און היסכאָיועסן, וואָס די מאַנסבילן. די ויסנשאַפט ווערט זייער געאַכט, און אַלע איינוואוינער ווערן צו-געצויגן צו הערן עפנטלאכע ויסנשאַפטלאכע „פאַרלעזונגען", ד. ה. לעקציעס. די בירגער פון אוטאָפּיע האַסן מילכאָמע; פונדעסט-וועגן לערנען זיי זיך אָן אויסנאַם, אי די מאַנסביל אי די פרויען

צו באַנוצן זיך מיט געווער, קעדיי, אין פאַל פון אַ נויט, „פאַרטיידיקן זייער פאַטערלאַנד אָדער זייערע פריינט קעגן אומיושערדיקע אָנפאַלן“.

אַזאַ איז, אין אַלגעמיינע שטריכן, דער פּלאַן פון דער קומענדיקער געזעלשאַפט, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן מיט 400 יאָר צוריק, אין באַגינען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין אייראָפּע, דורכן גרויסן איינגלישן דיינקער. די הויפּט-באַדייטונג פון זיין אוטאָפּיע איז דאָס, וואָס זי לייגט פאָר — צום ערשטן מאָל אין דער מענטשלאַכער געשיכטע — אַן אַלגעמיינע מעלוכישע אָרגאַניזאַציע פון אַ קאָמוניסטישער ווירטשאַפט. דערביי ווערן די פּראָדוציר-מיטלען אַ געזעלשאַפטלעך אייגנטום, און דערמיט ווערט געגעבן דער איינציקער ווירקלאַכער מיטל אויסצומיידן די אַנטשטייאונג פון נייע מינים עקספּלואַטאַציע, פון אַ נייער אומגלייכהייט, פון אַ נייער טיילונג אויף האָרעפּאַשנע אָרעמע לייט און רייכע פּוסטעפּאַסניקעס.

דעריבער ווערט מאָר מיט רעכט גערעכנט פאַרן גרינדער און פאָטער פונם נייעם סאָציאַליזם. אין דער פראַגע אָבער, ווי אַזוי צודערשלאָגן זיך, ווי אַזוי צו פאַרווירקלאַכן דעם סאָציאַליזם האָט מאָר דעם זעלביקן טעות, וואָס די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן אין XIX יאָרהונדערט; ער האָט מוירע געהאַט פאַר פאָלקס-אויפשטאַנדן, ער האָט ניט געגלויבט דערין, אַז די פאָלקס-מאסן זאָלן דעראָבערן דעם סאָציאַליזם מיט זייערע אייגענע רעוואָלוציאָנערע קויכעס, און אַלע זיינע האָפנונגען האָט ער געלייגט אַף די וואוילטעטיקע און קלוגע הערשער, וואָס זיינע ראַיעס וועלן זיי איבערצייגן און עס וועט זיי צוציען דאָס בילד פון אַ גליקלאַכן און רואיקן לעבן בײַ דער קאָמוניסטישער אָרדנונג.

מיר ווייסן, אַז אַזעלכע וואוילטעטיקע און קלוגע הערשער האָבן זיך בײַם הערשנדן קלאַס ניט געפונען אַד האַיאָם. דערפאַר אָבער האָט דער אַרבעטער-קלאַס פאַרנומען איינגאַנצן די אידייען פונם גרויסן איינגלישן

קאָמוניזם אין יענער נייער און פֿאַרפֿולקומטער פֿאָרם, וועלכע עס האָט זיי צוגעגעבן דער וויסנשאַפֿטלאַכער סאָציאַליזם פֿון מאַרקס און ענגעלס און די אַלוועלטלאַכע סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט זיי פֿאַרווירקלאַכן.

## II. גראַקך באַבעף.

### 1760—1797.

סאָף XVIII יאָרהונדערט, מיט 125 יאָר צוריק, ווען די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע איז שוין געגאַנגען באַרג-אַראָפּ, גע-וועלטיקט האָט די בורזשואַזע רעאַקציע, און די פֿאָלקס-מאַסן, וועלכע האָבן די רעוואָלוציע געמאַכט, האָבן געהונגערט, אין אַט יענער צייט איז פֿאָרגעקומען דער ערשטער אין דער געשיכטע פּרואוו צו מאַכן אַן איבערגוואַלדיקע קאָמוניסטישע איבערקע-רעניש, אַראָפּשליידערן די מאַכט פֿון די רייכע און איינשטעלן די רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פֿון דער אָרימקייט. דעם דאָזיקן פּרואוו האָט פֿאַרטראַכט דער פֿאָ-טער פֿונם נייסטן, קעמפֿנדיקן, רעוואָלוציאָנערן קאָמוניזם — באַבעף.

טאָמאַס מאָר האָט אָנהויבס XVI יאָרהונדערט גע-לייגט אַ פֿונדאַמענט פֿאַרן אידייאישן, טעאָרעטישן אויסאַרבעטן די פֿראַגן פֿון סאָציאַליזם, ד. ה. די ראַיעס, אַז דער סאָציאַליזם איז ווינשנסווערט און איז מעגלאַך צו פֿאַרווירקלאַכן, און די קריטיק פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, וועלכע באַזירט זיך אָף אומגלייכהייט, גוואַלדטאַט און עקספּלואַטאַציע; באַבעף, אָבער, איז געוואָרן דער לערער און רעוואָלוציאָנערער ביישפּיל פֿאַר אַלע יענע פֿאָרשטייער פֿון די אונטערדריקטע און עקספּלו-אַטירטע מאַסן, וועלכע האָבן געוואָלט דורך אַן אופֿשטאַנד דעם דאָזיקן סאָציאַליזם פֿאַרווירקלאַכן.

פֿראַנסואַ-נאָעל באַבעף, וועלכער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן גראַקך (לויט דעם מינהעג פֿון יענער צייט) נאָכן נאָמען פֿון די באַוואוסטע אַמאָליקע רוימישע רעוואָלוציאָנערן,

די ברידער גראַקך, איז געבאָרן געוואָרן אין 1760 יאָר, אין אַן אָרימער פאַמיליע. אין דער יוגנט איז ער געווען אַ לאַקיי; דאָס האָט אים געגעבן די מעגלאַכקייט גוט אויסצולערנען די פּאַרבאָרגענע זייטן אינם לעבן פון די דאַמאַלדיקע מעיוכאָסים. ער אַרבעט זייער פיל אָף זיין זעלבסט-בילדונג און ווערט אַן ערד-מעסטער. אין זיין טעטיקייט, אַלס ערד-מעסטער, האָט ער אויסגעלערנט אַלע נידערטרעכטיקע אינטריגעס, אָפּנאַרערייען און רעציכע קעגן די פּויערים, וואָס דאס אדל און די אַגראַריער האָבן פּראַקטיקירט.

אין סאמע אָנהויב פון דער רעוואָלוציע פון 1789 יאָר האָט זיך באַבעף אנגעשלאָסן אין דער פאָלקס-באַוועגונג, אָבער ניט צו דער באַוועגונג פון בורזשואַזער אינטעליגענץ; ער האָט זיך באַטייליקט אין די פּויערישע אופשטאַנדן קעגן די פּריצים, און פאַר זיין אומאופהערלאַכער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, פאַר זיין אייביקן קאַמף קעגן דער געזעלשאַפטלאַכער אומגערעכטיקייט האָבן אים געררוידעפט אין דער גאַנצער צייט פון דער רעוואָלוציע אלע מאַכטן, פון די פּראָווינציעלע אַדל-לייט אין 1789 יאָר ביזן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלאַכער רעטונג אין 1793 יאָר, ווען ס'האָט געהערשט די סאַמע רעוואָלוציאָנערע קליינבירגערלאַכע פּאַרטיי די יאַקאָבינער, מיט ראָבעספּיערן בעראש.

ניט איינמאָל איז ער אין טורמע געזעסן, אָבער יעדעס מאָל, ווי נאָר ער איז אַרויס פון טפיסע, האָט ער זיך איבעראַנייס גענומען צום קאַמף. שוין פון די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע האָט ער גענומען קעמפן ניט בלויז פאַר דער פּאָליטישער פרייהייט און רעכט, נאָר אויך פאַר עקאָנאָמישער גלייכהייט. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ אָרדנונג ווען איינע „קומען אום פון הונגער, בעאייס אַנדערע ווערן דערטרונקען אין לוקסוס און פאַרגעניגנס".

אין פינף יאָר אַרום, אין 1794 יאָר, אין גיכן נאָכדעם, ווי מע האָט אַראָפּגעוואָרפן ראָבעספּיערן, האָט ער שוין געשריבן אָט וועלכע בעוויאישע ווערטער: „מיט אַן אייזערנער האַנט מוז מען

דערשטיקן די קעגנער פון דער קומענדיקער קאָמונע. מיר באַפרייען די אָרימע פון די רייכע, די קנעכט פון די האַרן. זיי זײַנען גרייט צו אַריינשליידערן אונז אין טפיסע, מיר ווען זיי פאַרטיליקן פון דער וועלט. אַלע דאַרפן מיטן שווייס פון זייער פּנים פאַרדינען דאָס ברויט און ניט אָפּנאַרן דאָס פאָלק מיטן ליגן וועגן דעם נוצן פון מיטאַרבעט מיט די לאַקייען פון די אַריסטאָקראַטן. פאַרכאַפּן די מאַכט איז נאָך ניט אַלץ. אין מיין קאָמונע קאָן מען ניט גאַנווענען, אומזיסט פאַטערן געלט, אַרופוואַרפן די אַרבעט אַף פרעמדע פּלייצעס. נאָר אַ שטרייענגע דיסציפּלין, אַן אַקשאַנעסדיקע אַרבעט און אַן אומבעראַכמאַנעסדיקער קאַמף מיט די גאַנאַווים. וועלכע וועלן אַריינקריכן צו אונז אין דער קאָמונע, וועט מיר העלפן צו פאַרווירקלאַכן די עמעסע גלייכהייט ין פראַנקרייך... איר טאַינעט, אַז די דיקטאַטור פון דער מינדערהייט איז אַ סאַקאַנע פאַר דער פרייהייט. *וואָס טויג די פרייהייט פאַר די אָרימע, ווען די רייכע באַנוצן זיך אויך מיט איר?* אונזער פרייהייט איז קנעכטשאַפט פאַר די רייכע: מיר זײַנען מעכויעוו זיי צוברעכן און איינשטעלן די דיקטאַטור פון די אָרימע. אַ ניט וועלן דיקטאַטאָרן ווערן די קליגערע פון די אַריסטאַקראַטן.

„אינם דאָזיקן קאַמף וועלן זיין מאַפּאָלעס, אָבער עס איז אַ שאַנד צו פאַרלירן די מוט. פאַר אונז שטייט די פאָלקסאָרימקייט"...

בעהאַדראַגע, פון אַן אומבאַשטימטער שטרעבונג צו אַלגעמייבער גלייכהייט איז באַבעף אַריבער צום קאָמוניזם. ד. ה. צום אָפּלייקענען דאָס פּריוואַט אייגנטום. פון האַרבסט 1795, האָט ער צוזאַמען מיט עטלאַכע כאַווירים בעגרינדעט דעם געהיימען „בונד פון די גלייכע". די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפט צוגרייטן די רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש און איבערגעבן די מאַכט צו די קאָמוניסטן און, דורך אַ ריי איבערגאַנג-מיטלען, דורך קאָנפיסקירן דאָס אייגנטום פון די פאַררעטער און מוירדים, דורכן אָפּשאַפן דאָס רעכט אַף יערושע, דורכן

פאַרניכטן דאָס געלט א. א. וו. ביסלעכווייז איינפירן די קאָמו-ניסטישע אָרדנונג.

באבעף האָט זיך שטאַרק פאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדע און אגיטאַציע אין די צייטונגען און אומלעגאַלע בלעטלאַך, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. אין דער זעלביקער צייט האָט ער ווערבירט מיטגלידער אין „בונד פון די גלייכע" און אָנהייגער פון דער קומענדיקער איבערקערעניש. צו פרילינג 1796 יאָר האָט די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון די „גלייכע" שוין אָנגעציילט 17,000 מיטגלידער. אָבער דער באַשטאַנד אירער איז געווען זייער אַ פאַרשיידנאַרטיקער; אויסער אַ פעריהאַלטנסמעסיק קליי-נעם קערן פון אַרבעטער-קאָמוניסטן, זיינען אַהין אריין פיל גע-וועזענע יאַקאָבינער, פיל סטאַם אומצופרידענע, וועלכע האָבן געוואָלט צוריקקערן די צייטן פון דער יאַקאָבינער דיקטאַטור.

דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס אין דער אָרגאַני-זאַציע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ שפּיאָן, דער אָפיציר גריזעל, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן דער בורזשואַזער רעגירונג פון דער „דירעקטאָריע" די גאַנצע „פאַרשווערונג פון די גלייכע" און אַלע פאַרשווערער. דעם 10-טן מאַי 1796 יאָר איז באבעף מיט זיינע נאָענטע כאַוויירים אַרעסטירט געוואָרן, דעריביי האָט מען פאַר-כאַפּט דעם פּלאַן פון דער אָרגאַניזאַציע, די פאַרגרייטע דעקרעטן פון דער קומענדיקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג א. א. וו. דער פּרואוו פון די גאַנץ געבליבענע מיטגלידער פון דער אָרגאַני-זאַציע אויפצוהייבן אַ מיליטערישן אויפשטאַנד האָט געליטן אַ פולשטענדיקע מאַפּאָלע.

אין אַ יאָר אַרום האָט מען באַגפּן מיט זיינע כאַוויירים געמישפּט. די באַשולדיקטע האָבן זיך געהאַלטן מוטיק, געזינגען די מאַרסעליעזע און אָפן דערציילט וועגן זייערע צילן. פאַר-קערט, די בורזשואַזע ריכטער פון דער רעפּובליק האָבן זיי באַ-וואָרפן מיט באַליידיקונגען און האָבן זיך אפילע געפּרואווט צו באַשולדיקן זיי אין אַ געהיימען בונד מיט די מאַנאַרכיסטן. באַ-בעף און איינער פון זיינע כאַוויירים זיינען פאַראורטיילט גע-וואָרן צום טויט, די איבעריקע — אַרויסגעשיקט צו וועגן. נאָכן

פּסאָק-דין האָט באַבעף געפּרואווט צו דערשטעכן זיך מיט אַ
קינושאַל; ער האָט נישט געוואָלט אָפּגעבן זיך לעבעדיקערהייט
אין די הענט פונם טאַליען. ער האָט זיך אָבער נאָר פאַרוואונ-
דעט, און מע האָט אים דאָך געקעפּט (27 מאַי 1797).

ווי עס איז צוזען פון באַבעפס אַרטיקלען, פונם „מאַני-
פעסט פון גלייכע“, וואָס איז צעקלעפּט געוואָרן, און פון די
דעקרעטן, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט אויפן פאַל פון ניצאָכן, האָבן
די פאַרשווערער געוואָלט איינפירן אין פראַנקרייך דעם קאָמוניזם,
בא וועלכן די גאַנצע געצייג און באַזונדערס די ערד דאַרף זיין
אַן אַלגעמיין אייגנטום, און די פּראָדוקציע און געברויך פון אַלע
בירגער ווערן שטרייננג קאָנטראָלירט דורך מעלוכע-באַאַמטע.

פאַר יענער צייט איז אַזאַ פּלאַן געווען אוטאָפּיש, ד. ה.
אוממעגלאַך צו פאַרווירקלאַכן, אפילע אין פאַל, ווען דער אויפ-
שטאַנד וואָלט צייטווייליק האָבן דערפאָלג. דער היינטיקער אינ-
דוסטריעלער קאַפּיטאַליזם האָט נאָך אין דעמאָלסדיקער פראַנקרייך
קאַמאַט נישט עקסיסטירט. הייסט עס, אַז ס'איז נישט געווען דער
היינטיקער גרויס-שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז דער
עמעסער טרעגער פון סאָציאַליזם און ער אליין קען אים פאַר-
ווירקלאַכן. אין דער דעמאַלטיקער פראַנקרייך זיינען געווען פיל
אַ ר י מ ע - ל י י ט, וועלכע האָבן געטרוימט פון יושער און
גלייכהייט און האָבן געהאַסט די רייכע; אָבער דאָס איז קנאַפּ
צוליבן ניצאָכן פון סאָציאַליזם. דער גרעסטער טייל פון דער
פראַנצויזישער באַפעלקערונג איז געווען קליינע אייגנטימער;
דאָס קליינע אייגנטום האָט געהערשט נישט בלויז אין דער לאַנד-
ווירטשאַפט, נאָר אויך אין דער אינדוסטריע, און זיי אַלע וואָלטן
אַנטשלאָסן זיך געשטעלט קעגן איינפירן פון קאָמוניזם.

באַבעף אַליין האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען יענע גרויסע
אַ בערקערעניש אין דער פּראָדוקציע און אין אַלע געזעלשאַפט-
לאַכע באַציאונגען, וואָס דער קאַפּיטאַליזם טראָגט מיט זיך. זיין
קאָמוניזם איז דעריבער געווען נישט די אידיאַלאָגיע פונם פּראָלע-
טאַריאַט, ד. ה. נישט דער אויסדרוק פון זיינע אינטערעסן, ווי
דער מאָדערנער סאָציאַליזם, נאָר די אידעאָלאָגיע פון דער

אָרימקייט ביכלאַל; און די אידייע פונם קאָמוניזם האָט ער אָנגעווענדט קאַמאַט אויסשליסלאַך צו דער ערד און אירע פּרוכטן.

פונדעסטוועגן, בײַ איר גאַנצער פּריצייטיקייט און ניט אַנטוויקלטקייט, האָט דאָך די באַוועגונג, וועלכע איז באַקאַנט מיטן נאָמען „באַבעפס פאַרשווערונג" געלאָזן אַ טיפן שפור אינעם באַוואוסטזיין פון די פראַנצויזישע אַרבעטער, אַלס אַ פּרוּוו צו פאַרניכטן די מעמשאָלע פון אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע.

דערפאַר קאָן מען אויך באַבעפן רעכענען פאַרן אָנפאַנגער פונם גאַנצן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם פונם XIX יאָרהונדערט און דעריבער אויך פונם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. נאָר „די דיקטאַטור פון דער אָרימקייט", וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פון באַבעפן, איז אין אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַרקס׳ס „ד קטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט".

# III. ראָבערט אאוען.

1771—1858

דער ערשטער גרויסער גרינדער פונם אידייאישן קאָמוניזם, דער איינגלענדער טאָמאַס מאָר, איז אַרויסגעטראָטן דאַן, ווען דער אייראָפּייאישער און אויך דער איינגלישער קאַפּיטאַליזם זיינען נאָר וואָס געבאָרן געוואָרן און האָבן ערשט אָנגעהויבן צעשטערן די אַלטפרייִנקישע, מיטלאַלטערלאַכע אָרדנונג. די טעטיקייט פונם צווייטן באַוואוסטן איינגלישן סאָציאַליסט—ראָבערט אאוען — האט זיך אַרויסגעוויזן אין דער צייט פון דער, אזוי גערופענער, אינדוסטריעלער רעוואָלוציע סאָף XVIII און אָנהויב XIX יאָרהונדערט, די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט פריער, און מער פאַר אַלעמען, פאַרכאַפּט איינגלאַנד און געשאַפן דעם גייסטן קאַפּיטאַליזם און דעם נייסטן אינדוסטריעלן שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט.

דאָס איז געווען אַ פרידלאַכע, אָנבלוטיקע עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, אָבער אירע פאָלגן זיינען געווען אומגעהייער גר ויס

זי איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט די פריערדיקע באַלמעלאכישע ווארשטאַטן מיט זייער פארשלאָפענעם און רואיקן לעבן פארביטן אָף גרויסע פאַבריקן, מיט מאשין־פּראָדוקציע, מיט הונדערטער און טויזנטער אַרבעטער. מיט דער הילף פון מאשינען זיינען די סכוירעס פּראָדוצירט געוואָרן אַ סאַך ביליקער איידער אין די ווארשטאַטן; די באַלמעלאכעס זיינען רואינירט געוואָרן און האָבן אַליין געמוזט גיין אין די פאַבריקן, ניט זעלטן צוזאַמען מיט ווייב און קינדער. נויטיקנדיק זיך אין פרייע ארבעטער־הענט, האָט דער גייציקער קאַפּיטאַל פארענדיקט מיט אָפּנעמען די ערד בא די פויערים און רואינירן זיי. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך נאָך אָנגעהייבן פאַר טאמאס מארס צייטן. דער קאַפּיטאַל האָט נאָך אויסער דעם בעסער געוואָלט עקספּלואַטירן די מער אינטערטעניקע אַרבעט פון פרויען און קינדער. און ווען די עלטערן האָבן ניט געוואָלט אָפּגעבן זייערע קינדער אין דער פאַבריק־שקלאַפעריי, האָבן די פאַבריקאַנטן זיי גענומען פון די קינדער־הייזער. די עקספּלואַטאַציע פונם קאַפּיטאַל האָט ניט געוואוסט פון קיין גרענעצן און אומבאַראַכמאַנעסדיק, דורך אָוואוידעס־פערעך און דורך שרעקלעכע לעבנס־באַדינגונגען האָט זי כאָרעוו געמאַכט דעם אָרגאַניזם פון די אַרבעטער, פאַרקריפּלט זיי קערפּערלעך און גייסטיק.

קעגן אָט דער דאָזיקער צעשטערונג־אַרבעט פונם קאַפּיטאַל איז דאָס אַרויסגעטראָטן דער גרויסער אַרבעטער־פריינט, דער מענטשן־פריינט, דער רעפאָרמאַטאָר און קאָמוניסט ראָבערט אאוען, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אָף דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער אידייע ניט בלויז אין ענגלאַנד, נאָר אויך אין גאַנץ אייראָפּע און אַמעריקע.

א א ו ע ן איז געבאָרן געוואָרן דעם 14־טן מאַי 1771 יאָר, אין אַ גרויסער האַלב־קליינבירגערלעכער, האַלב־פויערישער פאַמיליע. געענדיקט אַ שלעכטע דאָרף־שול, האָט מען אים, 11 יאָר אַלט אָפּגעגעבן פאַר אַ טאַלמיד צו אַ לאָנדאָנער כויכער. די מערקווירדיקע פעאיקייטן פונם יינגל, וועלכער האָט אָן אויפהער געלערנט נאַכט און טאָג, זיין ליבע צו אַרבעט און

געוויסנהאַפטיקייט האָבן אים געהאָלפן שנעל אופצוהייבן זיך איבערן געזעלשאַפטלאַכן לייטער „מאַכן אַ קאַריערע". איבערגייענדיק פון איין האַנדלס-און אינדוסטריע-פירמע צו דער צווייטער, איז א. אוען געוואָרן נאכאנאנד אַן אָנגעשטעלטער, אַ פאַרוואלטער פון אַ טעקסטיל-פאַבריק, דערנאָך פון אַ שטריק-פאַבריק און, ענדלאַך, אַפילע אַ שותף און אַ קאַמפּאַניאָן פון אַ טעקסטיל-מאַנופאַקטור אינם קליינעם טרויעריקן אישעוו ניו-לענאַרק (אין שאָטלאַנד), וועלכער האָט אַ דאַנק אָוענען קוינע-שעם געווען אין דער גאַנצער וועלט. דאָס איז געווען אין 1800 יאָר, אָף דער שוועל פון XIX הונדערט.

אָט ווי אַזוי מע שילדערט דעם מאַצעוו פון ניו-לענארק אין יענע צייטן, ווען אָוען איז אַהין אָנגעקומען: „דאָרטן האָבן געלעבט קאָרעוו צו 2500 אַרבעטער מיט זייערע פאַמיליעס. דאָס דאָרף איז געווען אַ מוסטער פון אַ פאַבריק-אישעוו אין יענער צייט. באַ 500 אַרבעטער זיינען געווען קינדער, וועלכע מע האָט אָנגענומען אין די וואוילטאָטיקע קינדער-הייזער פון דער דערבייאיקער שטאָט. זיי האָבן געלעבט אין אַן אומגעהייער גרויסן באַראַק, וואָס איז ספּעציעל פאַר זיי געבויט געוואָרן. געוויינטלאַך פלעגן זיי אָנהייבן אַרבעטן אָף דער פאַבריק אין עלטער פון זעקס יאָר; דער אַרבעטס-טאָג האָט געדויערט פון 6 ביז 7 אָוונט; יענע פון זיי, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן און לעבן געבליבן, זיינען געבליבן קאַליקעס און קריפּלס אין פיזישער, גייסטיקער און מאָראַלישער הינזיכט. די אַרבעט איז אַזוי שווער געווען, און די אַרבעטס-לוין אַזוי נידעריק, אַז מער ניט די אונטערשטע שיכטן פונם אַרבעטער-קלאַס פלעגן מאַסקים זיין צו אַרבעטן באַ אַזעלכע באַדינגונגען. אין דאָרף האָט געוועלטיקט אַ שרעקלאַכע שמוץ; די באַפעלקערונג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גראָבקייט, שיקרעס, גנייווע און אויסגעלאַסנקייט און איז אינגאַנצן פאַרשקלאַפט געווען צום דאָרפישן וואוכערער, שיינקער און קרעמער".

אַ דאַנק זיין אייגענער לעבנס-דערפאַרונג, זיין אומגעהייער באַאָבאַכט-פייאיקייט און דעם דערלערנען די פילאָסאָפן פון XVIII

יאָהונדערט איז א א ו ע ן שוין אין יענער צייט געקומען צו זײער איבערצייגונג, וועלכע ער האָט שפּעטער דורכגעפירט אין פאַרלויף פון זיין גאַנצן לעבן. די דאָזיקע איבערצייגונג קאָן מען פאָרמולירן מיט פאָלגנדע ווערטער: דער מענטש איז דער פּראָדוקט פון דער אַרומיקער סוויווע, פון די לעבנס-טנאָאים, באַזונדערס פון דער דערציאונג; אויב מיר ווילן פאַרריכטן די מענטשן, דאַרף מען זיי ניט באַשטראָפן, נאָר אוועקשטעלן זיי אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלן זיי ניט שטויסן אָף שלעכטע מאַיסים און פאַרברעכנס.

דאָס איז געווען אַ נייע טעאָריע פון דערציען און אויס-אַרבעטן דעם מענטשלאַכן כאַראַקטער, און די דאָזיקע נייע טעאָ-ריע האָט א א ו ע ן זיך געפּרואווט פּראַווירקלאַכן אין ניו-לענאַרק. ווען ער איז געוואָרן דער הויפּט-פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק, פון וועלכער עס איז געווען אָפּהייגניק דער גורל פון עטלאַכע טויזנט מענטשן.

ער האָט אוועקגעשטעלט אַלע אַרבעטער אין בעסערע באַ-דינגונגען; פאַרקורצט דעם אַרבעטס-טאָג, געהעכערט די אַרבעטס לוין, געמאַכט פאַר די אַרבעטער אַ קרעמל, וואו די פּראָדוקטן פלעגן פאַרקויפט ווערן נאָך דער זעלבסט-קאָסט, אָפּגעשאַפט אַלע שטראָפן און באַשטראָפונגען; אנשטאָט דעם האָט ער איינגעפירט פאַרצייכענישן וועגן דער אופפירונג פון די אַרבעטער; די דאָזיקע פאַרצייכענישן פלעגן אויסגעהאַנגען ווערן אין דער פאַבריק.

אויסער דעם האָט ער אופגעהערט זיך צו באַנוצן מיט דער אַרבעט פון קליינע קינדער; אנשטאט דעם האָט ער צוליב זיי געעפנט שולן און איינגעלאדן פאַר זיי גוטע לערער. קעדיי אָפּ-צואווענדן די דערוואקסענע פון שיינק, האָט א א ו ע ן פאַר זיי אויך געעפנט אָוונט-שולן, אַ ביבליאָטעק און אַ לייען-זאַל. דאָס אַלץ איז דאַן געווען אומגעווייגטלאַך ניי און רעוואָלוציאָנער. א א ו ע ן האָט געמוזט לאַנג און איינגעשפּאַרט קעמפן מיט די איבעריקע שותפים, וועלכע האָבן ניט געוואָלט פאַטערן קיין געלט אָף אַזעלכע „מעשוגענע האמצאָעס" און האָבן מוירע גע-האַט, אַז די פאַבריק וועט ברייגגען אָנווער. דאָס איז ווייניק, ער

האָט באַגעגנט אַן אומצוטרוי און אַן אקשאָנעס מיצאַד די אונטער גופע וועלכע האָבן זיך מיט כשאַד באַצויגן צו אַלץ, וואָס די פאַבריקאַנטן נעמען פאָר.

אָבער די איינגעשפּאַרטקייט, דאָס געדולד און די ווייכקייט צו מענטשן, וואָס אאוען האָט אַרויסגעוויזן, האָבן גיכער געווען אַלע מעניעס. טכילעס איז דער איניען אַוועק שלעכט, אָבער אאוען איז געווען צו זיכער אין דער ריכטיקייט פון זיינע אידייען, און פון די אומערפאָלגן איז ער ניט ניספּאָעל געוואָרן. און, ווירקלאַך, אין עטלאכע יאָר ארום, איז, אַ דאנק זיין ענערגיע און ליבע צו דער זאַך און צו מענטשן, אַ וואונדער געשען. ניו-לענאַרק האָט מען דערקאָנען ניט געקאָנט, ער איז פאַרוואנדלט געוואָרן אין אַ ריינינק שטעטעלע מיט אַ געזונטער, לוסטיקער און מאָראַליש ניי-געבוירענער אַרבעטערבאַפעלקערונג. ער איז געוואָרן אַ קאָלאניע פון וועלכער אאוען האָט געבויט דעם וואָרשטאַט פון דער נייער געזעלשאַפט. מער פון אַלץ האָט איבערראַשט די פאַבריקאַנטן און די גאנצע בורזשואַזע געזעלשאפט פון יענער צייט דער פאַקט, וואָס די האַכנאָסעס פון דער פאַבריק זיינען ניט בלויז ניט פאַרקלענערט געוואָרן, נאָר אַפילע פאַרגרעסערט געוואָרן. די אַרבעטער האָבן גענומען אַרבעטן אַ סאַך פּראָדוקטיווער און געוויסנהאַפטער, מער סכוירעס אויסגעאַרבעט און ווייניקער קאַליע געמאַכט.

דערמוטערט פונם דערפאָלג, איז אאוען אַוועק ווייטער. אין אַ גאַנצער ריי ביכער, בראָשורן און פאָרטראַגן האָט ער דערוויזן, אַפן גרונט פון ניו-לענאַרקער דערפאַרונג, אַז אַלע פאַרברעכנס און אומגליקן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט נעמען זיך פון דער ניט ריכטיקער, אומנאָרמאלער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאפט. ווען מע זאָל געבן די קינדער אַ ריכטיקע און אַ פאַרנונפטיקע דערציאונג, האָט אאוען געזאָגט, ווען מע זאָל די מענטשן פאַראינטערעסירן אינם רעזולטאַט פון זייער געזעלשאַפטלאכער אַרבעט, ווען אלע וועלן זיך באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער אַרבעט און וועלן פירן אַזאַ ארט לעבן, וואָס פאַסט פאַר אַ מענטשן, וועט די מענטשהייט פונקט אַזוי ווידערגעבאָרן

וואָן, ווי עס איז ווידערגעבאָרן געוואָרן ניו-לענאַרק. צוליב דעם ווז מען, אַז די ערד, די פּראָדוציר-מיטלען און געצייג זאָלן ווערן אַן אַלגעמיינער פאַרמעגן, און די מאָדערנע אָרדנונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע דאַרף פאַרביטן ווערן אַף אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אַף כאַווערשע אַרטעל-יעסוידעס. אַזוי אַרום איז א א ו ע ן בעהאדראגע געווארן אַ סאָציאַליסט, אָדער, ווי ער האָט זיך אַליין אָנגערופן, אַ קאָמוניסט.

די ערשטע צייט האָט דער וואונדער, וואָס איז געשען אין ניו-לענאַרק צוגעצויגן די אַלגעמיינע אופמערקזאַמקייט. אַהין פלעגן קומען צופאָרן פאַרשיידענע הויך-געשטעלטע פערזאָנען און האָבן זייער גנעדיק געלויבט אאוענ. דעריבער האָט ער, ווי טאָמאס מאר, פון אָנהויב געוואַרט אַף דער פאַרווירקלאכונג פון דער נייער געזעלשאַפט ניט דורך די קויכעס פון די אַרבעטער גופע, נאָר דורך דער פּראָטעקציע פון די העכערע קלאַסן און הערשער. ער האָט אָן אופהער דערלאַנגט מעמאָראנדומס צו פאַרשיידענע מאָנאַרכן פון אייראָפּע וועגן זיינע אידייען — ער האָט אַפילע געשריבן צום רוסישן זעלבסטהערשער ניקאלאַי דעם 1, אָבער דערפון איז גאָרנישט ניט געוואָרן. און ווען א א ו ע ן האָט געמאַכט די לעצטע אויספירן פון זיין טעאָריע און איז אַנטשלאָסן אַרויסגעטראָטן קעגן דער רעליגיע, ווי קעגן דאָס גרעסטע בייז, האָבן זיך פון אים אָפּגעשאָקלט יענע פאָרשטייער פון די גייסטלאַכע, וואָס האָבן אים פריער קלוימערשט אנערקענט, זיי האָבן אַף אים גענומען העצן און אפילע דראָען אים.

אַנטוישט אין די מעכטיקע פון דער וועלט, האָט אאוען געוואָלט אַף אַ ברייטערן מוסטער, איידער ניו-לענאַרק, דערוויין די מעגלאַכקייט צו פאַרווירקלאכן פון זיינע אידייען. אין 1825 יאָר איז ער אַוועקגעפאָרן אַף עטלאַכע יאָר קיין אמעריקע, וואו ס'איז געווען פיל פרייע ערד און וואו מענטשן, ווי ער האָט געמיינט, זיינען נאָך ניט אנגעשטעקט מיט די אייראָפּייאישע בורזשואזע פאָראורטיילן. דאָרט האָט ער באַשלאָסן צו גרינדן אַ פרייוויליקע סאָציאַליסטישע קאלאניע-קאָמונע. ער האָט געמאַכט איינציקע פּרואוון, געפאַטערט אף זיי אַלע זיינע אייגענע מיטלען,

אָבער קיינס פון זיי האָט ניט געהאַט קיין פעסטן דערפאָלג; טיילווייז דערפאַר, וואָס דער צוקלייב פון די קאָמונע-מיטגלידער איז ניט געווען קיין געלונגענער, וואָס דאָס זיינען געווען מענטשן ניט אַלעמאָל אידייאישע, ניט אויסגעהאַלטענע און אַמאָל אפילע אייגננוציקע; דעריקער אָבער דערפאַר, וואָס מע קען ניט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט קינסטלאך שאַפן אינזלען פון סאָציאַליזם. אַזעלכע אינזלען אָדער זיי קומען אום פון דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ, זיי ווערן דעמאָראַליזירט אינערלאַך, זיי באַנקראָטירן, אָדער זיי ווערן פון זיך פאַרוואַנדלט ביסלאַכווייז אין אַ קאַפּיטאַליסטישער קאָמפּאַניע, וועלכע עקספּלואַטירט פרעמדע ארבעט.

אָבער אפילע באַם דאָזיקן אומערפאָלג איז אאוען באַ זיך ניט אראָפּגעפאַלן. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין איינגלאַנד, האָט ער פאַרטראַכט צו שאַפן אַן „אויסטויש-באַנק", וואו די אַרבעטער זאָלן זיך טוישן מיט זייערע פּראָדוקטן ווענדליק דער אויסגעבראַכטער צייט, אויסקומענדיק אָן פאַרמיטלערס-עקספּלואַטאָרס. דער דאָזיקער פּלאַן איז, פאַרשטייט זיך, אויך פון אָנהויב אָן געווען פאַרמישפּעט אַף אומערפאָלג: טוישן זיך מיט פּראָדוקטן קאָנען נאָר קליינע זעלבשטענדיקע באַלמעלאַכעס, אָבער ניט אַרבעטער פון גרויסע פאַבריקן, וואו די פּראָדוקטן זיינען אַ רעזולטאַט פון ארבעט פון פיל מענטשן, אָפט אַפילע צעוואָרפענע איבער פאַרשיידענע לענדער. אויסער דעם איז אַפילע באַ די באַלמעלאָכעס דער אויסטויש פון די פּראָדוקטן אוממעגלאַך אָן דער רעגולירונג פון דער גאַנצער פּראָדוקציע: איינע קאָנען פּראָדוצירן צו פיל, די צווייטע—צו ווייניק.

א א ו ע ן האָט דאס פאַרשטאַנען ערשט נאָכן אומגעלונגענעם פּרואוו, וואָס איז געקומען פון זיין הייסן און ליידנשאַפטלאַכן פאַרלאַנג וואָס גיכער צו פאַרווירקלאַכן דעם פּלאַן פון דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט, וואָס באַזירט זיך ניט אַף עקספּלואַטאַציע. און ערשט דאמאלס, אין 1830 און 40 יאָרן, שוין אַ טיפער זאָקן, האָט אאוען אָפּגעשאַצט די אומגעהייער גרויסע

באדייטונג פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכ האָט זיך אָנגעהויבן אין איינגלאַנד. ער האָט זי אָפּגעשאַצט און האָט זיך איר איבערגעגעבן מיטן גאַנצן לייב און לעבן. און האַגאַם אין דער גרויזאַמער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די איינגלישע אַרבעטער, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען טשאַרטיזם, האָט אַוען זיך ניט באַטייליקט, ווייל ער איז ביזן סאָף געבליבן אין אַ זייט פון פּאָליטיק, אָבער אין דעם אָנפאַנג פון דער אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע, אין דער אָרגאַניזאַציע פון די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אין קאַמף פאַר דער געזעצגעבערישער אַרבעט-שוץ — אין דעם אַלעמען איז געווען די אידייאישע האַספּאַע און דער אַנטייל פון אַוענען, אין דעם אַלעמען האָבן זיינע נאָענסטע טאַלמידים און אָנהייגער, די ערשטע באַוואוסטזיניקע איינגלישע אַרבעטער-סאָציאַליסטן, געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָליע.

אין דער זעלביקער צייט האָט א א ו ע ן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לאַנגן, 87 יאריקן לעבן, ניט אויפגעהערט צו פּריידיקן פאַר אַלע געלערנטע, פּאָליטישע און צראַקע-געזעלשאַפטן זיינע אידייען וועגן דער נייער דערציאונג און וועגן דער נויטיקייט איבערצובויען די גאַנצע געזעלשאַפט אַף קאָמוניסטישע יעסוידס. אין דער דאָזיקער סוויווע האָבן פאַרשטייט זיך, זיינע קאָמוניסטישע דראָשעס קיין ערפאָלג ניט געהאַט. אָבער זיינע אַנשויאונגען אַף דער קינדער-דערציאונג זיינען אָנגענומען געוואָרן פון אַלע בעסטע פּעדאַגאָגן. און די אָרטיקע איינגלישע קאָאָפּעראַטיווע און פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג האַלט אַוענען פאַר איר גייסטיקן פאָטער און גרינדער; אים האָט אויך אין אַ געוויסער מאָס צו פאַרדאַנקען מיט איר אַנטשטייאונג די איינגלישע פאַבריק-געזעצגעבונג, די ערשטע האַנאַכע, וואָס די אַרבעטער האָבן אויסגעריסן בא די הערשנדע קלאַסן.

אָבער פאַר די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט וועט ראַבערט אַוען אַף אייביק בלייבן אַ מוסטער פון אַ טיף אידייאישן, ריינעם און אומערמידלאַכן קעמפער פאַר דער ליכטיקער צוקונפט פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער מענטשהייט.

# IV. סען־סימאָן און פוריע.

אין פראנקרייך איז די אינדוסטריעלע איבערקערעניש ארויסגעקומען אַ סאך שפּעטער, ווי אין איינגלאַנד, און דער נייסטער קאַפּיטאַליזם האָט זיך דאָרט אנטוויקלט באַדייטנד לאַנגזאַמער און שוואכער. אין פראַנקרייך איז אַ סאַך מער אופגעהאַלטן געוואָרן אין פיל געביטן פון אינדוסטריע, די קליין-מעלאכע, וואו די אינטערעסן פון די באַלעבאַטים און די אַרבעטער זיינען ניט אזוי בוילעט קעגנזועצלאך, ווי אַף דער גרויסער פאַבריק: דער באַלעבאָס — דער באַלמעלאָכע אַרבעט אָפט צוזאַמען מיט זיינע אַרבעטער, וועלכע האָפן צו ווערן זעלבשטענדיקע באַלעבאַטים.

די גרויסע רעוואָלוציע, וועלכע האָט אופגעטרייסלט פראַנקרייך ענדע XVIII יאָרהונדערט און האָט געבראַכט צו דער דיקטאַטור פון באַנאַפּאַרט און צו די נאַפּאַלעאָנישע מילכאָמעס, האָט ארויסגערופן באַ פילע איידעלע און דיינקנדיקע מענטשן אַן אנטוישונג אין דער רעוואָלוציע און אירע מיטלען צו פאַרענטפערן געזעלשאַפטלאכע פראַגן, און אַן אומצוטרוי צו די פאָלקס-מאסן, אַ שרעק פאַר זייערע אופשטאַנדן און אַן עקל צו יעדן גוואַלדטאַט.

דעריבער האָט זיך די טעאָריע פון די גרויסע פראַנצויזישע סאָציאַליסטן פון XIX יאָרהונדערט נאָך ווייניקער אנגעשפּאַרט אַף די טאַטן פון די אַרבעטער-מאסן גופע, איידער אָוענס טעאָריע, נאָך מער איז זי געווען דורכגעדרונגען מיט אַ פרידלאַכן גייסט און נאָך מער האָט זי געלייגט אירע האָפענונגען אַפן קלוגן פאַרשטאַנד פון די הערשער אָדער פון איידעלע בורזשוא. אויך ביידע ערשטע באַרימטע סאָציאַליסטן פון פראַנקרייך פונעם XIX יאָרהונדערט — אַנרי הענריך סען-סימאַן און שאַרל פוריע זיינען ניט געווען קיין קאָנסעקווענטע קאָמוניסטן און אין זייערע פּלענער פון דער קומענדיקער געזעלשאַפט האָבן זיי אופגעהאַלטן אויך דעם קאַפּיטאַל צוזאַמען

מיט דער אַרבעט. די גאַנצע שאַרפע און צעשמעטערנדיקע קריטיק זייערע איז געווען געווענדעט קעגן די פּאַראַזיטישע עלעמענטן פונעם קאַפּיטאַל, קעגן די באַנקירן, ספּעקוליאַנטן, בערזשע-לייט, הענדלער. דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל אָבער, וועלכער האָט אין זייערע צייטן זיך ערשט דורכגעשלאָגן אַ וועג אין פראַנקרייך, נאָך געווען פּראָגרעסיוו, שעפעריש, האָבן זיי געהאַלטן פאַר נייטיק און נוצלעך אַפילע אין דער קומענדיקער געזעלשאַפט.

אָבער פון די אוטאָפּיקע סאָציאַליסטן, באַזונדערס פון באַבעפן, האָבן זיך ביידע אונטערשיידט מיט אַ טיפערן פאַרשטיין די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע לעבנס-באַדינגונגען, זיי האָבן ניט געשטרעבט צו גלייכהייט נאָר אַזוי, זאָל זיך זיין אַפילע באַ אַלגעמיינער אָרימקייט, זיי האָבן געשטרעבט צו דער אומבאַגרענעצטער פרייהייט פון דער מענטשלעכער טעטיקייט, צו דער אומגעהייערער אַנטוויקלונג פון די מאַטעריעלע און גייסטיקע רייכטימער פון דער מענטשהייט און זיי האָבן געגלויבט, אַז באַם ניצאָכן פונעם סאָציאַליזם וועט זיך פאַרן מענטשלעכן געשלעכט עפענען אַ גלענצנדע און גליקלעכע צוקונפט.

אַגעוו, ניט געקוקט אָף די דאָזיקע ענלעכע שטריכן, האָבן סען-סימאָן און פוריע געווירקט לאַכלוטן אומאָפּהענגיק איינער פונעם צווייטן און זיי זיינען געווען שטאַרק פאַרשיידן סיי לויט דער אַפּשטאַם און אָרט-לעבן, סאַי לויט די טעאָריעס, וואָס זיי האָבן געשאַפן.

אַנרי סען-סימאָן (1760-1825) האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער אַריסטאָקראַטישער, פירשטלעכער פאַמיליע. זיין לעבן איז פול געווען מיט געשייענישן, וועלכע האָבן קיין שום שאַיכעס ניט געהאַט צו דער טעאָריע פון סאָציאַליזם. אַנטוישט אין יענע פאַרגעניגנס, וואָס ער האָט געזוכט אין דער יוגנט אין זיין אַריסטאָקראַטישער סוויווע, אַנהייבנדיק האָסן די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע, דאָס גאַנצע אַלטע אַדל, אַלס אַ קלאַס אַן אָפּשטאַרבנדיקער, אַ פּאַראַזיטישער, האָט ער איינער פון די ערשטע פאַרשטאַנען די גרויסע באַדייטונג פון דער אינדוסטריעלער

איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען און מיטן געאווינישן כוש פון פאָראויסזען האָט ער פאָראויסגעזאָגט די גרויסקייט פון יענעם עקאנאמישן און גייסטיקן פראָגרעס, מיט וועלכן עס האָט זיך ווירקלאַך אויסגעצייכנט דער אָנפאַנג פונם XIX יאָרהונדערט. ער האָט זיך געקאָכט אין אַלע מינים וויסנשאַפטן. געוואָרן אַן אינזשענער, אין אַ גאַנצער ריי אינדוסטריעלע פראָעקטן האָט ער געפאַטערט זיין גאַנצן פאַרמעגן און איז געשטאָרבן אַן עוויצן.

אין סען-סימאָנס פילצאָליקע ווערק זיינען צעוואָרפן געוואָרן פיל גלענצנדע, מערקווירדיקע געדאנקען (פאַרשטייט זיך צוזאַמען מיט פיל פאַרעלטערטע און מעשונעדיקע געדאנקען), וועלכע זיינען שפעטער אריין אין אַלגעמיינעם אויצאַר פון די וויסנשאַפטלאַכע קענטעניש פון דער מענטשהייט און באַזונדערס אין וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם פון מארקס און ענגעלס. סען-סימאָן האָט איינגעשטעלט דעם באַגריף פון פ ר אָ ג ר ע ס אין דער מענטשלאַכער געשיכטע, דאָס הייסט, אַ שטענדיקע ענדערונג פון איין לעבנס-פאָרם אַף אַן אַנדערער, אַ בעסערער. די אנטשטייאונג פון שקלאַפעריי, ווען די געפאַנגענע סאָנים פלעגט מען לאָזן לעבן און צווינגען זיי צו אַרבעטן אַף די זיגער, איז שוין געווען אַ פראָגרעס אין פאַרגלייך מיט די מער באַרבאַרישע צייטן, ווען מע פלעגט אלע געפאנגענע דערהאַרגענען, נאָך דער שקלאַפעריי האָט געפאָלגט דאָס לייב-אייגנטום, אַ מילדערער מין פון שקלאַפעריי, נאָכן לייב-אייגנטום פאָלגט די „פרייע“ לוין-אַרבעט. נאָך דער הערשאַפט פון פאַראזיטישן פריסטערטום, פעאָדאליזם און מיליטאַריזם האָט סען-סימאָן —. אליין אַ געוועזענער אַדלמאַן און אַ מיליטער-מאַן — פאָראויסגעזאָגט, אַז עס מוז אָנקומען אַ דאָר פון וויסנשאַפט, אינדוסטריע, ביכלאַל פון נוצלאַכער, פראָדוקטיווער אַרבעט און שאפונג.

ווען פראַנקרייך — האָט ער געזאָגט,—זאָל אין איין שיינעם פרימאָרגן פאַרלירן אירע בעסטע געלערנטע, פאָעטן, קינסטלער, לערער, די בעסטע אַרבעטער-מייסטערס און די טעטיקסטע קאַפיטאַליסטן-אָרגאַניזאַטאָרן, וואָלט זי גייסטיק געשטאָרבן, זי

וואָלט פאַרבליבן אַ גוף אָן אַ נשמה. דערפאַר אָבער, ווען זי וואָלט פאַרלירן אַלע קיניגלאַכע פּרינצן מיט זייער גאַנצער סוויטע, אַלע מיניסטאָרן, ביוראָקראַטן, דאָס העכערע פּריסטערטום און ביכלאַל אַלע נעגידים-לײדיק-גײער, וואָלט דאָס לאַנד און דאָס פאָלק דערפון אַ האָר נישט פאַרלאָרן.

אָבער, אָנערקענענדיק די גאַנצע אומגעהײערע היסטאָרישע באַדײטונג פונם נײעם אינדוסטריעל-קאַפּיטאַליסטישן פּעריאָד, ווען עס איז באַשערט צו פאַרגרעסערן אָן אַ שיר די רײַכטימער פון דער מענטשהײט און איר מאַכט איבער דער נאַטור, האָט דאָך סען-סעמאָן גאַנץ גוט געזען אַלע טונקעלע, נעגאַטיווע זײַטן און דערשײַנונגען פונם קאַפּיטאַליזם. ער האָט אײנער פון די ערשטע באַשטימט די ראָליע פונם פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ לאַכלוטין באַזונדערער געזעלשאַפטלאַכער קלאַס, און נישט אַלס אַ צוגאָב בלויז צו דער קלײנבורזשואַזיע, ווי מע האָט געמײנט ביז אים. ער האָט געזען, אַז דער דאָזיקער פּראָלעטאַריאַט ווערט אומבאַראַכמאָניַסדיק עקספּלואַטירט גײַסטיק און מאַטעריעל, און שוין אין אָנהײב פונם גלענצנדן אויפבלי פון דער בורזשואַזיע האָט ער פאָרױסגעזאָגט, אַז די בורזשואַ-קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, וועלכע איז געגרינדעט אויף פּריוואַט-אײגנטום און קלאַסן-קאַמף וועט פאַרביטן ווערן אויף אַ געזעלשאַפט, וועלכע ווערט געגרינדעט אינם גײַסט פון אַסאָציאַציע, ד. ה. פון אַלגעמײנער פּאַראײניקונג און מיטאַרבעט. די דאָזיקע שטרעבונג צו אַסאָציאַציע, צו פאַרבײַטן דעם קאַמף צווישן מענטשן אויף זײער מיטאַרבעט, האָט סען-סימאָן פּראָקלאַמירט אַפילע אַפן יעסאָד פונם אַלגעמײנעם געזעץ פון דער מענטשלאַכער געשיכטע. די עקספּלואַטאַציע פון אײן מענטש דורכן צווײטן דאַרף, סאָף קאָל סאָף, לאָזן איר אָרט פאַר דער עקספּלואַטאַציע פון דער נאַטור דורך דער פאַראײניקטער אַרבעטנדיקער מענטשהײט. די פאַרוואַלטונג איבער מענטשן דאַרף פאַרביטן ווערן אויף פאַרוואַלטונג איבער זאַכן. אַנשטאַט מיליטער-לײַט און פעאָדאַלן דאַרפן זיך יער שפּיץ פון דער מענטשהײט שטעלן

אינזשענערן און געלערנטע: פאַר אַלע מענטשלאַכע שטרעבונגען דאַרף געגעבן ווערן אַ פולשטענדיקע פרייהייט, דער פראָלע־טאַריאַט, אַלס דער לעצטער אין שקלאַפעריי, דאַרף פאַרשווינדן, און צונויפגיסן זיך מיט דער גאַנצער מענטשהייט אין איין אַרבעט־מישפאָכע.

אָפּלייקענענדיק די קירך פון זיין צייט, איז דאָך סען־סימאָן געבליבן רעליגיעז און האָט אַפילע געוואָלט גרינדן אַ נייע רעליגיע (זיין לעצט גרויס ווערק הייסט טאַקע אַזוי: „נייער קריסטנטום”). זיינע טאַלמידים, די אַזוי גערופענע סען־סימאָ־ניסטן, וועלכע האָבן פון זיין טעאָריע געמאַכט באַשטימטערע סאָ־ציאַליסטישע אויספירן, האָבן צו דער זעלביקער צייט דערפירט ביז קאָמיזם די דאָזיקע רעליגיע, מיט זייערע „קויהאַנים גדוי־לים”, ספּעציעלע מינהאָגים א. ד. ג.

בּיכלאַל האָט דער סאָציאַליזם פון סען־סימאָן און זיינע נאָכפאָלגער אויסגעדריקט ניט די שטרעבונגען און אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן, נאָר די מעטושטעשע האָפנונגען פון דער יונגער בורזשואזער אינטעליגענץ, צווישן וועלכער ער איז דאַ־מאָלס דעריקער פאַרשפּרייט געוואָרן. אָבער אַלץ, וואָס איז גע־ווען גרויס און ווערטיק אין דער דאָזיקער טעאָריע, האָט אויס־גענוצט דער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער גייט אַנשטאָט דער בור־זשואַזיע, וועלכע איז אויך געוואָרן אַ פּאַראַזיטישער קלאַס.

שארל פוריע (1772-1837) איז אין פיל הינזיכטן געווען דער הייפעך פון סען־סימאָנען. אַ זון פון אַ רייכן פּראָוויג־ציעלן סויכער, האָט ער לויטן פאַרלאַנג פון זיין פאָטער, געמוזט אויך ווערן אַ סויכער און איז געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער, אָבער דער מיסכער האָט אַרויסגערופן בא אים דעם גאַנצן לעבן אַן עקל, ווייל דאָס איז נאָר אַ קונץ ווי אַזוי צו לייגן און אָפּנאַרן, און דער דאָזיקער עקל האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אינם אויסאַרבעטן זיינע סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען. באַקומען נאָכן טויט פון זיין פאָטער אַ גרויסע יערושע, האָט ער זי אָנגעוואָרן בעשאַס דער רעוואָלוציע. אין דער יוגנט, האָט ער, לויטן אופ־טראַג פון זיינע באַלעבאַטים, פיל אַרומגערייזט איבער אייראָפּע,

און דאָס האָט זייער פאַרברייטערט זיין גייסטיקן האָריזאָנט און געגעבן אים פיל נוצלאַכע עקאָנאָמישע ידיעות.

אַ קאָנצענטרירטער אין זיך, אַן איינגעשלאָסענער, אַ שווייגענדיקער, האָט ער פיל געלעזן און, לעהייפעך צום צוגעלאָזטן סען-סימאָנען, איז ער געווען אַ קאָבינעט-געלערנטער. 30 יאָר אַלט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן, און אין 1808 יאָר האָט ער אָנגעשריבן זיין ערשטן גרויסן ווערק, וואו ער האָט איבערגעגעבן די טעאָריע פון סאָציאַליזם. און ווען ער האָט אין עטלאַכע יאָר אַרום באַקומען אַ קליינע ירושה פון דער מוטער, האָט ער געוואָרפן דעם עקלהאַפטן מיסכער און האָט זיך גענומען צו דערלערנען די סאָציאַלע פראַגן. ער האָט אַרויסגעגעבן נאָך עטלאַכע ווערק, וועלכע האָבן אים ניט בלויז ניט רייך געמאַכט, נאָר זיי האָבן איינגעשלונגען זיינע לעצטע קנאַפע מיטלען. געשטאָרבן איז ער אַ גרויסער עווייען און קימאַט אין פולער איינזאַמקייט.

פוריע האָט געגעבן אַ מערקווירדיק געלונגענע און קלאָרע קריטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און פונקט אזא קלאָר בילד פון דער קומענדיקער געזעלשאַפט, וועלכע וועט זיך באַזירן אף סאָלידאַרישקייט און „האַרמאָניע“ פון אַלע מענשלאַכע שטרעבונגען און אינטערעסן.

אינם קאַפּיטאַליזם האָט פוריע׳ן אופגערעגט ניט אַזויפיל די אומגלייכקייט, ניט אַזויפיל די עקספּלואַטאַציע און די אָרימקייט פון די פאָלקס-מאַסן (ווי דאָס איז געווען ביי די פריערדיקע סאָציאַליסטן, באַזונדערס בא באַבעפן), וויפיל זיין אומזיניקייט, יענע פאַרשווענדונג פון קויכעס און מיטלען, וועלכע ווערט אַרויסגערופן דורך דער סיסטעם פון באַזונדערע, פּריוואַטע ווירטשאַפטן און זייער קאָנקורענץ צווישן זיך. „די הויפּט-סיבע פון אַלע געזעלשאַפטלאַכע אומגליקן“, האָט ער געהאַלטן, איז „די צעברעקלונג פון דער אינדוסטריע אָדער די ניט אָרגאַניזירטע אַרבעט“. דער פּויעל יויצע פון דער דאָזיקער אַנטי-געזעלשאַפטלאַכער אינדוסטריע איז, וואָס „יעדע באַזונדערע פערזענלאַכקייט געפינט זיך אין א בעקיוונדיקער מילכאָמע מיט דער מאַסע“.

פוריע האָט אויסגערעכנט און דערוויזן, וואָס פאַר א שלאַל אַרבעט עס ווערט געפּאַטערט אין דער מאָדערנער געזעל־שאַפט ניט פּראָדוקטיוו, וויפיל לײדיק־גייער, פּאַראַזיטן, ניט נוי־טיקע און אומנוצלאַכע פּראָפעס׳עס זיינען דאָ. פון דער צוויי־טער זייט, ברייגגט די דאָזיקע אומאָרגאַניזירטקייט דערצו, אַז „אין דער עפּאָכע פון ציוויליזאַציע ווערט די אָרעמקייט געבאָרן דאָווקע פון דער שעפע״, די אָרימקייט איז אַן אומפאַרמיידלאַכע באַגלייטערין פון דער רייכקייט. בא דער קאַפּיטאַליסטישער אָרד־נונג איז די אַרבעט א קלאָלע, און די פריערדיקע סאָציאַליסטן האָבן געהאַלטן, אַז אויך אין דער קומענדיקער געזעלשאַפט וועט זי זיין אַ מוז. פוריע דערווייזט אַז בא א ריכטיקער אָרגאַניזאַ־ציע פון דער געזעלשאַפט וואלט די ארבעט געוואָרן א סימכע און אַ פאַרגעניגן. דעם דאזיקן געדאנק, ווי דעם פלאן גופע פון דער דאָזיקער ריכטיקער ארגאניזאציע, שיינקט ער דעם גרעסטן טייל פון אַלע זיינע ווערק.

אין דער גאַנצער וועלט, זאָגט פוריע, הערשט אַ הארמאָ־ניע, ד. ה. א פולשטענדיקער העסקעם צווישן די טיילן. דער מענטש קאָן ניט זיין קיין אויסנאַם פונם אַלגעמיינעם פּלאַן פונם וועלט־באַשאַף. נאָר די אומגעלומפּערטע געזעצן, די אומזיניקע איינאָרדנונג פון דער געזעלשאַפט האָבן פאַרקריפּלט די שיינע מענטשלאַכע נאַטור. גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן פאַרשיידנאַר־טיקע „טאַיוועס״, ד. ה. באַגערן, שטרעבונגען און נעטיעס. אנשטאַט זיי צו דערשטיקן, קעדיי צו לעבן ניט אַזוי, ווי עס ווילט זיך, און ליידן דערפון, דאַרף מען נאָר די דאָזיקע טאַי־וועס מיט קענטשאַפט ריכטן און קאָמבינירן, און דאַן וועט דער געזעלשאַפטלאַכער נוצן צונויפפאַלן מיטן פּערזענלאַכן באַגער פון יעדערן. יעדע מענטשלאַכע טאַיווע איז געזעצלאַך און קאָן זיין נוצלאַך, ווען מען זאָל זי ווי געהעריק איז אויסנוצן.

צוליב דעם צוועק דאַרף אַ געוויסע צאָל מענטשן (לויט פוריע׳ס כעשבן, 1500—2000 מענטשן) זיך פאַראייניקן אין איין פאַרבאַנד אָדער אסאָציאַציע, וועלכע ער האָט אָנגערופן „פּאַלאַנ־גע״ און דעם אינטערנאַט וואו זיי וואוינען, „פּאַלאַנסטער״.

אַהין גייען אריין מענטשן פון סאַמע פארשיידענע פראָפעסיעס, פייאיקייטן און נעטיעס, און זיי פאראייניקן זיך צווישן אַנאַנד, לויט איינארטיקע גרופעס. זיי אלע בילדן אויס א מין ארבעט-אַרטעל און איין קאָאָפעראטיוו צוזאמען. דער פאלאנסטער איז א פרעכטיקער פאלאץ, וואו ס'איז דאָ אלץ, וואָס מען דארף האָבן פאר א באקוועמען, שיינעם און אָנגענעמען לעבן. דאָ זיינען פאראן ווארשטאַטן, מאגאַזינען און פעלדער.

אין אזא פאלאנגע טוט יעדערער דאָס, וואָס איז אנגענעם און ער קאָן לייכט ביי זיין באַשעפטיקונג. פון יעדער נעטיע קאָן די געזעלשאַפט ציען נוצן. אַזוי האָבן קינדער, לעמאָשל, א נעטיע צו גראָבן זיך אין דער ערד; וועלן מיר זיי מאַכע געבן אַלע שמוציקע אַרבעטן.

אַ דאנק דער גרויסער עקאָנאָמיע אין קויכעס און מיטלען, ווערן די פראָדוקטן אין דער פאלאנסטער געשאַפן בא א קליינער אויסגאבע פון ארבעט און קאָסטן זייער ביליק; אַזוי אַז זיינע איינוואוינער האָבן אלץ בעשעפע און פון קאָל טואוו. אָבער צו גלייכקייט און קאָמוניזם שטרעבט נית פוריע. פארקערט, ער מיינט, אַז אַ געוויסע פארשיידנאַרטקייט און א געפיל פון אייגנטום זיינען נויטיק, אַז אָן זיי קאָן נית געמאָלט זיין קיין פראָגרעס. דאָס איז נאָך ווייניק. קעדיי צוציען אין זיין פאלאנסטער קאַפיטאַליסטן און טאַלאַנטפולע מענטשן (איינזשענערן, ערפינדער א. ד. ג.) לייגט זיי פוריע פאר ספעציעלע פרעמיעס פאר קאַפיטאַל, קונסט אָדער טאַלאַנט, אזוי אַרום קאָן דאָס לעבן אין פאלאנסטער איינגעאָרדנט ווערן אָפהייניגיק פון די מיטלען, אי מיט לוקסוס, אי באַשיידן, בעהעסקעם מיטן געשמאַק און נעטיעס פון יעדן איינעם.

אָבער בא דעם אלעמען בלייבט די פאלאנגע אַן איינהייטלאכע ווירטשאַפט און איין מענטש עקספלואַטירט דאָרט נית דעם צווייטן.

אַן אומגעהייערע באדייטונג האָט צוגעגעבן פוריע דער געזעלשאַפטלאכער דערציאונג פון קינדער דעם דערלערנען דעם קינדערישן כאַראַקטער, דעם פאראייניקן דאָס לערנען מיט פראָדוקטיווער אַרבעט. די אידייע פון דער „אַרבעט-שול" שטאַמט נאָך

פון פוריע'ן (טיילווייז אויך די אידייע פון געברויך-קאָאָפּעראַציע) ער האָט אויך געפּריידיקט די פולשטענדיקע באַפרייאונג פון דער פרוי פון דער נידעריקער שטוביקער שקלאַפעריי, פון אַלע קליינלאַכע דאַיגעס וועגן דער שטוב-ווירטשאַפט.

צוזאַמען מיט גלענצנדע און טיפע געדאַנקען קאָן מען אין פוריע'ס ווערק געפינען פיל קינדישע און מעשוגעדיקע פאַנטאַזיעס, פון וועלכע זיינע קעגנער האָבן פיל געלאַכט. אָבער די דאָזיקע משוגעדיקע זאַכן זיינען פאַרגעסן געוואָרן, בעת פוריע'ס ליכטיקע אידייען זיינען שוין לאַנג געוואָרן דאָס פאַרמעגן פון אַלע דיינקענדיקע מענטשן און באַזונדערס פון די סאָציאַליסטן.

א סאַך ערנסטער איז דער צווייטער פוריע'ס טאָעס; דעם טאָעס זיינען, אַגעוו, באַגאַנגען אַלע סאָציאַליסטן טרוימער פון מאָר'ן אָן. ער איז געווען אַזוי זיכער אין דער ריכטיקייט, שיינקייט, סייכלדיקייט און פּראַקטישקייט פון זיין פּלאַן, אַז זיין גאַנצן לעבן האָט ער מיט אומגעדולד געוואַרט אַף יענעם גוויר וואָס וועט ניט קאָנען בייַשטיין קעגן דעם שיינעם בילד פונם פאַלאַנסטער און וועט געבן דעם נויטיקן ערשטן מיליאָן צוליב זיין איינאָרדנונג. פוריע האָט נאָר ניט געוואַרט קיין גוטס פון דער רעגירונג, וועלכע ער האָט אַלעמאָל געהאַלטן פאַר דאָס גרעסטע בייז. אָבער בעאייס אין אייגלאַנד און אין פראַנקרייך האָבן זיך שוין געפילט די ערשטע דונערן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט פוריע זי ניט באַמערקט, אָדער ער האָט זיך באַצויגן צו איר מיט פאַראַכטונג, מיט דער אַקשאָנעס פון א פאַנאַטיקער, וואַרטנדיק ביזן סאַמע טויט אַפן באַנקיר דעם באַל-צדאָקע וועלכער זאָל אים העלפן צו פאַרווירקלאַכן זיין שיינעם טרוים.

אַגעוו, די טאָעסן און די מעשוגעדיקע גיינג פון ביידע פאַרגיינגער פונם נייסטן סאָציאַליזם, פון סען-סימאָן און פוריע, דאַרף מען דערקלערן מיט יענער צייט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, מיט דער קנאַפער אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלאַכע באַציאונגען. אָבער דאָס, וואָס זיי האָבן באַם ערשטן אויפבלי פונם קאַפּיטאַליזם מיט זייער געאוויגישן קוק פאַרויסגעזען דעם סאָציאַליזם, וועט בלייבן אַלט זייער אומשטאַרבלאַכע פאַרדינסט.

# V אגיוסט בלאנקי

1805—1881

דער באוואוסטער פראנצויזישער רעוואלוציאנער אגיוסט (אויגוסט) בלאנקי איז זיין גאנצן לעבן געוועזן די פארקערפערונג פונם אומגעצאמטן גייסט פון פראלעטארישן קאמף. ער האט זיך אקטיוו באטייליקט אין אלע פראנצויזישע רעוואלוציעס פונם XIX יאר־הונדערט און האט פארטיידיקט די אינטערעסן פונם ארבעטער־קלאס און פון אלע אונטערגעדריקטע קעגן אלע רעגירונגען פון פראנקרייך. דערפאר האבן אים פיינט געהאט אלע בורזשואזע פארטייען און די סאמע לינקע אויך בעטויכאם, דערפאר האט מען אים גערוידעפט בא אלע רעזשימען; בא דער קאנטער־רעוואלוציאנערער רעגירונג פון די בורבאנען, בא דער בורזשואזער רעגירונג פון לואי־פיליפן, ביי דער „דעמאקראטישער" רעפובליק אינם 1848 יאר, בא דער אימפעריע פון נאפאלעאן דעם III און, לעסאף, בא יענער רעפובליק, וועלכע האט אנגעהויבן איר געשיכטע פונם בלוטיקן דערשטיקן די קאמונע און וואס עקזיסטירט נאך אד היאם.

צוויי מאל איז בלאנקי געוועזן פארמישפעט צום טויט, דערביי האט מען אים פארביטן דעם טויט־אורטייל אף אייביקער כפיסע. און אין די טורמעס איז ער אפגעזעסן גאנצע 37 יאר, ד. ה. א העלפט פון זיין לעבן.

בלאנקי איז געוועזן א זון פון א פראווינציעלן באאמטן פון נאפאלעאן I, א טוער פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע, און שוין אין די קינדערשע יארן האט ער מאמעש געשלונגען זיין פאטערס דערציילונגען וועגן די גרויסע היסטארישע געשייענישן, וועגן דעם קאמף פונם פאלק קעגן די קיניגן און פריצים. בעאייס מע האט ארפגעווארפן נאפאלעאן דעם I און די קאנטער־רעוואלוציאנערע אדל־לייט—די פריצים, האבן זיך צוריקגעקערט מיט זייער קיניג בעראש, איז בלאנק אלט געוועזן 10 יאר; זיין פאמיליע האט געמוזט אנטלויפן און דאס עמפינדליכע אינגל איז

געווען אַן אײדעס, ווי די ברוטאַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע מיליטאַריסטן האָבן געבאַלעבאַטעוועט. אין 1818 יאָר האָט דער עלטערער ברודער גענומען דעם קלײנעם אגיוסטן אין פּאַריזש און אָפּגעגעבן אים אין גימנאַזיע.

אין יענער צײַט האָט דאָס גאַנצע פראַנצויזישע פאָלק — די פּויערים, די אַרבעטער און די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ — געקרעכצט אונטערן יאָך פון דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער פּריצישער באַנדע, וועלכע האָט פאַרכאַפּט די מאַכט מיט דער הילף פון די רוסישע, דײַטשע און אײַנגלישע באַיאָנעטן און האָט געהערשט אין פראַנקרײַך, ווי אין אַ באַזיגטן לאַנד. די אויפשטאַנדן פון די הונגעריקע פּויערים, די בונטן פון די האַלדאַטן, וועלכע האָבן נאָך געדײַנקט די רעוואָלוציע, זײַנען אונטערגעדריקט געוואָרן מיט אַן אומבעראַכמאָנעסדיקער אכזאָריעס. אין לאַנד האָט געהערשט דער ווײַסער טעראָר, און דער גימנאַזיסט בלאַנקי מיט זײַנע כאַווײרים איז בײַגעווען בײַ אַן עפנטלאַכער הינריכטונג פון פיר סאָלדאַטן־רעוואָלוציאָנערן. דאָס אַלץ איז טיף אַרײַנגעדרונגען אין דער נעשאָמע פונם שווײַגנדיקן און אײַנגעהאַלטענעם, אָבער לײדנשאַפטלאַכן און ענערגישן יונגן מאַן, און ער האָט געגעבן אַ שוואָוע זײַן גאַנצן לעבן אָוועקצוגעבן דעם קאַמף קעגן דער רעגירונג און די הערשנדיקע קלאַסן און פאַרטײדיקן אַלע אונטערדריקטע און אומגליקלאַכע.

גלענצנד געענדיקט די גימנאַזיע, שליסט זיך בלאַנקי אָן נאָך אין זײַנע סטודענטישע יאָרן אין די אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפטן, ער באַטײליקט זיך אין די סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס און באַקומט דעם ערשטן קלאַפּ מיט אַ דעגן און אַ קויל פון אַ ביקס פון די קיניגלאַכע סאָלדאַטן. אין 1830 יאָר, ווען די אַרבעטער און די קלײנבירגערלאַכע אינטעליגענץ האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע, נעמט אין איר בלאַנקי דעם גרעסטן אָנטײל און די אַלע דרײַ טעג פונם קאַמף אויף די באַריקאַדעס שטײט ער דאָרט מיטן ביקס אין האַנט ביז וואַנען דאָס פאָלק האָט גוויוועט געווען דאָס מיליטער.

טײקעף נאָך דער רעוואָלוציע, דערזעענדיק, אַז די באַנקירן

און אַנדערע געשעפט-מאַכערס פון דער רייכער בורזשואַזיע האָבן אויסגענוצט דעם אופשטאַנד פונם פאָלק צוליב זייערע אייגענע צילן און האָבן אַוועקגעזעצט אַפן טראָן זייער אָנגעשטעלטן קיניג, לואי-פיליפן, דעם קאָרעוו פון דער אַראָפגעוואָרפענער בורבאָנישער דינאַסטיע—האָט בלאַנקי אָנגעהויבן צו פירן אַן אומאופהערלאַכן, אַן אומערמידלאַכן קאַמף קעגן דער נייער בורזשואַזער רעגירונג. ער האָט אָרגאַניזירט אומלעגאַלע געזעלשאַפטן פון אַרבעטער און אינטעליגענץ, געמאַכט פאַרשווערונגען, צוגעגרייט אופשטאַנדן. מע האָט אים עטלאַכע מאָל אַרעסטירט, געמישפּעט, צוגעמישפּעט צו טורמע, אָפּגעגעבן אונטער דער אופזוכט פון דער פּאָליציי. פאַר דער דאָזיקער צייט ווערט ער פון אַן אינטעליגענטישן קליינבירגערלאַכן דעמאָקראַט א קאָמוניסט, דעריקער אונטער דער ווירקונג פון די ערשטע אופשטאַנדן פון די אַרבעטער אין ליאָן (1831 און 1834 יאָרן) און נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַקאַנט מיטן אַלטן קאָמוניסט—בואָנאַראָטי, באַבעפס כאַווער, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון דער עמיגראַציע.

ענדלאַך האָט בלאַנקי דעם 12 מאַי 1839 יאָר געפּרואווט מאַכן אַ באַוואָפנטן אופשטאַנד מיטן צוועק אַראָפּצושליידערן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע און איינשטעלן די רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור. דער אופשטאַנד איז ניט געלונגען, ווייל די פאָלקסמאַסע איז ניט צוגעשטאַנען צו די פאַרשווערער. בלאַנקין האָט מען אַרעסטירט, פאַרמישפּעט צום טויט און נאָך דער „באַגנעדיקונג" האָט מען אים צוזאַמען מיט זיינע כאַווערים פאַרמויערט אין דער פינסטערער און שרעקלאַכער טורמע „דער באַרג פונם הייליקן מיכאַאיל". דעם רעזשים אין דער דאָזיקער טורמע קאָן מען פאַרגלייכן נאָר מיטן רעזשים אין די טורמעס פונם געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד... איינזאַמקייט, קאַרצער, פּייניקונג, עקלהאַפטע שפּייז... דער טויט פון זיין געליבטער פרוי האָט אים שיר ניט דערפירט צו מעשוגאַעס. אָבער ער האָט אָנגעשטריינגט זיין ווילן און גענומען זיך אין די הענט אַריין, געפּרואווט זיך אַפילע אַנטלויפן, אָ ער ... ע האָט אים געפּאַקט. ער האָט פיל געלייענט און

געשריבן, באַהאַלטנדיק דאָס אָנגעשריבענע פון די באַאמטע. דער האַלז-טובערטולאָז האָט דאָך געצוואוגגען אריבערצופירן בלאַנקי'ן אין אַן אנדער טורמע, אָף דאָרעם, וואו ער האָט זיך אָפגעזאָגט פון דער קיניגלאַכער באַגנעדיקונג. באַפרייט איז ער געוואָרן ערשט אַפן ניינטן יאָר פון זיין זיצן טפּיסע דורך דער פעווראַלער רעוואָלוציע פון 1848 יאָר.

אין פּאַריזש איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעפּובליק. לויט דער פאָדערונג פון די ארבעטער האָט מען אין דער צייט-ווייליקער רעגירונג, וועלכע האָט זיך צונויפגעשטעלט פון אדוואָקאָטן און זשורנאַליסטן, איינגעשלאָסן די סאָציאַליסטן — דעם שרייבער לואי בלאַן און דעם ארבעטער אַלבער, אָבער זיי האָבן ניט אויסגעדריקט די עמעסע אינטערעסן פון די אַרבעטער, געגאַנגען אָף קאָמפּראָמיסן מיט דער בורזשואַזיע, געווען שוואַך און ניט אַנטשלאָסן און אָפט מאָל אַפילע, ווי לואי בלאַן, געגאַנגען קעגן די אינטערעסן פון די ארבעטער. בלאַנקי האָט דאָס אַלץ געזען און פארשטאַנען. פון די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע האָט ער גענומען אופדעקן די צוויעסדיקע פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע האָט באַקומען די מאַכט, אַ דאַנק די ארבעטער, און האָט זיי גאָרנישט ניט געגעבן. אינם קלוב, וואָס ער האָט געגרינדעט, האָט בלאַנקי געפירט אַן אומערמידלאַכע רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע, געגרייט זיך אָראָפּצושלייַדערן די רעגירונג און צו שאַפן אַ ווירקלאַך רעוואָלוציאָנערע מאַכט. ער האָט אָרגאַניזירט ארבעטער-מאַניפעסטאַציעס, פיינטלאַכע דער רעגירונג און דער בורזשואַזיע. און אָף וויפיל עס האָבן אים געאַכט און געגליבט די פאַריזשער ארבעטער, אָף אַזויפיל האָט איב געהאַסט די גאַנצע בורזשואַזיע און די גאַנצע רעגירונג, צווישן וועלכע עס זיינען געווען זיינע פריערדיקע כאַווירים אין די אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון די 30-טער יאָרן. מע האָט אים גענומען העצן און רוידעפן. מיט דער הילף פון אַ פאַלשן פּאָליצייאישן דאָקימענט האָט מען אָף אים אָפּילע אויסגעטראַכט אַ מיעסן בילבול, אַז ער האָט קלוימערשט אין דער צייט פון לואי פיליפּן, נאָכן אופשטאַנד פון

1839 יאָר, אַרויסגעגעבן דער פּאָליציי זיינע כאַוויירים און די סוידעס פון זיין אָרגאַניזאַציע.

בלאַנקי האָט לייכט אָפּגעלייקנט דעם בילבול און האָט אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאַררעטערישן קלאַפּ אין רוקן, וואָס עס האָבן אים דערלאַנגט זיינע סאָנים און זיינע געוועזענע פריינט. אָבער זיי האָבן געוואָרפן אַף אים אַ כשאַד, און זיין פּאָפּוליאַריטעט איז קלענער געוואָרן. איז דאָס נאָך ווייניק, האָט די רעגירונג, נאָך דעם, ווי זי האָט צונויפגערופן די רעאַקציאָנערע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אויסגענוצט די מאַניפעסטאַציע פונם 15-טן מאַי, און האָט אַרעסטירט בלאַנקי'ן צוזאַמען מיט די אַנדערע פירער פון דער מאַניפעסטאַציע. קימאַט אין אַ יאָר אַרום האָט מען בלאַנקי'ן געמישפּעט. אַפן מישפּעט האָט ער געהאַלטן אַ גלענצנדע רעדע, ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ באַשולדיקטן אין אַ באַשולדיקער פון דער גאַנצער בורזשואַזער געזעלשאַפט. די ריכטער האָבן אים פאַרמישפּעט אַף 10 יאָר טורמע. ווידער האָבן זיך גענומען ציען די לאַנגע טורמע-יאָרן, איצט שוין ביי פרייערע באַדינגונגען, אָבער אין דער שווערער אַטמאָספער פון קעגנזייטיקן קאַמף צווישן די געפאַלענע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. צוזאַמען מיט בלאַנקי'ן זיינען געזעסן זיינע פּאָליטישע קעגנער, קלייןבירגערלאַכע רעוואָלוציאָנערן; זיי האָב אים פאַרפאָלגט אין טורמע אויך, און נאָר די אַרבעטער האָבן באַשיצט זיין רו און זיכערקייט.

בלאַנקי האָט זיך געפּרואווט אַנטלויפן אויך פון דער דאָזיקער טורמע, וועלכע איז געשטאַנען אַף אַן אינזל. בעשאַס אַ שפּאַציר האָט זיך אים איינגעגעבן צוזאַמען מיט אַ יונגן כאַווער צו באַהאַלטן זיך און אַריבערקריכן איבער דער וואַנט פון טורמע. אָבער עס האָט זיי אַרויסגעגעבן דער פישער, וועלכער האָט זיך גענומען זיי אַריבערצופירן פון אינזל אַפן צווייטן ברעג. מע האָט בלאַנקי'ן געפּאַקט און צוריקגעפירט אין טורמע.

אין עטלאַכע יאָר אַרום האָט מען אים אַריבערגעפירט אין אַ באַסער טורמע אַפן אינזל קאָרסיקע און, ווען ער איז אָפּגעזעסן זיין צייט, האָט מען אים פון דאָרט אַרויסגעשיקט קיין

אַפּריל; נאָר די אַלגעמיינע פּאָליטישע אַמניסטיע, וועלכע איז „געשיינקט" געוואָרן אין 1859 יאָר דורכן נייעם הערשער פון פראַנקרייך דעם אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָן דעם III, האָט צוריקגעקערט בלאַנקי'ן צום פּאָליטישן לעבן.

אין יענער צייט האָט אין פראַנקרייך געהערשט די פינסטערע רעאַקציע. דער אַרבעטער-קלאַס איז אָנטבלוטיקט געוואָרן דורך דער שכיטע אין יוני 1848 יאָר און דורכן דעספּאָטיזם פון נאַפּאָלעאָנען. בלאַנקי, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט נאָך 11 יאָר טורמע, איז געווען איינזאַם. אפילו דער זון, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין א בורזשואַזער פאַמיליע פון זיין ווייבס קרובים, איז אויסגעוואַקסן געוואָרן אַ נידערטרעכטיקער און עגאָאיסטישער בורזשואַ און האָט אופגעהערט עקזיסטירן פאַר בלאַנקי'ן. מער נישט זייגע שוועסטער, וועלכע האָבן אים הייס געליבט, האָבן אים אונטערגעשטיצט. אָבער דער שוואַכער, קליינוואוקסיקער, גרויער זאָקן האָט אַרויסגעטראָגן פון די טורמעס די גאַנצע ענערגיע און רעוואָלוציאָנערע ליידנשאַפט פון זיין יוגנט, ער האָט דערפילט, אַז די יאָרן פון רעאַקציע ענדיקן זיך, אַז צווישן די אַרבעטער און לערן-יוגנט איז אויסגעוואַקסן א נייער דאָר, וועלכער איז פייאיק צום קאַמף.

בלאַנקי האָט אופסניי גענומען פירן אַן אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. אָבער בא זיין גאַנצער פאָרזיכטיקייט, האָט אים דאָך די פּאָליציי אַרעסטירט אין 1861 יאָר און דער פּאָליציייאישער געריכט האָט אים ווידער פארמישפּעט אַף 4 יאָר טורמע. דאָס מאָל האָט מען אים פאַרזעצט אין דער טורמע פאַר פּאָליטישע אין פּאַריזש וואו מע האָט אים זייער געצאַכט, און וואו ער האָט דערצויגן א גאַנצן דאָר רעוואָלוציאָנערן.

אַביסל פריער, איידער בלאַנקי האָט נאָך געענדיקט דעם טערמין פון זיין טפיסע, איז ער קראַנק געוואָרן און מע האָט אים איבערגעפירט אין אַ שפּיטאָל. פון דאָרטן איז ער אַנטלאָפן, ווייל ער האָט מוירע געהאַט, און מיט גרונט, אַז נאָך דער באַפרייאונג וועט מען אים ווידער ערגעץ אַרויסשיקן. ער האָט זיך באַזעצט אין בעלגיע, אין ברוסעל, אָבער אין געהיים פלעגט ער

אָפּט קומען צוּפאָרן קיין פּאַריז, וואו ער האָט ווידער גע-
גרינדעט אַן אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. ווען
ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פראַנצויזיש-פּרייסישע מילכאָמע אין
1870 יאָר, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַפּאַלעס פון די
פראַנצויזישע כאַיאָלעס און דאָס פאָלק האָט גענומען אַלץ שטאַר-
קער פראָטעסטירן קעגן דעם אימפּעראַטאָרישן רעזשים, האָט
בלאנקי געפּרואווט אויפצוהויבן אַ מערידע אינם אַרבעטער-קוואר-
טאַל פון פּאַריז, אָבער דאָס מאָל איז דאָס אים אויך ניט
געלונגען, ווי אין 1839 יאָר. ווייל דעריקער טאָעס פון זיין
גאַנצער טעטיקייט איז באַשטאַנען דערין, וואָס קיין רעוואָלוציע
קאָן מען ניט „מאכן", ווי בלאַנקי האָט געמיינט, מע קאָן זי ניט
אַרויסרופן קינסטלאַך. אַ רעוואָלוציע פּלאַקערט אויף פון זיך אַליין,
ווען עס ווערן צייטיק דערצו געוויסע באַדינגונגען.

און, ווירקלאַך, סאַכהאַקל אין עטלאכע וואָכן אַרום נאָך
בלאַנקיס אומגעלונגענעם פּרואוו, דעם 4 סענטיאַבר 1870 יאָר,
איז אין פראַנקרייך פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ רעפּובליק.

אונטער דער ווירקונג פון זיין ליידנשאַפטלאכן פּאַטריאָ-
טיזם, איז דאָס מאָל בלאַנקי ווידער אַמאָל באַגאַנגען אַ טאָעס.
כאָטש נאָך דער איבערקערעניש דעם 4 סענטיאַבר האָבן זיך בא
דער מאַכט געשטעלט דירכגעטריבענע בורזשואַזע ספּעקוליאַנטן
און מענואַוואָלים, וועלכע בלאַנקי האָט געקאָנט נאָך פון 1848
יאָר, פונדעסטוועגן האָט ער געגלויבט אין זייער אופריכטיקן
ווילן צו ראַטעווען פראַנקרייך פון די פּרייסן, ניט פאַרשטייענ-
דיק, אַז אין קאַמף קעגן די אַרבעטער זיינען זיי גרייט צו גיין
אַף יעדן פּאַראַט. אין זיין צייטונג „דאָס פאָטערלאַנד איז אין
סאַקאָנע" האָט ער גענומען רופן די אַרבעטער צייטווייליק אָפּ-
זאָגן זיך פון יעדן קאַמף, צו שטיצן אינגאַנצן די רעגירונג. נאָר
שוין גאָר אינגיכן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די צייטווייליקע
רעגירונג איז געווען אַנגעמאַסטן פאַר דער גאַנצער פראַנצויזישער
בורזשואַזיע און האָט זי נאָך איבערגעיאָגט אין איר נידערטרעכ-
טיקייט. ער האָט גענומען פאָדערן אַז זי זאָל אָנגעבן אין

דעמיסיע, קעדיי צו שאפן אף איר ארט אן עמעסע פאלקס-רעגירונג פון רעוואלוציאנערער פארטיידיקונג.

נאך דער אומגעלונגענער מאניפאסטאציע דעם 31 אקטאבער 1870 יאר, ווען די ארבעטער האבן פארגעלייגט בלאנקין ער זאל אריין אין דער נייער רעגירונג, האט ער זיך געמוזט אויסבא־האלטן פונם צארן פון דער בורזשואזער רעאקציע און ענדלאך האט מען אים ארעסטירט אין דער פראווינץ דעם 17 מארט 1871 יאר, פונקט ערעוו יענעם טאג, ווען די אופגעשטאנענע פאריזשער ארבעטער האבן געבילדעט די רעוואלוציאנערע קאמונע, ד. ה. אן ארבעטער-רעגירונג.

עסלאכע כאדאשים פארן געריכט איז ער אפגעזעסן אין א ווייטער פעסטונג אפן ברעג פונם יאם. בלאנקי איז געזעסן איי־נער אליין אין א נאסן קעלער, אפגעשניטן פון דער גאנצער וועלט. דארט האט ער אנגעשריבן אן אינטערעסאנטן אסטרא־נאמישן בוך. צוויי מאל האט אים געמישפעט א מיליטערישער געריכט און אים פארמישפעט צו אייביקער טורמע. מע האט אים אוועקגעשיקט אין א פראווינציעלער טורמע, וואו עס האבן זיך געפייניקט פיל קארבאנעס פון די טאליאנים פון דער קא־מונע, מע האט אים ווידער פארמויערט איינעם אליין; דער דאזיקער קראנקער, בויטע-קאמעסער זאקן, וועלכער איז געוועזן אזוי שרעקלאך פאר דער בורזשואזיע, האט דארטן פארבראכט 8 יאר פון זיין לעבן. די פאליטישע אופלעבונג, וואס האט זיך אנגעהויבן אין פראנקרייך, די אופוואכונג פון די ארבעטער, וועלכע זיינען דערשטיקט געווארן בשאס דער שכיטע פון דער קאמונע — האבן געצוואונגען דעם פארלאמענט צו געבן אן אמניסטיע, און אין 1879 יאר האט מען דעם אלטן 75-יאריקן זאקן, סאף קאל סאף, באפרייט.

די ארבעטער האבן אים פייערלאך מעקאבל פאנים געווען און נאך אנדערהאלבן יאר האט ער פארבראכט אין אומאופ־הערלאכער סאציאליסטישער פראפאגאנדע און אגיטאציע. ער איז געשטארבן דעם 1-טן יאנוואר 1881 יאר.

בלאנקי איז געווען נים בלויז א רעוואלוציאנערער קעמפער,

ניט בלויז אַן אָרגאַניזאַטאָר פון פאַרשווערונגען, ווי מע פלעגט אים אַלעמאָל שילדערן. ער איז אויך געווען אַ דיינקער, אַ שיינער רעדנער און אַ שאַרפזיניקער שריפטשטעלער. ער איז געווען אַן איבערצייגטער מאַטעריאַליסט און האָט סיך געהאַסט די רעליגיע און די גייסטלאַכע, ער האָט אויך אויסגעלאַכט די אומפּרוכפּעריקע טרוימערייען פון די אוטאָפּישע סאָציאַליסטן, ער האָט געקעמפט קעגן יענע ארבעטער, וועלכע האָבן זיך אָפּגע-זאָגט פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און געלייגט אַלע האָפע-נונגען אָף פרידלאַכע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, אָף ארטעל-ווארשטאַטן און קאָאָפּעראַטיוון.

בלאנקי אַליין האָט אנערקענט נאָר איין וועג צום סאָציאַ-ליזם: די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער דאַרפן פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט. דערביי האָט ער אָבער קיין אַכט ניט געלייגט אָף דער עקאָנאָמישער אָרגאַני-זאַציע פונם אַרבעטער-קלאַס, צופיל אַכט געלייגט אָף די אידייען און צו ווייניק אָף די עקאָנאָמישע באַדינגונגען. מיט מאַרקס וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם איז ער ניט באַקאַנט געווען. אָבער האָגאָם מאַרקס און ענגעלס האָבן אין פיל זאַכן ניט מאַסקים געווען מיט בלאַנקין, האָבן זיי אים דאָך סיף געאַכט און האָבן אים געהאַלטן פאַרן עמעסן פירער פונם פראַנצויזישן פּראָלע-טאַריאַט.

און, ווירקלאַך, בײַ אַלע טאָעסן פון בלאַנקיס פּאָליטישער טעטיקייט, בײַ דער גאַנצער איינזייטיקייט פון זיינע אנשויאונגען וועט ער דאָך אָף אַלעמאָל פאַרבלייבן אין די אויגן פון די אַרבעטער אַלס מוסטער פון איבערגעגעבנקייט צו זייערע אינטע-רעסן, דער אַרבעטער-קלאַס וועט אַלע מאָל אַכטן און אים דעם פעסטן, מוטיקן קעמפער און דעם אויסגעהאַלטענעם רעוואָלו-ציאָנער, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זיין לאַנגן מאַרטירער-לעבן פאַרן סאָציאַליזם.

# VI. לואי בלאַן און קאַבע

די עפּאָכע פון די 40-קער יאָרן אין פראַנקרייך צייכנט זיך אויס ניט נאָר מיט דער אַרויסווייזונג פונם אונטערערדישן רעוואָלוציאָנערן קאָמוניזם פון באַבעפס און בלאַנקיס נאָכפאָלגער. באַגלייך מיט דער קרייזל-טעטיקייט פון די אָנהייבגער פונם ווי-דעראויפגעלעבטן באַבואַוויזם (די טעאָריע פון באַבעפן) האָט באַקומען אַ ברייטע פּאָפּולאַריטעט דער „פרידלאַכער" לעגאַלער סאָציאַליזם: מאַכמעס זיין „פרידלאַכן" כאַראַקטער האָט אים די רעגירונג געדולדעט, און מאַכמעס זיין לעגאַלישקייט, און דערי-בער צוגייִנגלאַכקייט, האָט ער פאַרכאַפּט די ברייטסטע קרייזן פון די אַרבעטער-מאַסן. אין דער דאָזיקער נאָענטקייט צו די אַרבעטער, אויף וועלכע עס האָבן גערעכנט אָנצושפּאַרן זיך די סאָציאַליסטן פון די 40-קער יאָרן און צו וועלכע זיי האָבן, דע-ריקער, זיך געווענדעט, באַשטייט זייער וויכטיקסטער אונטערשייד פון די ריין-אינטעליגענטישע גרופּעס פון די סען-סימאָניסטן און פוריעריסטן. דערין האָט זיך אַרויסגעוויזן די העכערע אַנטוויק-לונג-סטאַדיע פונם קאַפּיטאַליזם, די גרעסערע באַוואוסטזיניקייט פונם קלאַסן-קאַמף און דער העכערער אינטעלעקטועלער, פּאָלי-טישער און קולטורעלער מאַצעוו פון די פראַנצויזישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געהאַט אונטער זיך שוין אַ גאַנצן יאָרצענדליק פון קאַמף מיט אַ ריין-בורזשואַזער רעגירונג.

אינם זעכציקן 1840 יאָר, ווען די שווערע טירן פון דער איינזאַמער טורמע האָבן זיך אויף לאַנגע יאָרן פאַרמאַכט אונטער בלאַנקין, זיינען אַרויס די ערשטע ווערק וועגן סאָציאַליזם. צווישן זיי דריי מערקווירדיקע ביכער, וועלכע האָבן געהאַט די גרעסטע ווירקונג אויף די אַרבעטער ביז דער סאַמע רעוואָלוציע פונם 1848 יאָר.

דאָס זיינען די ביכער: „אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט" פון לואי בלאַן, „די רייזע קיין איקאַריע" — פון קאַבע, און „וואָס איז אַזוינס אייגנטום" פון פּרודאָן.

וועגן פּרודאָנען וועלן מיר ריידן שפּעטער אינם פאָלגנדן קאַפּיטל. איצט וועלן מיר אין אַלגעמיינע שטריכן ריידן וועגן לואי בלאַן און קאַבע.

לואי בלאַן, אַ באַוואוסטער היסטאָריקער און אַ גלענצנדער פּובליציסט, דער ערשטער סאָציאַליסט, וואָס איז געוואָרן אַ מיט־גליד פון דער צייטווייליקער רעגירונג (אין 1848 יאָר), איז געבאָרן געוואָרן אין 1811 יאָר, אין אַ פאַמיליע פון אַן אַנגעזעע־נעם באַאַמטן. באַקומען אַ גוטע בילדונג, האָט ער זיך פריער גענומען פאַר לערעריי, שפּעטער איז ער געוואָרן אַ זשורנאַליסט און איז צוגעשטאַנען צו דער לינקער, דעמאָקראַטישער פּרעסע. אין 1838 יאָר האָט ער געגרינדעט אַן אייגענע צייטונג, וואו ער האָט זיך צום ערשטן מאָל גענומען באַהאַנדלען די אַרבעטער־פראַגע. אין דער זעלביקער צייטונג האָט זיך אין פאָלגנדיקן יאָר גענומען דרוקן אין פעליעטאָנען זיין „אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט", וועלכע איז דערשינען אין אַ באַזונדער בוך אין 1840 יאָר. דער ערפאָלג פונם בוך איז געווען אויסערגעוויינלאַך. אין אַ משך פון 10 יאָר האָט ער אויסגעהאַלטן ניין אויסגאַבן און געמאַכט לואי בלאַנען פאָפּולער און באַליבט בא די אַרבעטער. ווען עס האָט אויסגעבראָכן די פעברואַלער רעוואָלוציע פון 1848 יאָר, איז לואי בלאַן צוזאַמען מיטן אַרבעטער אַלבער, איינער פון די פירער פון ליאָנער איפשטאַנד פון 1831 יאָר, איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער נאָר וואָס אויסגעבילדעטער צייטווייליקער קאָאַליציע־רעגי־רונג, לויט דער פאָדערונג פון די אַרבעטער. אין דער דאָזיקער רעגירונג האָט לואי בלאַן פאַרנומען אַ צווייטדייטיקע, ווי מע זאָגט היינט, אַ „פשאָרעסדיקע" לאַגע און האָט אַנטוישט די רעוואָלו־ציאָנערע אַרבעטער. די בורזשואַזע ספּעקולאַנטן האָבן אים אָפּ־גענאַרט, ניט איין מאָל האָט ער פאַרטיידיקט די גאַנצע רעגי־רונג קעגן אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, ווי בלאַנקי, און האָט פאַקטיש געהאָלפן דער בורזשואַזיע צו „באַרואיקן" די רעוואָלוציע. פונדעסטוועגן האָט די בורזשואַזיע אים געהאַסט. נאָך דעם ווי מע האָט צונויפגערופן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג און די אַרבעטער האָבן זיך געפּרואווט צעטרייבן זי, האָבן די

נאַציאָנאַלע גוואַרדייער צעמאַזיקט לואי בלאַנען. און נאָך דעם ווי מע האָט אונטערגעדריקט דעם יוני-אופשטאַנד האָט מען אים איבערגעגעבן צום געריכט און ער האָט געמוזט אַנטלויפן קיין איינגלאַנד. אין דער עמיגראַציע איז ער אָפּגעווען מער פון 20 יאָר, ביז וואַנען מע האָט אַראָפּגעוואָרפן נאַפּאָלעאָנען אין 1870 יאָר, ווען מע האָט אים אויסגעוויילט פון דער שטאָט פּאַריז אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. אָבער בעשאַס דער קאָמונע איז לואי בלאַן ניט צוגעשטאַנען צו די אויפגעשטאַנענע פּאַריזשער אַרבעטער, און איז פאַרבליבן אין דער רעאַקציאָנערער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. אַזוי אַרום איז אָך אים געבליבן ליגן דער פלעק פון מיטאַרבעטן מיט די ווערסאַלער טאַליאַנים פון דער קאָמונע, האָגאָם ער האָט אָנגענומען אַלע מיטלען אָף צו מילדער מאַכן די אַכזאָריעס פון די זיגער.

געשטאָרבן איז לואי בלאַן אין 1882 יאָר.

אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם איז ער אַריין, דעריקער אַלס דער מעכאַבער פון בוך „אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט". אָבער דאָס קליינע ביכעלע אַנטהאַלט אין זיך ניט קיין נייע און אָרי-גינעלע געדאַנקען. לואי בלאַנס דערפאָלג דערקלערט זיך דער-מיט, וואָס ער האָט אין זיין פּערזאָן פאַראייניקט די אידייען פון די פריערדיקע סאָציאַליסטן — די פרידלאַכע אוטאָפּיסטן און רע-וואָלוציאָנערן — און האָט זיי איבערגעגעבן אין דער פאָרם פון אַ באַשטימטן פאָרשלאַג, דערצו מיט אַ שיינער, קלאָרער און פּאָפּולערער שפּראַך, וועלכע איז צוגעפּאַסט צו אַ מער אָדער ווייניקער אינטעליגענטן אַרבעטער. לואי בלאַן האָט געגעבן אַ בילעט און לעבעדיק בילד פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַ-טאַציע אין פראַנקרייך פון זיין צייט: נאָך גוט אויסגעשטעלטע און קאָנטראַלירטע אָנקעטעס האָט ער אין געניויע ציפערן באַ-שריבן דעם דאַלעס פון די אַרבעטער-מאַסן. ער האָט אָנגעוויזן אָף אַלע רעזולטאַטן, וואָס די נאַציע באַקומט פון דער דאָזיקער עקספּלואַטאַציע, אָרימקייט און דעגענעראַציע. פאַר דער הויפּט-סיבע פון די דאָזיקע דערשיינונגען האַלט לואי בלאַן „די קאָנ-קורענץ", פון וועלכער עס ליידן ניט בלויז די אַרבעטער, נאָר

אויך די קאפּיטאַליסטן; און דער מיטל צו אָפּשאַפן די דאָזיקע קאנקורענץ איז — ארגאניזירן די ארבעט, אָף די פּרינציפּן פון אסאציאציע, אדער אנדערש געזאָגט „געזעלשאפט־לאכע ווארשטאטן", וועלכע ווערן אָרגאַניזירט אָף די מיטלען פון דער מעלוכע און אונטער איר שוץ און וועלכע שטעלן זיך די אויפגאַבע ביסלעכווייז אַרויסצושטויסן די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען „די קאנקורענץ דערשלאָגן דורך קאָנקורענץ".

טכילעס איז לואי בלאנס סאציאליזם זייער געווען באשיידן און איינגעהאַלטן. ווי פּוריע, האָט ער אויך געלאָזט בלייבן אי אייגנטום אי קאַפּיטאַל אפילע. „די קאַפּיטאליסטן וועלן איינגע־לאדן ווערן צו באַטייליקן זיך אין די אסאציציעס און באקומען פּראָצענטן פון זייערע קאפּיטאלן; די פּראָצענטן וועלן זיי גאַ־ראַנטירט ווערן אפן כעשבן פון מעלוכע־בּיודושעט; אָבער די קאפּיטאַליסטן וועלן זיך באַטייליקן אין די רעוואָכים פון דער אונטערנעמונג נאָר אלס אַרבעטער".

אונטער דער ווירקונג פון דער קריטיק, האָט זיך לואי בלאן אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבן פון זיין ביך אלץ מער דערנענט צום ריינעם קאָמוניזם. אמאָל האָט ער געפאָדערט די גלייכקייט פון דער ארבעטס־לוין, אַמאָל אפילע — איינצושטעלן דעם פּרינציפּ „יע־דערן לויט זיינע באדערפענישן, פון יעדערן לויט זיינע פייאי־קייטן". אויב פריער האָט די מעלוכע; לויט לואי בלאנס מיינונג, נאָר געגעבן קרעדיט די אַרבעטער־אסאציאַציעס און געזעלשאפט־לאכע ווארשטאטן, זי איז געווען נאָר „דער באנקיר פון די אָרימע", איז שפּעטער די מעלוכע אלץ מער און מער געוואָרן באַ אים דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּראָדוקציע גופע.

זיינע אפּאָנענטן און קריטיקער פון בורזשואזן לאַגער האָט ער געענטפערט מיט אַזאַ שארפזיניקן ביישפּיל: „טראָגט זיך אריבער אָף א רעגע אין אַזאַ לאגע, ווען אלע זאָלן צעטראגן בריוו, און שטעלט זיך פאָר, אז די רעגירונג מעלדעט פּלוצים: פון היינט אָן וועל איך אליין זיך פארנעמען מיט איבערשיקן און צעטראגן בריוו. וויפל דערווידערונגען וועלן דאָ באַלד זיין, סטייטש, וועט מען זאָגן, די רעגירונג וועט דען קאָנען

דערגרייכן דערצו, אַז אין דער באַשטימטער שאָ וועט זי צושטעלן אַלץ, וואָס 34 מיליאָן מענטשן וועלן שרייבן צו 34 מיליאָן מענטשן אַלע טאָג, אַלע ווײַלע. פּונדעסטוועגן ווייסן דאָך איצט אַלע, מיט וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער פּונקטלאַכקייט די פּאָסט-אַמט פּילט אויס איר זאַך".

די הויפּט-פאַרדינסט פון לואי בלאַנען באַשטייט אין זיין קלאָרער שטעלונג פון דער פראַגע וועגן קלאַסן-קאַמף און וועגן דער ראָליע פון מעלוכע-מאַכט. ער האָט געוואוסט, אַז „מאַכט איז אַן אָרגאַניזירטע קראַפט. די מאַכט שטיצט זיך אויפן פּאַרלאַ-מענט, געריכט און סאָלדאַטן, ד. ה. אויף אַ דרייפאַכער קראַפט פון געזעץ, פּסאַק-דין און באַיאָנעט. ווען מע זאָל ניט נע-מען די דאָזיקע מאַכט, ווי אַן אייגן גע-ווער, מוז מען זיך מיט איר צוזאַמענ-שטויסן, ווי מיט אַ מעניע.

די פּראָלעטאַריער האָבן ניט קיין אַרבעט-געצייג, די רעגירונג דאַרף דאָס זיי געבן. אָבער פאַר לואי בלאַנען איז די מעלוכע בעשום אויפן ניט קיין אייביקע אַנשטאַלט: ס'וועט קומען אַ צייט, ווען עס וועט פאַרשווינדן די נויטיקייט אין אַ שטאַרקער און טעטיקער רעגירונג, ווײַל אין דער געזעלשאַפט וועלן שוין מער ניט זיין קיין נידעריקערע און מינדערווערטיקערע קלאַסן".

ווי אַזוי שטעלט זיך פאַר לואי בלאַן די אַנטשטייאונג פון אַ רעגירונג, וועלכע זאָל פּראָטעזשירן דעם פּראָלעטאַריאַט? און דאָ איז די שוואַכסטע זייט אין לואי בלאַנס בוך און אין זיין טעטיקייט. האָגאַם ער ווענדט זיך שוין צום אַרבעטער אויך, אָבער ער גלויבט נאָך אַלץ אינם סייכל האיאשער פון דער בור-זשואַזיע, אַז זי זאָל פאַרשטייט ריכטיק אירע אייגענע אינטערעסן. די זאַך פון די אָרימע, האָט ער געזאָגט דער בורזשואַזיע, איז איי-ער אייגענע זאַך. די רעגירונג פון די קומענדיקע סאָציאַלע רע-פאָרמען דאַרף אַרויסגיין פונם אַלגעמיינעם וואַל-רעכט. זי וועט זיין אַן אויסערקלאַסנדיקע אָדער אַן איבערקלאַסנדיקע. אין דער דאָזיקער נאַאיווער האָפענונג ווייזן זיך אַרויס די באַזונדער-הייטן פון לואי בלאַנס רײַן-אינטעליגענטישער ד. ה. אין סאָך

קלייןבירגערלאכער פסיכאָלאָגיע; ווי טיילווייז אויך אין זיין גאַנצן פּלאַן צו „אָרגאַניזירן די אַרבעט״ אָן דער קאָלעקטיוויזירונג פון דער גאַנצער פּראָדוקציע.

פונדעסטוועגן האָט די „אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט״ געגעבן די אַרבעטער אַ באַשטימטן קאַמף-לאָזונג, געוואָרן אַ פאָן פון אַ מאַסן-באַוועגונג און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער רעוואָלוציע פונם 1848 יאָר, אַרויסרופנדיק צום לעבן פילע פּראָדוקציאָנעלע אַרבעטער-אַסאָציאַציעס און האַגאַם די דאָזיקע אַסאָציאַציעס האָבן זיך געוויינטלאַך גיט לאַנג, האָבן זיי דאָך מיטגעווירקט דער קלאַסן-דערציאונג פונם פּראָלעטאַריאַט.

---

ניט קיין קלענערע, אויב ניט קיין גרעסערע ווירקונג, איידער לואי בלאַן, האָט געהאַט אַף די פראַנצויזישע אַרבעטער אין די 40-קער יאָרן עטיען קאַבע מיט זיין קאָמוניסטישער אוטאָפּיע „די רייזע קיין איקאַריע״.

קאַבע האָט געשטאַמט פון פּלעבייער (פּאַשעטע מענטשן) אַ זון פון אַ באָנדער, געבאָרן אין 1788 יאָר, האָט ער זיך אין דער יוגנט באַשעפטיקט מיט זיין פאָטערס מעלאָכע; שפּעטער האָט אים דער פאָטער געגעבן אַ גוטע בילדונג. געוואָרן אַן אַדוואָקאַט, האָט מען קאַבע'ן גערוידעט בעשאַס דער רעסטאַווראַציע און ער איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע אָנטיילנעמער אין דער יולי-רעוואָלוציע. קעדיי איינצוצוימען דעם געראַטענעם אַדוואָקאַט, האָט לואי פיליפּס רעגירונג געפּרואווט צו געבן אים אַן אָנגעזייענעם פּאָסטן. אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעשטעלט זיין אָפּאָזיציאָנעלע און דעמאָקראַטישע טעטיקייט, ער איז אוועק אין דעמיסיע, אויסגעווילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט, געגרינדעט אַ לינקע צייטונג „דער פאָלקס-מאַן״ (Le populiare) און סאַי פון דער טריבונע, סאַי אין דער צייטונג איז ער אָנגעפאַלן מיט צאָרן אַף דער יולי-מאָנאַרכיע. צוויי מאָל האָט מען אים געמישפּעט, צום צווייטן מאָל האָט מען אים פאַרמישפּעט אַף 2 יאָר טורמע און אין 1835 יאָר האָט ער עמיגרירט קיין איינגלאַנד. דאָרט האָט ער

זיך באַקאַנט מיט דער קאָמוניסטישער לערע לויט דער „אוטאָפּיע״ פון טאָמאס מאר און לויט די ווערק פון אאועץ און איז ביז צום סאָף פון זיין לעבן געוואָרן א הייסער און איבערצייגטער אָנהייגער פון קאָמוניזם. אומגעקערט זיך אין פראַנקרייך אין 1840 יאָר, האָט ער אַרויסגעגעבן, טכילעס אונטער אַ פסעוודאָנים, זיין באַוואוסטע „רייזע קיין איקאריע״ און אַ ריי בראָשורן (ווי אזוי איך בין א קאָמוניסט געווארן״, „דער קאָמוניסטישער אַני מאַמין״) און פון 1841 האָט ער באַנייט זיין צייטונג „פאָלקס-מאַן״ שוין מיט אַ באַשטימטן קאָמוניסטישן אינהאלט, די צייטונג האָט עקסיסטירט ביז 1848 יאָר.

אין דער פראָגראַם פון דער צייטונג ווערט אונטערגעשטראָכן דער פרידלאַכער און לעגאַלער כאראַקטער פונם קאָמוניזם, וואָס זי פריידיקט. דער קאָמוניזם באַקומט בא אים אַפילע אַ רעליגיעזע פאַרב (אַגעוו, דאָס האָט אויך געטאָן לואי בלאן) „בא אונז איז ברידערשאפט אַ רעליגיע... וועלכע באַשטייט אין פאָלגנדע, ווירקלאַך געטלאַכע אפאָריזמען: האָב ליב דעם צווייטן, ווי זיך אַליין״ א. ד. ג. „דער ערשטער כויוו פון דער געזעלשאפט איז: פאַרזיכערן פאַר אַלע מיטגלידער אירע דאָס לעבן פון דער מאַטעריעלער, גייסטיקער און מאָראַלישער זייט.. אָבער מיר ווילן פאַרווירקלאכן די דאָזיקע אַלע ענדערונגען ווערליק די קלאָלים פון גערעכטיקייט, פארבינפט, ברידערלאַכקייט, ניט עקספראָפריאירן און אונטערדריקן קיינעם ניט... מיר ווילן ניט קיין רעוואָלוציע, נאָר רעפאָרמען.. און מיר זיינען טיף איבערציינט, אַז די דאָזיקע גליקלאכע רעזולטאטן קאָן מען פולשטענדיק דערגרייכן דורך דער מאכט פון דער געזעלשאפטלאַכער מיינונג״. „דעריבער וועט די צייטונג פאַרטיידיקן די אידייען פון קאָמוניזם, אָדער זי וועט פאָדערן איינפירן אים מיט דער הילף פון דער געזעלשאפטלאַכער מיינונג און נאָר נאָך א צוגרייטונג-פעריאָד מיט א צוגרייטונג-רעזשים״.

וואָס איז שאיעך צו קאבע׳ס הויפט-ווערק — „די רייזע קיין איקאריע״, — איז עס לויט דער פאָרם א שפאַנענדיקער פאַנטאסטישער ראָמאַן, וואו עס ווערט באשריבן מיט פילע אינטע-

רעסאַנטע פראַטים דאָס גליקלאכע לעבן פונם קאָמוניסטישן לאַנד איקאַריע. די באַזונדערהייטן פון קאבעס אוטאָפּיע, וועלכע שיידן זי אונטער פון די פריערדיקער ווערק פונם זעלביקן מין, ווי אויך פון מאר׳ס „אוטאָפּיע״—זיינען אָט וואָס. אין דער פּאָליטישער הינזיכט איז קאבע׳ס קאָמוניסטישע מעלוכע אַ שטרייַנג דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וואו עס הערשט די מערהייט פונם פאָלק; אָבער די רעפּועליקאנישע רעגירונג וועלכע שפּאַרט זיך אָן אָף דער מערהייט, רעגולירט ביז די קלענסטע פראַטים דאָס גאַנצע לעבן פון די בירגער: זייער אַרבעט, די וואוינונגען, די קליידער און אַפילע די שפּייז, ד. ה. דעם קאַמעס און דעם אייכעס פון די געריכטן, זייער סיידער און די צייט פון עסן. פו, קיין פרעסע-פרייהייט ווייס איקאריע ניט: עס ווערן אַרויסגעגעבן נאָר אַפּי-ציעלע צייטונגען פון דער רעגירונג, אַ צענטראַלע און אָרטיקע (דערין האָט זיך אַרויסגעוויזן קאבע׳ס סינע צו דער אויסגע-לאַסענער בורזשואזער פרעסע). לעהייפעך צו פוריע׳ס פּאַלאַנגע, האַלט איין קאבע די רעליגיע, האָגאָם אירע קויהאָנים זיינען גיכער לערער פון מאָראַל, איידער גאָטס דינער, און די רעליגיע גופע ווערט פאַרוואַנדלט אין דראָשעס וועגן ליבע און ברידער-לאַכקייט. ער האַלט איין אויך די אַלטע בורזשואַזע פאַמיליע, און אין איקאַר׳יע טאָר מען זיך ניט געטן.

אויב בא קאבע׳ן זיינען נאָך געבליבן די קליינבירגער-לאכע איבערלעבענישן, וועלכע שטעלן אים נידעריקער פון פוריע׳ן און זאָגן איירעס וועגן זיינע קליינבירגערלאכע שטימונגען און אַ געוויסע שמאָלקייט פון זיינע אנשויאונגען, האָט אָבער דערפאַר די „רייזע קיין איקאַריע״ אין איין הינזיכט איבערגעיאָגט ניט בלויז מאָר׳ן און זיינע נאָכפאָלגער, נאָר אַפילע פוריע׳ן. דאָס איז יענע אומגעהייערע ראָליע, וואָס עס שפּילן אין דער קאָמו-ניסטישער געזעלשאַפט די מאשינען. די גאַנצע שווערע, שוואַרצע און שמוציקע אַרבעט, צוליב וועלכער מאר האָט אפילע איינגע-פירט שקלאַפעריי און קאָטאָרגע, און פוריע האָט דאָס איבערגע-געבן די קינדער — דאָס אַלץ ווערט אויסגעפירט בא קאבע׳ן דורך מאשינען, וועלכע האָבן דערגרייכט צו אַ הויכער שטופע

פון שליימעס און מאכן לייכט דעם מענטשן זיין אַרבעט. אינם דאָזיקן פאַרשטיין די קומענדיקע ראָליע פון די מאַשינען זעט מען שוין דעם פּראָגרעס, צו וועלכן עס האָט דערגרייכט צום אָנהויב פון 1840 יאָר די אַנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע, באַזונדערס אין איינגלאַנד, וועלכע קאַבע האָט גוט אויסגעלערנט, און פון וועלכער פּוריע, ניט געקוקט אַף זיין אומגעצוימטער פאַנטאַזיע, האָט געהאַט זייער אַ שוואַכע פאָרשטעלונג.

קאַבע האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז מיטאַמאָל קאָן מען די קאָמוניסטישע אָרדנונג ניט איינפירן; נאָך אַ ריי רעוואָלוציעס און בירגער-קריג, ווען דאָס פאָלק, וואָס האָט מענאַצייאַך געווען זיינע סאָנים, האָט איבערגעגעבן די מאַכט אין די הענט פונם קאָמוניסט איקאַר, האָט ער אין זיין איקאַריע איינגעשטעלט אַן איבערגאַנג-פּעריאָד פון 50 יאָר; אין משך פון דער דאָזיקער צייט איז ביסלאַכוויס פאַרניכטעט געוואָרן דאָס פּריוואַט-אייגנטום, אריינגעפירט געוואָרן אַרבעט-דינסט און איינגעשטעלט געוואָרן גלייכהייט.

ווייטער. האַגאַם קאַבע האָט געהאַלטן פון אַ פרידלאַכן איבערגאַנג צום קאָמוניזם, האָט ער דאָך, קיינע האָפענונגען ניט געלייגט אַף די העכערע קלאַסן, אָדער אַף איינצלנע באַלע-צדאָקעס און די פאַרווירקלאַכונג פון זיינע אידעאַלן האָט ער דערוואַרט נאָר — פון די אַרבעטער אַליין. דערי-בער האָבן שפּעטער מאַרקס און ענגעלס, עמעס, קריטיקירט קאַבע'ן, אָבער דאָך האָבן זיי זיך באַצויגן מיט מיטגעפיל צו זיין קאָמוניזם, וועלכן זיי האָבן אָנגערופן די ערשטע אַנטפלע-קונג פון דער ריין פּראָלעטאַרישער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

און ווירקלאַך, ווען קאַבע'ן האָט זיך אין 1847 יאָר איינ-געגעבן צו באַקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ קאָנצעסיע אַף אַ גרויסן שטאַך ערד, און ער האָט זיך געווענדעט מיט אַן אופרוף צו אַלע, וואָס ווילן פאָרן מיט אים קיין אמעריקע, קע-דיי צו גרינדן דאָרט אַזא קאָלאָניע, האָבן דעם דאָזיקן אופרוף אופגענומען די ברייטסטע מאַסן מיט אויסערגעוויינטלאַכער היס-פאַילעס און ענטוזיאַזם. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאַמיטעט

צו אָרגאַניזירן די איבערוואַנדערונג פון די קומענדיקע קאָלאָ-
ניסטן קיין אַמעריקע. קאַבע איז אַנערקענט געוואָרן, אַלס דער
איינציקער אָנפירער פון דער גאַנצער אונטערנעמונג. די ערשטע
פּאַרטיע, אָן קאַבע׳ן, וועלכע איז ציימווייליק פאַרבליבן אין פּאַ-
ריזש, איז אַוועקגעפאָרן אויף יענער זייט אָקעאַן אין אָנפאַנג פעוו-
ראַל 1848 יאָר. און אין דריי וואָכן אַרום נאָך זייער אָפּפאָרן
האָט אויסגעבראָכן די פעווראַלער רעוואַלוציע, און עס איז פּראָק-
לאַמירט געוואָרן די רעפּובליק, פון וועלכער דער פראַנצויזישער
פראָלעטאַריאַט האָט דערוואַרט זיין סאָציאַלע באַפרייאונג. דאָס
איז געווען דער ערשטער קלאַפּ איבער דעם איניען, וואָס קאַבע
האָט פאַרטראַכט. די אַרבעטער האָט שוין מער ניט געצויגן אין
דער ווייטער, אומבאַקאַנטער אַמעריקע, און אַפילע די, וואָס זיי-
נען שוין אַוועקגעפאָרן, האָט באַנג געטאָן, פאַרוואָס זיי זיינען
ניט געבליבן אין דער נייער, רעוואָלוציאָנערער פראַנקרייך. און
דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די געווייטלאָכע יעסורים פון דאָס
ראָוו קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע. קוידעם קאָל האָט
זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אָרט איז ניט געלונגען און שעדלאָך
פאַרן געזונט. די קאָלאָניסטן פלעגן קראַנק ווערן און שטאַרבן.
דערנאָך איז אַוועק א סעדרע פון רייסערייען, אַנטטוישונגען,
עקאָנאָמישע אומאָרדנונגען. עס האָט זיך נאָך אמאָל אַרויס-
געוויזן, אַז אין נייע לאַגלען קאָן מען ניט אַריינגיסן דעם אַלטן
וויין, מיט איין מאָל איבערטראַגן מענטשן פון דער בורזשואַזער
געזעלשאַפט גלייך אין א קאָמוניסטישער קאָלאָניע. קאַבע אליין
איז אַהין געקומען צופאָרן, אָבער ער האָט אויך ניט געהאָלפן.
די קאָלאָניסטן פלעגן איבערוואַנדערן אין אַנדערע ערטער, גע-
קריגט זיך, געשטעלט זיך קעגן קאַבע׳ס דיקטאַטור. אָן אויסגע-
מאָטערטער, ניט אַ באַפרידיקטער איז ק א ב ע געשטאָרבן אין
1856 יאָר.

אָבער, ניט געקוקט אויף אַלע אומערפאַלגן און כילוקיי-דייעס,
וועלכע האָבן זיך אָפּטער געגומען פון די וויקוכים וועגן די פאַר-
וואַלטונג-פאָרמען אין דער קאָלאָניע, דיקטאַטאָרישע אָדער דע-
מאָקראַטישע—האָבן די דאָך איקאַרישע קאָלאָניעס איבערגעלעבט

זייער גרינדער. אייגע פון זיי איז פונאנדערגעלאָזן געוואָרן אין די 70-קער יאָרן, און די צווייטע, מיט עטלאכע צענדליקער מיטגלידער, האט עקזיסטירט אפילו ביזן 1895 יאָר, ד. ה. קי-מאט א האלב יאָרהונדערט. דאָס באווייזט, ווי שטאַרק עס איז געווען דער גלויבן אין דער ריכטיקייט פון קאָמוניסטישע פּרינ-ציפּן בא די ארבעטער-איקאריער און בא זייערע קינדער, ווי גרויס עס איז געווען זייער מאָראלישע שטאנדהאפטקייט און ווי גרויס עס איז דער כילעק צווישן די דאָזיקע אידייאישע פּראָלע-טאריער-קאָמוניסטן און יענע צופעליקע, אפט אוואנטיורויסטישע עלעמענטן, וועלכע זיינען אריין אין אאוענס קאָלאָניע, אָדער יענע אינטעליגענטן, וועלכע האבן געבילדעט די פוריעריסטישע פאלאנסטערן אין אמעריקע.

נאָך אין די 70-קער יאָרן, ד. ה. און 20 יאָר ארום נאָך קאבע'ס טויט, האָט איינער באזוכט די איקארישע קאָלאָניע. ער האָט געשילדערט דאָס פאָשעטע לעבן דאָרט און זאָגט: „זייער אינטערעסאנט איז צו זיין דאָרט זונטאג אין אוונט. דאמאָלס לייענט מען אויסגעוויילטע שטעלן פון די ווערק פונם גרויסן איקארישן אפּאָסטאָל ע ט י ע ן ק א ב ע, מע זינגט לידער, און די יונגע מענטשן האלטן רעדעס, וועלכע זיינען פול מיט ענטו-זיאזם פארן סאָציאַליזם“.

## VII. פּרודאָן.

1809—1865

צווישן די פאָרגייער פונם מאָדערנעם סאָציאַליזם זיינען געווען אויך אזעלכע, וועלכע האָבן מיט זייערע אידייען אין מע-שאך פון לאנגע יאָרן אָפּגעווענדט באדייטנדיקע מאסן ארבעטער פונם ריכטיקן פארשטיין זייערעווירקלאכע אינטערעסן און דער-מיט האָבן זיי פארהאלטן די סאָציאליסטישע אנטוויקלונג פונם פּראָלעטאריאט. דעם אָנגעזעענסטן אָרט צווישן זיי, לויט זיין ווירקונג און באטייט, פאַרנעמט דער פראנצויזישער שריפטשטע-לער פּ ר ו ד א ן. האגאט ער איז געשטאָרבן העכער איידער מיט

50 יאר צוריק, אבער אד-האיאם פילט זיך נאָך זיין ווירקונג
צווישן די ארבעטער פון פראנקרייך, איטאַליע, שפאניע און איי-
ניקע אנדערע לענדער. און אין רוסלאנד האָט ער ניט בלויז גע-
ווירקט, דורך זיין טאלמיד, דעם באוואוסטן אַנארכיסט באַקונין,
אַף די אנשויאונגען פון אונזערע רעוואָלוציאָנערן פון די 70-קער
יאָרן—ער האָט אַפילע טיילוויין געווירקט אַף איינעם פון די אָנ-
געזעענסטע פירער פון אונזער פאָלקיסטישער אינטעליגענץ.

נ. ק. מ י כ א י ל א ו ו ס ק י.

פ ר ו ד א ן איז דער בוילעטסטער ביישפיל, ווי אַזוי א
מענטש, וואָס שטאַמט פון אַן ארבעטער-סוויווע קאָן מיט די
בעסטע קאוואָנעס פריידיקן איינשואונגען און באגריפן, וועלכע
זיינען שעדלאך פארן ארבעטער-קלאַס. ווי אַזוי האט דאס גע-
טראפן אַז דעם ערגסטן סוינע פונם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם,
זאָל מען אים דאָך רעכענען פאר א רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט?

אַ קורצע און אפילע אַן אויבנאויפיקע באקאנטשאפט מיט
פרודאנס לעבן און טעאָריע קאַן אסאך זאכן פארענטפערן. די דאָ-
זיקע באקאנטשאַפט קאָן אונז צווינגען טיפער צו פארטראכטן זיך
אַף די גרונט-אופגאַבן און אפן גוירל פונם סאָציאַליזם.

פ י ע ר ז ש אָ ז ף פ ר ו ד אָ ן איז געבאָרן געווארן אין
1809 אין א פארוואָפענער פראנצויזישער פראָווינץ, ב ע ז א נ ס א ן,
אין א פאמיליע פון אַן אָרימען באלמלאָכע, וועלכער האָט גע-
שטאַמט פון פויערים. מיט דער דאָזיקער פויערישער אָפשטאַמונג
האָט פרודאָן קאָל יאָמאוו געשטאָלצירט, ער פלעגט זיך גערן
אָנרופן „בעזאנסענער פויער” און פלעגט זאָגן, אַז זיין אָפשטאַ-
מונג איז די סאַמע אַריסטאָקראטישע, ווייל 14 דוירעס פון זיינע
אָוועס האָבן געאַקערט די ערד, ד. ה. באַשעפטיקט זיך מיט ער-
לאכער פראַצע, וואָס עס וואָלטן ניט געקאָנט זאָגן זיינע קעגנער
פונם הערשנדיקן קלאס וועגן ז יי ע ר ע אָוועס. ער אליין האָט
געפרואווט עטלאכע פראָפעסיעס; ער איז געווען אַ זעצער, איין
צייט האָט ער אפילע אַליין געהאַלטן א קליינע טיפאָגראפיע,
דערנאָך איז ער געווען אַ פריוואטער סעקרעטאר, אַן אָנגעשטעל-
טער, ביז וואנען ער איז, סאָפקאָלסאָף, געוואָרן א פראָפעסיאָנעלער

שריפטשטעלער. פון קינדהייט אָן האָט ער פון זיך אליין אַנטוויקלט זיינע קענטענישן, אָבער קיין סיסטעמאַטישע בילדונג האָט ער דאָך ניט באַקומען און דעריבער האָט ער ניט אויסגע-מיטן דעם גורל פון פילע אויטאָדידאַקטן צו אַנטדעקן די שוין לאַנג אַנטדעקטע אַמעריקעס, ד. ה. מיט זיין אייגענעם סייכל פלעגט ער דערגיין דאָס, וואָס ביז אים האָבן שוין אַנדערע געשריבן. אין 1840 יאָר האָט ער אָנגעשריבן זיין באַוואוסטע ווערק, וואָס האָט אים געשאַפן אַ נאָמען: „וואָס איז אזוינס אייגנטום?" אינם דאָזיקן ווערק איז געווען יענע פראַזע, וועלכע האָט אָנגעוואָרפן אַן איימע אַף דער בורזשואַזיע, אָבער די דאָזיקע פראַזע האָט נאָך מיט 60 יאָר ביז אים געזאָגט דער טוער פון דער פראַנצוי-שער רעוואָלוציע בריסאָ „אייגנטום איז אַ גנייווע".

אין 1843-44 יאָרן האָט זיך פרודאָן באַקאַנט מיטן יונגן מאַרקסן, וועלכער איז דאַמאָלט געווען אין היספּאַילעס פון אים און ער האָט פאַרבראַכט מיט אים גאַנצע נעכט. מאַרקס האָט דאַמאָלס געשריבן וועגן אים: „פרודאָן שרייבט ניט בלויז אין די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר ער איז אליין אַ פּראָ-לעטאַריער, אַן ארבעטער. זיין ווערק איז דער מאַניפעסט פונם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט". אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט מאַרקס פאַרקאָכעניש מיט פרודאָנען. ווען פרודאָן האָט אין פינף יאָר אַרום אַרויסגעגעבן זיין צווייבענדיק ווערק „די עקאָנאָמישע סטירעס אָדער די פילאָסאָפיע פון דער אָרימקייט", האָט מאַרקס, וועלכער האָט שוין דאַמאָלס אויסגעאַרבעט זיין סאָציאַליסטישע טעאָריע, אָפּגעשאַצט די גאַנצע טאָעסן, און אָפילע דעם שאָדן פון יענע אַנשויאונגען, וואָס פרודאָן האָט דורכגעפירט אין זיין בוך, און האָט אים געענטפערט מיט אַ שאַרפער קריטיק, וועלכע ער האָט אָנגערופן: „די אָרימקייט פון דער פילאָסאָפיע". די דאָזיקע קריטיק האָט אַזוי באַליידיקט פרודאָנען, אַז פון דאַמאָלס אָן האָט ער איבערגעריסן יעדע באַציאונג מיט מאַרקסן.

בעשאַס דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פונם 1848 יאָר, איז פרודאָן, וועלכער איז שוין דאַמאָלס געווען באַוואוסט צווישן די פראַנצויזישע ארבעטער, אויסגעוויילט געוואָרן פון דער שטאָט

פאַריזש אין דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג. נאָך די שרעקלאַכע יוני-טעג, ווען די בורזשואַזיע האָט-דערטרונקען דעם אופשטאַנד פון די ארבעטער אין בלוט, האָט זיך פרודאָן געהאַלטן מוטיק און מיט ווירדע און אין דער זעלביקער צייט האָט ער געפּרואווט איינ-ריידן דער בורזשואַזיע, אַז זיינע פּלענער צו ראַטעווען די געזעלשאַפט זיינען ריכטיקע. ווען איינמאָל האָט דער פירער פון דער בורזשואַזיע, טיער—דער זעלביקער, וואָס האָט אין 1871 יאָר פאַרגאָסן מיט בלוט דעם בייטם אופשטאַנד פון די ארבעטער, די פּאַריזשער קאָמונע,—ווען דער דאָזיקער טיער האָט געוואָרפן א באַליידיקונג פרודאָנען אין פּנים, האָט פרודאָן רואיק געענט-פערט. „איך לייג פאַר טיערן אַזאַ געוועט—איך וועל דערציילן עפנטלאַך, פאַר דער גאַנצער פאַרזאַמלונג, מיין לעבן, איך וועל גאָרנישט פאַרלייקענען, און זאָל נאָכדעם דאָס זעלבע טאָן טיער". ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער נידערטרעכטיקער און בייזער אינטרי-גאַן טיער האָט דעם דאָזיקן פאַרשלאַג ניט אָנגענומען. אָבער די בורזשואַזיע האָט געפונען אַ מיטל, ווי אַזוי צו אָפּצורעכנען זיך מיטן פאַרהאַסטן „רעוואָלוציאָנער", וועלכער האָט אמאָל געזאָגט, אַז אייגנטום איז אַ גנייווע און האָט דערמיט געגעבן אַ קלאַפּ איבערן סאַמע פּילעוודיקן אָרט פון דער בורזשואַזיע: אין 1849 יאָר, פּונקט דאַמאָלס, ווען פרודאָן האָט געעפנט אין איינעם פון די אַרבעטער-פאַרשטעט זיין פאָלקס-באַנק; וואָס דורך אים האָט ער גע-האַפט אָפּן פרידלאַכן אויפן צו לייזן די סאָציאַלע פראַגע און פאַרניכטן די אָרימקייט. און וואָס זיינע אַקציעס האָבן די ארבעטער געקרגן פונאַנדערגעקויפט—האָט מען פרודאָנען פאַרמישפּעט צו דריי יאָר טורמע פאַר אַ ליטעראַרישן „פאַרברעכן", ד. ה. פאַר אַן אַרטיקל אין דער צייטונג.

אין דער צייט, ווען ער איז געזעסן אין טפיסע, האָט נאַ-פּאָלעאָן באַנאַפּאַרט געמאַכט די מעלוכע-איבערקערעניש, צעשלאָגן די רעפּובליק און פּראָקלאַמירט זיך פאַר אַן אימפּעראַטאָר. און פרודאָן האָט, צו אַלעמענס וואונדער, אין טורמע אָנגעשריבן אַ בראָשור, וואו ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז דאָווקע נאַפּאָלעאָן וועט פאַרווירקלאַכן זיינע סאָציאַלע אידעאַלן. אַגעוו.

נאַפּאָלעאָן האָט צו אים אַרויסגעוויזן אומדאַנקבאַרקייט. אין 1858 יאָר, האָט מען פּרודאָנען נאָך אַמאָל פאַרמישפּעט צו „דריי יאָר טורמע פאַר אַ נייַ בוך. אָבער איצט איז ער אַנטלאָפן קיין בעלגיע. געשטאָרבן איז פּרודאָן אין 1865 יאָר.

דאָס זיינען די וויכטיקסטע עטאַפּן פון פּרודאָנס לעבן. געשריבן האָט ער זייער פיל, ביז 30 בענדער, געשריבן האָט ער וועגן די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע זאַכן, און אָפט וועגן אַזעלכע זאַכן, פון וועלכע ער האָט געהאַט זייער אַ מעסושטעשע פאַרשטעלונג.

וואָס זשע איז געווען דער געזעלשאַפטלאַכער אידעאַל, צו וועלכן פּרודאָן האָט געדינט? וואָס האָט ער פאַרגעלייגט די אַרבעטער-מאַסן, קעדיי צו פאַרבעסערן זייער לאַגע? וואָס פאַר אַ באַציאונג האָט ער געהאַט צום סאָציאַליזם?

אָף די דאָזיקע פראַגן איז זייער שווער צו געבן אַ קורצן און אַן אַלגעמיינעם ענטפער, קוידעם קאָל דערפאַר, וואָס פּרודאָן איז זיך אַליין סויסער אָף יעדן שריט: אין זיין ערשטן בוך וועגן אייגנטום האָט ער דרייסט און שאַרף קריטיקירט דאָס בורזשואַזע אייגנטום און האָט גערעדט האַרטע דיבורים קעגן דער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעט-לייט. אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט שפּעטער מיט דער זעלביקער שאַרפקייט אָנצופאַלן אָף די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן פון די 40-קער יאָרן, ווייל אין עצעם איז פּרודאָן געווען אַ קעגנער פון סאָציאַליזם. ער האָט ניט אָפּגעלייקנט אייגנטום ביכלאַל — ער האָט נאָר אָפּגעלייקנט דאָס אייגנטום פון דער גרויס-בורזשואַזיע, וואָס ס'איז שאַיעך צום פּראָלעטאַריאַט. האָט פּרודאָן געשטרעבט צו שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, בא וועלכע עס זאָל געזיכערט ווערן פאַר די אַרבעטער זייער אייגנטום, דער פּראָדוקט פון זייער אַרבעט. קעדיי די אַרבעטער זאָלן קאָנען אַרבעטן, ניט זייענדיק אונטערגעוואָרפן דער עקספּלואַטאַציע; אָבער אַן דער עקספּראָפּריאַציע פונם בורזשואַזן אייגנטום, אָן אַן איבערגוואַלדיקער רעוואָלוציע, אָן דער קאָלעקטיוויזירונג פון דער פּראָדוקציע. צום דאָזיקן צוועק האָט ער צוגעטראַכט אַן „אומזיסטן קרעדיט“. ווען יעדער אַרבעטער וועט באַקומען קרעדיט פונם

„פאָלקס-באַנק״—האָט פּרודאָן געטראַכט—וועט ער קאָנען שאַפן דאָס נייטיקע געצייג און רוי-מאַטעריאַל און ער וועט קאָנען אויסקומען אָן די קאַפּיטאַליסטן. אַט אַזוי וועט געלייזט ווערן די סאָציאַלע פראַגע אַף אַ פרידלאַכן אויפן. דערפון איז צו זען, אַז פּרודאָן האָט לאַכלוטן ניט פאַרשטאַנען די גרעניצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז אין דער גרויסער מאַשין-אינדוסטריע, ווייס קיין אַרבעטער ניט, וואָס פאַר אַ טייל פון דער פּראָדוקציע געהערט אים. אַלע זיינע פּלענער און פּראָיעקטן זיינען געווען צוגעפּאַסט צו דער געזעלשאַפט פון קליין-פּראָדוצירער, באַל-מעלאָכעס און פּויערים, וואָס זייער קליינבירגערלאַכע פּסיכאָלאָגיע ער האָט אָפּגעשפּיגלט. דער דאָזיקער קליינבירגערלאַכער סאָציאַליזם קעמפט קעגן דער עקספּלואַטאַציע פונם גרויסן קאַפּיטאַל, אָבער ער קוקט ניט פאָרויס, נאָר צוריק, ער וויל אופשטעלן די מיטל-אַלטערלאַכע, ביז ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע באַציאונגען. ער זעט ניט די רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און די רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג פונם פּראָלעטאַרישן קאַמף.

אַט פאַרוואָס איז פּרודאָן, און זיינע אָנהייגער אַרויסגעטראָטן קעגן די שטרייקן פון די אַרבעטער, מיינענדיק, אַז די שטרייקן מאַכן נאָר טייער די פּראָדוקטן און דעריבער מאַכן זיי ערגער די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע. דערין האָט זיך אַרויסגעוויזן יענער אומצוטרוי צו דער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע איז אַלעמאָל אייגנטימלאַך פאַר פּ ו י ע ר י ם. דער פּויער גלויבט נאָר אין זיין אַרבעט, פאַר דער איינציקער פאָרם פון קאַמף אַף צו פאַרבעסערן זיין לאַגע האַלט ער דאָס פאַרפעסטיקן און פאַרגרעסערן ז יי ן א יי ג נ ט ו ם און אַף די אַרבעטער-שטרייקן קוקט ער, ווי אַף אַן „אומאָרדנונג״, וועלכע מאַכט טייערער די שטאָטישע פּראָדוקטן און פאַרשווערט דעם אָפּזאַץ פון זיינע אייגענע פּראָדוקטן.

אין פּאָליטישן געביט האָט זיך פּרודאָן באַצויגן שאַרף נעגאַטיוו צו דער מעלוכע און צו דער מעלוכישער מאַכט און דערמיט האָט ער געלייגט אַ פונדאַמענט פאַרן אַ נ אַ ר כ י ז ם.

ער האָט געהאַלטן, אַז יעדע רעגירונג ברײנגט נאָר שאָדן מיט איר אַרײַנמישונג אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן, און האָט געאײַצעט די בירגער אײַנצואָרדנען זייער לעבן, באַיקאָטירנדיק די מעלוכישע מאַכט „עס איז נויטיק צו באַזיגן די מאַכט, — האָט ער געשריבן — ניט פאָדערנדיק פון איר גאָרנישט; אָנטפּלעקן דעם פּאַראַזיטיזם פונם קאַפּיטאַל, פאַרבײַטנדיק אים מיט קרעדיט; פאַרווירקלאַכן די פרײַהייט פון דער פּערזענלאַכקייט, אָרגאַניזירנדיק די איניציאַטיוו פון די מאַסן".

און אין דעם דאָזיקן אומצוטרוי צו דער מעלוכע האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פּרודאָנס קלײנבירגערלאַכע, פּויערישע פּסיכאָלאָגיע. דער פּויער האָט ביז איצט געזען אין דער מעלוכע נאָר אַן אַפּאַראַט אָפּ אַרויסצופּרעסן פון אים שטייערן, דערבײַ פלעגט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג דאָס טאָן נאָך מיט אַ באַזונדערן אימפּעט. דעריבער האָט זיך פּרודאָן באַזונדערס פײַנטלאַך באַצויגן צו דער דעמאָקראַטיע און צום אַלגעמיינעם וואַל-רעכט. אים געהערט דער געפליגלטער אויסדרוק, וואָס באַקומען האָט אונטערגעכאַפּ: „דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט איז קאָנטר-רעוואָלוציע". אָבער די דאָזיקע סינע צו דער מעלוכע האָט ניט געשטערט פּרודאָנען צו מאַכן כײנדלאַך דעם דעספּאָטיזם פון נאַפּאָלעאָן דעם III, וואַרטנדיק פון אים, ער זאָל פאַרווירקלאַכן זײַנע קלײנבירגערלאַכע סאָציאַלע אוטאָפּיעס.

ענדלאַך, פאָדערנדיק די פרײַהייט פון פּערזאָן, האָט פּרודאָן אויסגעשלאָסן פון דער דאָזיקער ספערע די פרײַהייט פון דער פרוי. ער האָט געמאַכט כויזעק איבער דער שטרעבונג פון די פרויען צו באַפרײַען זיך פון דער פאַמיליען-שקלאַפערײַ, און האָט געהאַלטן, אַז דאָס אָרט פון דער פרוי איז ניט אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן נאָר אין קיך און אין קינדער-צימער.

מיט איין וואָרט, אין אַלץ האָט זיך בײַ פּרודאָנען אַרויסגעוויזן דער שמאָלער, באַלעבעסלדיקער האָריזאָנט פון אַ קלײנבירגער און זײַן שטענדיקער וואַקלען זיך צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל.

פרודאָנס אידייען האָבן געהאַט אַ ווירקונג טאַקע אין יע־נע לענדער, וואו די איבערהאַנט האָט געהאַט דאָס פויערישע און באַלמעלאָכעשע ווירטשאַפט, וואו דער גרויס־קאַפּיטאַליזם איז געווען ווייניק אַנטוויקלט און וואו דער מעלוכישער ביוראָ־קראַטיזם האָט אַרויסגערופן אַ באַזונדערן צאָרן מצד דער באַ־פעלקערונג. אַזאַ לאַגע איז געווען אין פראַנקרייך, איטאַליע און שפּאַניע. אין די דאָזיקע לענדער זיינען די אַרבעטער אַ לאַנגע צייט געווען אַנגעשטעקט מיט „פּרודאָניזם“ און דאָרטן איז שפּע־טער מער, ווי אומעטום, געווען אַנטוויקלט דער אַנאַרכיזם און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם, וועלכער האָט אויך אָפּגעלייקנט דעם פּאָ־ליטישן קאַמף, דעם אָנטייל אין די פּאַרלאַמענטן און דאָס אַל־געמיינע וואַל־רעכט.

מאַכמעס דער זעלביקער סיבע האָבן אין רוסלאַנד אויך אַ לאַנגע צייט געהערשט פּרודאָנס אַנאַרכיסטישע אידייען צווישן דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. מ י כ אַ י ל אָ ו ס ק י האָט געשריבן:

„די סאָציאַלע פראַגע אין רוסלאַנד איז אַ ק אָ נ ־ ס ע ר וו אַ ט י וו ע פראַגע, ווייל דאָ גייט דער איניען וועגן א יי נ ה אַ ל ט ן פאַר די אַרבעטנדיקע דאָס געצייג פון זייער אַרבעט“. די שטרעבונג פון די פויערים צ ו צ ע ט ײ ל ן ד י פ ר י צ י ש ע ע ר ד האָט מען לאַנג געהאַלטן, און אייניקע האַלטן דאָס נאָך אַד היאָם, פאַר אַ שטרעבונג צום סאָציאַליזם. און אין דער הינזיכט קומט די בכוירע פּרודאָנען. — „דער פויער וואַרט נאָר אַף אַ צייכן — האָט ער געזאָגט — ער וויל ערד, ער שלינגט זי מיט די אויגן, און זי וועט ניט אַוועק פון זיין גלוס־טונג... דער פויער איז קוידעם קאָל געשטימט רעוואָלוציאָנער; דאָס וואָרט אים דיקטירט פון זיינע געדאַנקען און אינטערעסן“.

אין דער דאָזיקער „צעטיילונג־סאָציאַליזם“ אַנשטאָט צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטלאַכע פּראָדוקציע, האָט אין זיין יעסאָד די קליינבירגערלאַכע פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן, פון וואַנען ס'איז אויסגעוואַקסן דער קליינבירגערלאַכער אַנאַרכיזם פון פּרודאָנען.

אָבער, באַ דער גאַנצער ניט ריכטיקייט און קליינבירגער־לאַכקייט פון פילע פּרודאָנס אידייען, קאָן מען דאָך ניט אָפּלייקענען זיינע גרויסע פאַרדינסטן אין דעם איניען פון קריטיקירן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג און אירע פאַרטיידיקער, ווי אויך די קריטיק פון דער בורזשואזער מעלוכעשאַפט. און מיט זיינע אנפאַלן, אומבעראכמאָנעסדיקע און שטעכיקע, כאָטש ניט אַלע אַלעמאָל געלונגענע, אָף דער בורזשואַזער פּאָליטישער עקאנאָמיע (אין זיין בוך וועגן אייגנטום) האָט פּרודאָן בלי ספֿק מיטגעווירקט דער אופוואכונג פונם עקאנאמישן געדאַנק באַם יונגן מארקסן.

# VIII. ווילהעלם ווייטלינג.

1808—1871

דייטשלאַנד איז געווען אין דער ערשטער העלפט פונם XIX יאָרהונדערט דאָס אָפּגעשטאַנענסטע לאנד אין מאַירעוו־אייראָפּע. דער נייסטער אינדוסטריעלער קאפּיטאליזם איז דאָרט געווען זייער שוואַך אַנטוויקלט. אין דאָרף האָבן נאָך עקסיסטירט די רעשטלאַך פון לייב־אייגנטום. אין שטאָט האָט געהערשט די קליינע מעלאָכע. די פּאָליציייִשע זעלבסטהערשונג פון די קליינע און גרויסע הערשער האט געהאלטן די פאָלקס־מאסן און די אינטעליגענץ אונטער דער שטרייִנגסטער האַשגאכע. אָבער נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פונם 1830 יאָר האָבן פונדעסטוועגן די רעוואָלוציאָנערע אידייען און בעסויכאם די אידייע פון סאָציאַליזם אָנגעהויבן אריינדרינגען אויך אין דייטשלאנד, פאַרכאַפּנדיק די אינטעלעגענטע יוגנט און די מער אנטוויקלטע פּויאלים. אַנטלויפנדיק פון די פּאָליציייִשע רעדיפעס, פלעגן פיל פון זיי אוועקפאָרן קיין אויסלאנד, באַזונדערס קיין פאַריזש, לאנדאָן און ברוסעל, וואו זיי פלעגן זיך באקאנען מיטן אייראָפּייִשן סאציאַליזם, גרינדן קרייזלאַך פון זעלבסטבילדונג און פון דארטן פלעגן זיי פּרואוון פירן אַן אַגיטאַציע אין דייטשלאַנד. דער מערקווירדיקסטער פון יענע אַרבעטער־סאָציאַליסטן,

דער ערשטער, גרויסער דייטשער סאָציאַליסט-אַגיטאַטאָר און אָרגאַני-
זאַטאָר, וועלכער שטאַמט פונם פאָלק, איז געווען דער טאַלאַנטפולער
שניידער-פויעל, דער אויטאָדידאַקט ווילהעלם ווייטלינג.

זייענדיק אַ „מאַמזער”, איז ער אויסגעוואַקסן אין שרעק-
לאַכע דאַכקעס און נויט. ער איז אָנגעקומען אין דער לערע צו
אַ שניידער און אַלס אַ פויעל אַ שניידער האָט ער, לויטן דייטשן
מינהעג אומגעוואַנדערט איבער פאַרשיידענע שטעט פון דייטש-
לאַנד. האַסנדיק מיט דער גאַנצער נעשאָמע דעם רעזשים פון
עקספּלואַטאַציע און גוואַלדטאַט, איז ער געוואָרן אַ רעוואָלוציאָ-
נער און איז אַוועקגעפאָרן קיין פאַריזש, וועלכער איז געווען
אין 1830 יאָר און אין די 40-קער יאָרן דער צענטער פון אַלע
רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישע טעאָריעס. דאָרט האָט ער גענו-
מען לערנען די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן און איז אַריין אין
באַציאונגען מיט די אומלעגאַלע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע
זיינען געווען אָנגעפירט פון בלאַנקי. ער איז געוואָרן
דער פאַרמיטלער צווישן דעם אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם פון דער
פראַנצויזישער אינטעליגענץ און דעם עמעסן פּראָלעטאַרישן
סאָציאַליזם, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין דייטשלאַנד פון
מאַרקס און ענגעלס טעאָריע.

אַלס אַ האַנטווערקער-געזעל איז ער לויט זיין לאַגע און
אַנשויאונגען געשטאַנען אין מיטן צווישן דעם קליינבירגערטום
און פּראָלעטאַריאַט.

די דאָזיקע צווישן-פּאָזיציע האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אַף
זיין סאָציאַליסטישער טעאָריע, וועלכע ער האָט דורכגעפירט אין
זיינע דריי וויכטיקסטע ווערק: „די מענטשהייט, ווי זי איז און
אַ וועלכע זי דאַרף זיין”, „די גאַראַנטיע פון האַרמאָניע און פריי-
הייט” און ”דאָס עוואַנגעליום פון אַן אָרימען באַל-אווירע”, און
אויך אינם זשורנאַל „דער יונגער דאָר”, וואָס ער האָט אַרויס-
געגעבן אין דער שווייץ. ווייטלינג האָט שוין ניט געגלויבט, ווי
די פראַנצויזישע אוטאָפּיסטן, אין דער איידלקייט און סייכל פון
די העכערע קלאַסן און ער האָט זיין גאַנצע האָפענונג געלייגט
אָפן אויפשטאַנד פון די אָרימע, פון אַלע באַליידיקטע און

דערנידעריקטע, אָבער דעם דאָזיקן אופשטאַנד האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ניט קלאָר, ווי עפּעס א מין פארשווערונג, דערביי האָט ער אַפילו פאָרגעלייגט די קאָמוניסטן אַריינצוטרעטן אין אַ בונד מיט אַ באַנדע דרייסטע קרימינעלע פאַרברעכער און צוזאַמען מיט איר צעשטערן די גאַנצע בורזשואַזע אָרדנונג. ער האָט צוגעגעבן זיין טעאָריע אַ רעליגיעזן כאראקטער און האָט שטענדיק אָנגעוויזן אַף דעם עוואַנגעליום.

די קומענדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט האָט ער געמאָלט, אַלס אַ פולשטענדיקן טריאומף פון דעם מענטשנס פערזענלאַכקייט; דערביי האָט ער פיל איבערגענומען פון פוריעס טעאָריע.

ביכלאַל זיינען וויטלינגס אנשויאונגען אַ געמיש פון די טעאָריעס פון די פרידלאַכע פראנצויזישע אוטאָפּיסטן. באזונדערס פוריע און קאַבע, מיטן רעוואָלוציאָנער-פאַרשווערערישן סאָציאַליזם פון בלאַנקי. אָבער דאָס דאָזיקע געמיש איז געווען באַפאַרבט מיט אַ העלערן פּראָלעטאַרישן קאָליר, און פון דער צווייטער זייט, האָט עס אָפּגעשפיגלט די אָפּגעשטאַנענע עקאנאָמישע און פּאָליטישע באדינגונגען פון דאמאלסדיקן דייטשלאַנד.

וויטלינג איז געווען ניט בלויז אַ סאָציאַליסטישער דיינקער און אַ שרייבער-פּראָפּאַגאַנדיסט, נאָר אויך אַן אומערמידלאַכער און טאַלאַנטפולער ארגאַניזאַטאָר. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פונם „בונד פון די גערעכטיקע", אַ דייטשע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, וואָס אירע אָפּטיילונגען זיינען אַנטשטאַנען צווישן די דייטשע אַרבעטער אין פּאַריז, לאָנדאָן און אין דער שווייץ. פונם דאָזיקן בונד איז שפּעטער אנטשטאַנען יענער „בונד פון קאָמוניסטן", פאַר וועלכן מארקס און ענגעלס האָבן אָנגעשריבן אין 1847 יאָר זייער באוואוסטן „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי".

אין אָנפאַנג פון די 40-קער יאָרן האָט זיך וויטלינג איינגאַנצן באַזעצט אין דער שווייץ וואו ער האָט אָנגעהויבן פירן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע-און פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט צווישן די דייטשע אַרבעטער וועלכע האָבן דאָרטן געוואוינט, און אויך צווישן די

שווייצער גופע. ער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס און דערפאָלג צווישן די דייטשע אַרבעטער, וועלכע האָבן אים געהאָלפן דרוקן זיינע ווערק, אָפּגעגעבן אַזן דאָזיקן איניען זייערע לעצטע גראָשנס, אומלעגאַל זיי דורכגעפירט איבערן גרעניץ און אומלעגאַל פאַרשפּרייט זיי אין אבסאָלוטיסטישן דייטשלאַנד.

אין דער שווייץ האָט זיך וויטלינג באַקאַנט מיטן יונגן באַקונינען, דעם קינפטיקן באַוואוסטן אַנאַרכיסט, און האָט אַף אים אויך געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. דערוועיל האָט די שווייצאַרישע פּאָליציי גענומען רוידעפן וויטלינגען. אין 1843 יאָר האָט מען אים אַרעסטירט, געמישפּעט און פאַרמישפּעט אַף צען כאַדאָשים טורמע און אַרויסשיקן פון דער שווייץ. נאָך דער טורמע האָט מען אים איבערגעגעבן דער דייטשער אַדמיניסטראַציע. ער איז אָבער אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן און איז ווידער געוואָרן אַן עמיגראַנט.

דער דערפאָלג פון וויטלינגס ווערק און די רעדיפּעס, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, האָבן אים דעם קאָפּ פאַרדרייט, ער האָט זיך און זיינע אידייען אָנגעהויבן האַלטן פאַר די ריכטיקסטע, ער האָט גענומען קוקן אַף זיך, ווי אַף אַ נאָווי, ווי אַף אַ נייעם מאשיאַך, אַ נייעם קריסטוסן, וואָס גאָט האָט אים אַראָפּגעשיקט אַף צו באַפרייען די מענטשהייט. אַף דעם באָדן איז באַ אים פאַרגעקומען אַ שאַרפער קאָנפליקט מיט מארקסן. טכילעס האָט מארקס מיט היספּאַילעס באַגעגנט די ערשטע ווערק וויטלינגס, אָנרופנדיק זיי „דרייסטע און גלענצנדע אַרויסטרעטונגען פון די דייטשע אַרבעטער” און ער האָט זיי געשטעלט נים אין אַן ערעך העכער פון די ווערק פון די דייטשע בורזשואַזע געלערנטע און פילאָסאָפן.

אָבער ווען וויטלינג האָט זיך אָנגעהויבן האַלטן פאַר אַ נאָווי, ווען ער האָט גענומען אופוואַרפן מארקסן, בעשאַס זייער באַגעגעניש אין ברוסעל אין 1846 יאָר, אַז ער באַשעפטיקט זיך צופיל מיט דער וויסנשאַפט און האָט שטענדיק צו טאָן מיט דער בילדונג פון די אַרבעטער, אַז אַ צו גרויסע געלערנטקייט קאָן שטערן זייערע רעוואָלוציאָנערע געפילן, האָט מארקס מיט צאָרן

אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פּויסט אין טיש און האָט אויסגעשריען:
„אַ מהאָראַצעס האָט נאָך קיינמאָל קיינעם
ניט געהאָלפן" מארקס האָט אינגאַנצן מיט אים צעריסן
יעדע באַציאונג, ווי ער האָט דאָס געטאָן בעגויגייע צום צווייטן
באַרימטן ארבעטער-אויטאָדידאַקט, דעם פראַנצויזישן אַנאַרכיסט
פּרודאָן, וועלכן ער האָט אויך אין אָנפאַנג הייס באַגריסט און
וועלכן ער האָט שפּעטער שאַרף קריטיקירט, דערזעענדיק, אַז
יענער פּריידיקט אַ שעדלאַכן געמיש פון באַגריפן.

זעענדיק, אַז זיין פּאָפּולאַריטעט אין דייטשלאַנד פאַלט, אַז
ער ווערט אַרויסגעשטויסן דורך נייע מענטשן, איז וויטלינג
אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. בעשאַס דער רעוואָלוציע אין 1848
יאָר האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד און האָט אָנגעׂ-
הויבן אַרויסגעבן אַ צייטונג, זי האָט זיך איינגיכן געמוזט צומאַכן,
ווייל ס'האָבן אויסגעפעלט אבאָנענטן; אַ פּאָנעם, אַז בּאַ אַן אָפּע-
נער פּאָליטישער טעטיקייט האָט וויטלינג קיין ערפאָלג ניט
געהאַט. פאַרפאָלגט פון דער פּאָליציי אין אָנהויב פון דער רע-
אַקציע, איז ער אַוועקגעפאָרן פון בערלין קיין האַמבורג און
האָט גענומען אַרויסגעבן זיינע ווערק אין אַ צווייטער אויסגאַבע.
ווען די רעאַקציע האָט פולשטענדיק טריאומפירט אין דייטש-
לאַנד, האָט וויטלינג ווידער אַמאָל עמיגרירט קיין אמעריקע און
איצט שוין אויף אַלעמאָל.

דאָרט האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צייטונג, געפּרואווט
זיך גרינדן אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע פון דייטשע עמיגראַנטן,
אָבער זי איז צעפאַלן געוואָרן. וויטלינג האָט געליטן גרויסע
דאַכקעס, ביז וואַנען ער האָט ניט באַקומען אַ שטעלע פון אַ
באַשיידענעם אָנגעשטעלטן. דערווייל איז זיין קריינקלאַכע אַמ-
ביציע געוואַקסן, ער האָט געשריבן שוואַכע שירים, אָנגעשריבן
אַ ווערק איבער אַסטראָנאָמיע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דאָס
מערקווירדיקסטע ווערק פונם מענטשלאַכן זשעני, און ער האָט
זיך געכידעשט, וואָס די וועלט אָנערקענט אים ניט.

געשטאָרבן איז ער דעם 25 יאַנוואַר 1871 יאָר.

די וויכטיקסטע ווערק וויטלינגס זיינען געשאַפן געוואָרן

אין דער צייט צווישן דעם סאָף פון די 30-קער און דעם מיטן פון די 40-קער יאָרן.

און די דאָזיקע ווערק האָבן אים געמאַכט אַ נאָמען און אַוועקגעשטעלט אים אין איין ריי מיט די אויסגעצייכנסטע פאָרגייער פונם נייסטן דייטשן סאָציאַליזם. זיינע ערשטע ווערק זיינען אָנגעשריבן אין אַ צוציענדיקער שפּראַך און אַנטהאַלטן אין זיך — באַ אַלע זייערע פעלערן — פיל טיפע געדאַנקען.

ווייטלינגען געהערט די באַקאָוועדיקע ראָלע פון אַ פּיאָנער, וועלכער האָט דורכגעלייגט אַ וועג פאַר דער דייטשער אַרבעטער-באַוועגונג. די זוימען פון קאָמוניזם, וואָס ער האָט פאַרזייט, זיינען ניט פאַרפאַלן געגאַנגען. מיט זייערע פרוכטן האָבן זיך באַנוצט אין די 60-קער יאָר, דער גרויסער דייטשער סאָציאַליסט לאַסאַל און די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

# א) קאַרל מאַרקס.

1818—1883

אַזעלכע גרויסע מענטשן, ווי קאַרל מאַרקס, וועלכע לייגן אַרויף דעם שטעמפּל פון זייער רייכער פערזענלעכקייט אויף גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכעס, ווערן געבאָרן איין מאָל אין יאָרהונדערטער, און פאַר זייער דערשיינען און אַנטוויקלונג מוז מען האָבן אַן אויסשליסלעך גינסטיקן צונויפפאַל פון אַ גאַנצער ריי באַדינגונגען.

קאַרל מאַרקס איז געבאָרן געוואָרן דעם 5 מאַי 1818 יאָר אין דער שטאָט טריער, אין דער ריינער פּראָווינץ. די דאָזיקע געגנט איז אין יענער צייט געווען די פּראָגרעסיווסטע אין דייטשלאַנד סאַי אין עקאָנאָמישער סאַי אין פּאָליטישער הינזיכט. דאָרט האָט שוין דאַן עקסיסטירט אַ גאַנץ אַנטוויקלטע אינדוסטריע, זי האָט זיך געפינען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון די נאָר-וואָס פאַרענדיקטע שטורעמס פון דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, מיט וועלכער די ריינער פּראָווינץ

געפינט זיך אין אַ נאָענטער שכיינעס, און אין פאַרגלייך מיטן איבעריקן דייטשלאַנד, וואו ס'האָט געהערשט די סאַמע פינסטערע רעאַקציע, האָבן שוין דאָרט עקסיסטירט די עמבריאָנען פון פאָליטישער פרייהייט.

מאַרקס פאָטער איז געווען אַ געטויפטער איד, אַ יוריסט, לויט זיין פּראָפעסיע, זייער אַ געבילדעטער מענטש, דערצויגן אָף די פראַנצויזישע פילאָסאָפן פונם XVIII יאָרהונדערט. זיין מוטער, — געבאָרן אין האָלאַנד, — איז געווען אַ פּאַשעטע, אָבער אַ גוטע און ליבנדיקע מוטער. די נאָענטסטע פריינט פון מאַרקס פאַמיליע איז געווען די פאַמיליע פון אַ דייטשן אַריסטאָקראַט, פאָן-וועסטפאַלען, אַ גרויסער יאָדן און ליבהאָבער פון דער וועלט-פּאָעזיע.

און אויב דער פאָטער האָט איינגעגעבן דעם קליינעם קאַרל מאַרקס אַ ליבע צו פילאָסאָפיע און צום קלאָרן, פּינקט-לאָכן דיינקען, וואָס איז פריי פון פאָראורטיילן, האָט דער אַלטער וועסטפאַלען אים איבערגעגעבן יענע ליבע צו דער אייראָפּייאי-שער ליטעראַטור, באַזונדערס צו אַזעלכע ריזן אירע, ווי שעקס-פּיר, דאַנטע און סערוואַנטעס, וועלכע מאַרקס האָט איינגעהיט אָף זיין גאַנצן לעבן.

אין דער דאָזיקער פאַמיליע איז געבאָרן געוואָרן בא מאַרקסן יענע קינדערשע ליבע צו דער שיינהייט זשעני פאָן-וועסטפאַלען, וועלכע איז שפּעטער נאָך זייער כאַסענע אַריבער אין דער זעלטענער קעגנזייטיקער ליבע, פריינטשאַפט און האַרמאָניע.

אַזוי אַרום זיינען מאַרקס קינדהייט און יוגנט דורכגעגאַנגען בא אויסשליסלאַך גינסטיקע באַדינגונגען. אַ רייך באַגאַבטער, מיט אַן אויסטערלישן זיקאָרן, פון די יונגע יאָרן באַקאַנט מיט די ווערק פון די גרעסטע דיינקער און פּאָעטן, אַרומגערינגלט מיט ליבע פון די קרויווים און פריינט, איז ער געווען, ווי מע האָט אין שפּאַס אָנגערופן, אַ „מאַזל-קינד" און אים האָט דערוואַרט אַ גלענצנדע קאַריערע אָף יעדן געביט פון טעטיקייט.

אָבער ער האָט זיך אויסגעקליבן דעם דערנער-וועג פון אַ

קעמפער פאַר דער אונטערדריקטער מענטשהייט, דעם וועג פון אַ לערער און אַפּאָסטאָל פונם ניי-ערוואַכטן קלאַס — דעם פּראָלעטאַריאַט, צו וועלכן די בעסטע מענטשן פון יענער צייט האָבן געשפּירט נאָר ראַכמאַנעס, און אין וועלכן מאַרקס האָט דערזען דעם קומענדיקן גואל פון דער גאַנצער מענטשהייט פון יעדן מין שקלאַפערײַ און אונטערדריקונג.

אַרײַנגעטראָטן אין בערלינער אוניווערסיטעט, האָט זיך מאַרקס קוידעם קאל אָרופגעוואָרפן אויף דער וויסנשאַפט פון פילאָסאָפיע, אָוועקגעוואָרפן מיט אַמאָל טרוימען וועגן אַ קאַריערע און מיטן גאַנצן ברען פון זײַן לײַדנשאַפטלעכער און פלאַמיקער נאַטור האָט ער זיך גענומען אויסאַרבעטן אַ גאַנצע פילאָסאָפישע וועלט-אַנשויאונג. ער איז געוואָרן אַן אַנהייגער פונם גרעסטן דײַטשן פילאָסאָף ה ע ג ע ל און איז צוגעשטאַנען צום קרײַז פון דער יוגנט, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „לינקע העגעליאַנער“, וואָס האָבן אויסגעטײַטשט העגעלס טעאָריע וועגן דער אייביקער באַוועגונג פון אידייען און וועגן דעם קאַמף פון די סטירעס — אין ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ן ג ײַ ס ט.

דערבײַ האָט דער יונגער סטודענט מאַרקס שוין אַרויסגעוויזן אין די טעאָרעטישע לימודים יענע אומגעהײַערע אַרבעטפײַאיקייט, אײַנגעשפאַרטקייט און זעלבסט-פאַרגעסונג, וועלכע האָבן שפּעטער אַזוי געכידעשט אַלע די, וואָס האָבן אים געקענט, אָבער וועלכע האָבן שוין אין זײַנע יונגע יאָרן אונטערגעריסן זײַן געזונט.

צוזאַמען מיט דער פילאָסאָפישער און וויסנשאַפטלעכער וועלט-אַנשויאונג, צוזאַמען מיט זײַן מערידע קעגן אַלערלײַ הייליקע אויטאָריטעטן האָבן זיך שוין אין מאַרקס סטודענטישע יאָרן צוזאַמענגעלייגט אויך זײַנע פּאָליטישע אַנשויאונגען. דערצויגן אויף די אידייען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פײַנט האָבנדיק סינאַס-מאָוועס דעם פוסטן פאָרמאַליזם און דעם דעספּאָטיזם פון דער רעאַקציאָנערער פרייסישער ביוראָקראַטיע, איז ער פון די יונגע יאָרן געוואָרן אַ רעפּובליקאַנער אין איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט פיל פאָרשטייער פונם דאַמאָלסדיקן „יונגן דײַטשלאַנד“

דאָס הייסט מיט דער אפּאָזיציאָנעל-געשטימטער בורזשואַזער אינטעליגענץ, וועלכע האָט שפּעטער געשפּילט אַן אַנגעזעענע ראָליע אין דער רעוואָלוציע פונם 1848 יאָר.

געענדיקט דעם אוניווערסיטעט, האָט זיך מאַרקס אָפּגעזאָגט פון אַ פּראָפעסאָרישער קאַריערע, — אַ קאַריערע פון אַ „אָפּי-ציעלן" געלערנטן, צוליב וואָס ער וואָלט געמוזט מעוואַטער זיין אַף זיינע איבערציגונגען, און האָט באַשלאָסן אָפּגעבן זיך דער זשורנאַליסטיק, דער פּרעסע-אַרבעט; נאָר אין דעם געביט האָט מען אין יענער צייט געקאָנט אַרויסווייזן אַ וועלכע ניט איז פּאָלי-טישע טעטיקייט.

אין 1842 יאָר, פיר און צוואַנציק יאָר אַלט, איז מאַרקס געוואָרן אַ מיטאַרבעטער און שפּעטער אויך דער רעדאַקטאָר פון דער „ריינישער צייטונג" און האָט באַלד אַרויסגעוויזן מערקוויר-דיקע פעאיקייטן פון אַ זשורנאַליסט.

ווי ס'איז באַוואוסט, האָט דייטשלאַנד דאַן איבערגעלעבט די פאַר-רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע. דאָס פּאָליטישע לעבן האָט אָנ-געהויבן אופוואַכן. די בורזשואַזיע האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן אין פּאָליטישע פּאַרטייען. די אינטעליגענטע יוגנט האָט געטרוימט וועגן אופשטאַנדן און פאַרשווערונגען. דער אַרבעטער-קלאַס איז געווען אין דער שטיל צערודערט; פון צייט צו צייט האָבן אויס-געבראָכן סטיכייאישע שטרייקן.

אָבער דאָס פּאָליטישע לעבן אין דייטשלאַנד, אינם סאַמע אָפּגעשטאַנענעם לאַנד פון מאַירעפּע, און אפילו אין דער ריייני-שער פּראָווינץ איז געווען בלויז אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פון יענער פּאָליטישער כוואַליע, וועלכע האָט זיך אופגעהויבן אין פראַנק-רייך און אין ענגלאַנד, וואו די בורזשואַזיע איז שוין געווען בײַ דער מאַכט אָדער געקעמפט פאַר איר, און וואו ס'האָט אָנגע-הויבן זיין באַפרייאונגס-קאַמף דער פּראָלעטאַריאַט.

מאַרקס איז צו יענער צייט געווען נאָר אַפן לינקן פליגל פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. איבער דער סאָציאַלער פראַגע פון אונזער צייט, איבער דער פראַגע וועגן דער אָרימ-קייט פון די פאָלקס-מאַסן האָט ער זיך נאָך ווייניק פאַרטראַכט.

אָבער בעשאסן רעדאגירן די „ריינישע צייטונג“, וואו ער איז, אגעוו, ארויסגעטראָטן מיט אַ גלענצנדער פאַרטיידיקונג פון דער פרעסע-פרייהייט, האָבן אים די אומרוען פון די פויערים און אַרבעטער געצוואונגען צו דערלערנען סאָציאלע און עקאָנאָמישע פראַגן. מארקס האָט זיך אנטשלאָסן געשטעלט אפן צאַד פון די אונטערדריקטע קלאסן; האגאם ער האָט נאך ניט געהאט קיין קלאָר פאָרמולירטע אנשויאונגען אינם דאָזיקן געביט, האָט אים דאָך געשטויסן דערצו דאָס געפיל פון גערעכטיקייט, וואס איז בא אים זייער שטאַרק געווען אויסגעדריקט.

דער טאָן פון דער צייטונג איז געווארן אַלץ שארפער, וואס עס איז, פארשטייט זיך, ניט געפעלן געווארן דער מאכט, און די צייטונג איז פארמאכט געווארן אין 1843 יאָר.

דאַן איז מארקס אריבערגעפאָרן קיין פאַריז מיט זיין יונגער פרוי און איז אריינגעפאלן אין דער טאָמע געדיכטעניש פון פאָליטישן לעבן. ער האָט זיך באַגעגנט מיט די אָנגעזעענסטע פראנצויזישע פאָליטישע טוער, מיט די דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן, גענומען זיך ערנסט צו דערלערנען די סאָציאליסטישע און עקאָנאָמישע ליטעראטור. ער האָט מיטגעאַרבעט צוזאַמען מיט די דייטשע עמיגראנטן, צוזאמען מיט זיין שפּעטערדיקן פריינט ענגעלסן און מיטן באוואוסטן פּאָעט היינריך היינע, מיט וועלכן ער האָט זיך באפריינדעט, אין דייטשע אויסגאבן, וועלכע זיינען דערשינען אין פאריז. אָבער די האנט פון דער פּרייסישער רעגירונג האָט זיי דאָרטן אויך דערגרייכט און, לויט איר פאָדערונג, זיינען די דאזיקע אויסגאבן פארמאכט געווארן, און מארקס איז ארויסגעשיקט געווארן פון פאַריז; ער איז אוועקגעפאָרן קיין ברוסעל, אין בעלגיע.

צו דער צייט איז שוין מארקס געווען אַן איבערצייגטער סאָציאליסט, און עס האָט זיך שוין אנגעהויבן אנמערקן די קאָנטורן פון יענער אויסגעהאלטענער טעאָריע, וועלכע מע האָט שפּעטער אנגערופן ד א ס מ א ט ע ר י א ל י ס ט י ש ע פ א ר ש ט יי ן פ ו ן ד ע ר ג ע ש י כ ט ע, וועלכע זאגט, אַז אין יעסאָד פונם געזעלשאפטלאכן לעבן ליגט די אנטוויקלונג פון די

עקאָנאמישע פארהעלטענישן און דער קלאַסן-קאַמף, וועלכער ווערט פון זיי ארויסגערופן.

די דאָזיקע טעאָריע איז געוואָרן אין די הענט פון מארקסן און זיינע טאַלמידים אַ מעכטיק געווער אַף צו דערלערנען דאָס פאַרגאַנגענע און צו פאַרשטיין דאָס צוקונפטיקע; זי איז אויך געוואָרן אַ טייערער קאַמף-מיטל מיט אַלערליי אוטאָפּיסטן, פאַרשווערער און ביכלאַל מיט אלע יענע קונצן-מאַכערס, וועלכע האָבן געהאָפט אָפּצוּנאַרן די געשיכטע, געהאָפט זייערע אייגענע פאַרלאַנגען שטעלן העכער פון די אומבּעראַכמאָנעסדיקע פּאָדערונגען און באַדינגונגען פון לעבן.

די יעסוידעס פון מאַרקס טעאָריע האָבן זיך צונויפגעלייגט אונטער אַ דרייפאַכער השפּעה: פון דער דייטשער פילאָסאָפיע, דעריקער די פילאָסאָפיע פון העגעלן, פונם פראַנצויזישן סאָציאַליזם און פון דער איינגלישער אַרבעטער-באַוועגונג. די דייטשע פילאָסאָפיע האָט געגעבן מארקסן דעם מעטאָד פון דערלערנען געזעלשאַפטלאַכע דערשיינונגען; דער פראַנצויזישער סאָציאַליזם האָט אים געגעבן די טיפע קריטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און דעם אידעאַל פון אַ האַרמאָנישן געזעלשאַפטלאַכן לעבן. ענדלאַך, די איינגלישע מאַסנדיקע אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע האָט געפאָדערט קאָנקרעטע רעפאָרמען, האָט אָנגעוויזן מארקסן די מיטלען פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, אָנגעוויזן אים דעם קומענדיקן טרעגער פון סאָציאַליסטישע אידעאַלן.

אונטער דער ווירקונג פונם דערלערנען די גרויסע בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן פון איינגלאַנד, האָט מאַרקס אין דער צווייטער העלפט פון די 40-קער יאָרן שוין געשאפן אין אַלגעמיינע שטריכן יענע עקאָנאָמישע טעאָריע, וועלכע איז שפּעטער מיט אַזאַ גלאַנץ אַנטוויקלט געוואָרן אין די דריי בענדער פון זיין באַרימטן „קאַפּיטאַל“.

די דאָזיקע אַלע געדאַנקען האָט מאַרקס איבערגעגעבן אין יענעם פּעריאָד פון זיין לעבן אין אַ ריי בראָשורן, אַרטיקלען און

לעקציעס, וועלכע ער האָט געלייענט אין דייטשן ארבעטער-פאַרבאַנד אין ברוסעל.

פון די דאָזיקע ווערק זיינען באַזונדערס מערקווירדיק: „די ארעמקייט פון דער פילאָסאָפיע" — אַן ענטפער אַף פרודאָנס „פילאָסאָפיע פון דער ארעמקייט", „לוין-אַרבעט און קאַפּיטאַל" און, ענדלאַך, „דער מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי", וואו אין קלאָרע, גענויע און מערקווירדיקע, לויט זייער קראַפט און בוילעטקייט, אויסדריקן, באַשטימען מאַרקס און ענגעלס די ראָליע פון די קלאַסן אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט און די גרויסע אויפגאַבן פונם פּראָלעטאַריאַט און זיי געבן אויך די קריטיק פון אַלע מינים רעאַקציאָנער-קליינבירגערלאַכן און אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם.

דער דאָזיקער מאַניפעסט, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דאָס עוואַנגעליום פונם גאַנצן קעמפנדיקן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט און וועלכער פאַרענדיקט זיך מיטן באַוואוסטן אויפרוף „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!", איז געווען אין יענער צייט דער רעזולטאַט פונם ע ר ש ט ן פּרואוו צו פאַראייניקן אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב די פאָרגע-שריטענע, באַוואוסטזיניקע ארבעטער אונטער דער פאָן פונם סאָציאַליזם.

ער איז אָנגענומען געוואָרן אום ווינטער 1847 יאָר אַפן צווייטן צוזאַמענפאָר פונם „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך די ארבעטער-עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער, וואָס האָבן געלעבט אין איינגלאַנד.

דער מאַניפעסט איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאַנוואַר 1848 יאָר, און אין אַ כוידעש אַרום האָט אויסגעבראָכן אין פראַנקרייך די רעוואָלוציע און ווי אַן אָפּפרישנדיקער שטורעם האָט זי זיך נאָכדעם דורכגעטראָגן איבער איירָאָפּע.

צום סאָף פעוראַל איז שוין מאַרקס געווען אין פּאַריזש, וואו זיינע פריינט האָבן אים באַגעגנט מיט סימכע און קאָוועד, און ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן אויך אין דייטשלאַנד,

האָט מאַרקס גענומען אין איר דעם אַקטיוויסטן אָנטייל, געשטעלט זיך אין דער שפּיץ פון דער „נייער ריינישער צייטונג" און פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער דעמאָקראַטיע און פונם פּראָלעטאַריאַט.

עס איז אָנגעקומען די קאָנטער-רעוואָלוציע; מאַרקסן האָט מען גענומען רודפן, צוציען צום געריכט. און ווען, נאָך זיין גלענצנדער רעדע, האָבן אים די ריכטער באַפרייט, האָט מען אים איינפאַך אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד, און ער איז ווידער אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, פון וואַנען די רעוואָלוציאָנערע רעפּובליקאַנישע רעגירונג האָט אים אויך געצוואונגען אַוועקפאָרן.

מאַרקס מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך איבערגעצויגן קיין לאָנדאָן (אין 1849 יאָר) און איז שוין דאָרט פאַרבליבן אף אַלעמאָל.

אין יענער צייט האָבן זיך אין לאָנדאָן צונויפגעקליבן פיל פאַרטריבענע, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון די רעדיפעס פון דער אַלאייראָפּייאישער רעאַקציע. אין דער פאַרדומפּענער עמיגראַנטישער אַטמאָספער, צווישן אופגעבלאָזענע אמביציעס פון פאַרשווערער און טרוימער, און אמאָל פון פּאָשעטע אַוואַנטוריסן, וועלכע האָבן זיך אומגעטראָגן מיט פּלענער פון נייע אופשטאַנדן און פאַרשווערונגען, איז מאַרקסן אויסגעקומען איבערצולעבן פיל ביטערע מאָמענטן.

ווייל, אויב בעשאַס די רעוואָלוציע פון 1848—1849 יאָר האָט נאָך מאַרקס אליין געגלויבט, אַז די בורזשואזע רעוואָלוציע אין אייראָפּע וועט א ו מ מ י ט ל ב א ר איבערגייען אין אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, האָט ער שוין אין אָנפאַנג פונם 50-טן יאָר קלאָר געזען, אַז דער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָד האָט זיך פאַרענדיקט, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ לאַנגער פּעריאָד פון פרידלאַכער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם. ווען דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אָנזאַמלען קויכעס פאַר אַ נייעם קאַמף.

מארקס האָט דעריבער געוואָרנט פון לייכטזיניקע און אומפּרוכפּעריקע אוואַנטיורעס, וועלכע וועלן טייער קאָסטן דעם אַרבעטער-קלאַס; און אים האָט מען גערופן „פּאַכדן" און „פאַררעטער פון דער רעוואָלוציע".

דערפאר אָבער, ווען די רעאקציע האָט טריאומפירט אינגאנצן און קלאר פאר אלעמען, ווען צווישן די געוועזענע רעוואָלוציאָנערן האָבן טאקע געפעלשט אין דער רעוואָלוציע, ווען אפילע אזעלכע מענטשן, ווי דער בארימטער רוסישער שרייבער הערצען, האָבן פארלאָרן דעם גלויבן אי אין דער רעוואָלוציע, אי אין אייראָפייאישן סאָציאליזם, אי אין די קויכעס פון דער אייראָפייאישער דעמאקראטיע, איז מארקס באַ זיך ניט אראָפגעפאלן. באוואפנט מיט זיין היסטאָרישער און עקאנאָמישער טעאָריע, האָט ער אין זיינע ארטיקלען וועגן דער רעוואָלוציע אין פראנקרייך און דייטשלאנד, אין זיין געניאלן בוך „18 ברומער פון לואי באנאפארט" געגעבן א גלענצנדן אנאליז פון דער רעוואָלוציע און האָט קלאָר געמאכט די סיבעס פון איר מאפאלע ביפראט האָט ער דערוויזן, אז דער באנאפארטיזם אין פראנקרייך—דער טריאומף פון ברוטאלער קראפט און פון סאָלדאטישן קנאפל—האָט געקאנט זיגן נאָר דערפאר, וואס ער איז געשטיצט געוואָרן פונם פויערטום, וואס איז פארמאטערט געווארן פון דער רעוואָלוציע און האָט געלעכצט נאָך „אָרדנונג".

אָבער מארקס איז באַ זיך ניט אראפגעפאלן, ווייל ער האָט געוואוסט, אז די געזעצן פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג, וואָס ער האָט אנטדעקט, וועלן אומפארמיידלאך ברענגען צו א נייעם געזעלשאפטלאכן אויפשטייג, צו א נייער, שוין דויערנדיקער ארויסטרעטונג פונם אינטערנאציאנאָלן פראָלעטאריאט.

דעם פעריאָד פון דער רעאקציע און פונם געזעלשאפטלאכן שטילשטאנד האט מארקס אויסגענוצט און גענומען זיך פאר דעם ווערק, וועלכן ער האָט אָפגעגעבן א העלפט פון זיין לעבן; צוגרייטן זיין אויספאָרשונג וועגן די עקאנאמישע געזעצן פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

דאָס איז בעעמעס געווען א ריזיק ווערק, ווייל מארקס האָט צוליב דעם דערלערנט אָלע געביטן פון דער געזעלשאפטלאכער וויסנשאפט, ער האָט זיי גרינדלאך דערלערנט, לויט די ערשטע מעקוירים, און די בורזשואזע פאליטישע עקאנאמיע און

די דערשיינונגען פונם עקאנאָמישן לעבן האָט ער אויסגעפאָרשט מיט דער גאנצער פונקטלעכקייט און טיפקייט. אף וויפל מארקסן האָבן אין דער דאזיקער ארבעט ניט אפגעשטעלט קיינע שוועריקייטן, קאָן מען, אגעוו, זען אָט פון וואָס, בעשאס ער האָט באדארפט דערלערנען די ערד-רענטע און האָט זיך געניוטיקט אין דער ארבעט פון דער רוסישער זעמסקער סטאַטיסטיק, האָט ער אין אַ קורצער צייט אויסגעלערנט די רוסישע שפראך, וועלכע איז זייער שווער פאר אן אייראָפייער, און האָט אויסגעלערנט די שפראך אַזוי גוט, אז ער האט פריי געקאָנט לייענען די רוסישע פאָעטן.

אָבער ניט געקוקט אף מארקס ארבעט-פייאיקייט און איינגעשפארטקייט, איז די ארבעט געגאַנגען לאנגזאם, ווייל די באדינגונגען, בא וועלכע עס איז אויסגעקומען צו לעבן מארקסן אין לאנדאָן, זיינען געווען זייער שווערע. ער און זיין פאַמיליע האָבן יאָרן לאַנג געליטן אַ שרעקלאכע נויט, ניט זעלטן — פּאָשעט הונגער.

די ליידן פון דער פאמיליע, די קריינק און דער טויט פון זיינע קינדער האָבן אָפּגערויבט די רו בא מארקסן. און זיין אייגענע קריינק, וועלכע האָט זיך גענומען פון מידקייט, האָט אים אָף אַ לאנגער צייט אָפּגעריסן פון זיין ארבעט און האָט נאָך מער רואינירט דעם עקאנאָמישן מאצעוו פון זיין פאמיליע. ווען ניט די קליינע ירושע, וואס מארקס ווייב און ער אַליין האָבן באקומען, און ווען ניט די הילף פון די פריינט, באזונדערס פון ענגעלסן, וואָלט מארקס הויפּט-אַרבעט ניט דערשינען. ווייל יענע פּראַקטיקע ארטיקלען-קאָרעספּאָנדענצן, וואָס ער האָט געמוזט שיקן אין די אמעריקאַנישע זשורנאלן, זיינען שלעכט באַלוינט געוואָרן, און פון אנפאנג פון די 60-קער יאָרן, ווען אין אַמע-ריקע האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע צווישן די צאָפנדיקע און דאָרעמדיקע שטאַטן, איז דער דאָזיקער נישטיקער, אָבער שטענ-דיקער קוואַל פון האכנאָסע, אויך פארשטאָפּט געוואָרן.

אין 1859 יאָר איז דערשינען מאַרקס „קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“, אין 1867 יאָר דער ערשטער באַנד פון „קאַפּיטאַל“. די ווייטערדיקע

בענדער האָט מארקס ניט באַוויזן צוגרייטן צום דרוק, מאכמעס דעם וואָס ער איז געווען פארנומען מיט אַ פיבערהאפטער געזעל־שאפטלאכער טעטיקייט און איז געווען געפלאָגט פון זיינע קריינק, און ענגעלס האט זיי שוין ארויסגעגעבן, און נאָך ענגעלס טויט האָט זיי אַרויסגעגעבן קויטסקי.

דערווייל האָט זיך דערנעענט דער נייער אופשטייג פון געזעלשאפטלאכן לעבן און פון דער פראלעטאַרישער באוועגונג, וואָס מארקס האָט פאָרויסגעזען. אין פראנקרייך, וועלכע האָט זיך געמאַטערט אונטערן קנאַפל פון נאפאָלעאָן דעם III, האָבן זיך די אַרבעטער גענומען ווייטער רירן. אין איטאליע האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאמף פאר דער באפרייאונג פון דער עסטרייכישער מעמשאָלע. אין דייטשלאנד האָט זיך באוויזן לאסאל, וועלכער האָט זיך געשטעלט די אופגאבע ארויסצורייסן די דייטשע אר־בעטער פון אונטער דער האשפאָע פון דער פראָגרעסיווער בור־זשואזיע,—וועלכע האָט ווידער גענומען פירן אַ קאמף קעגן דער רעאַקציאָנערער רעגירונג, — און שאפן פון זיי אַ זעלבשטענדיקע קלאסן-פאַרטיי. אין איינגלאנד האָבן די ארבעטער, וועלכע זיינען צו זיך געקומען נאָך דער מאפּאָלע פונם טשארטיזם, באוויזן צו אָרגאַניזירן מעכטיקע פראָפעסיאָנעלע פאראיינען, די טרעד-יוניאָנען. ענדלאך, דער פוילישער אופשטאנד, וועלכער האָט אויסגעבראָכן אין 1862 יאָר, האָט נאָך געדיכטער געמאכט די רעוואָלוציאָנערע אטמאספער אין אייראָפּע.

לאָנדאָן, וואו מארקס האָט אין די יאָרן געלעבט, איז געווען דער צענטער פון דער גאַנצער אינטערנאציאָנאַלער פאָ־ליטיק און די הויפט בערזע פונם גאַנצן אלוועלטלאכן קאפיטאַ־ליזם. דאָס האָט געגעבן מארקסן אן אויסערסט באקוועמען אָפּאַכטונג-פונקט, געעפנט פאר אים אלע געהיימע פרוזשינעס פון דער אויסערלאכער און אינערלאכער פאָליטיק פון דער בורזשואזער געזעלשאפט.

אין יענער צייט איז איינגלאַנד געווען דאָס פרייסטע לאַנד אין אייראָפּע, און לאנדאָן האָט געצויגן צו זיך אַלע פּאָליטישע פליטים און די עמיגראַנטן פון אלע לענדער.

דעריבער איז לאָנדאָן געווען יענץ אָרט, וואו עס האָט געדאַרפט נאַטירלאַכערוויז געבאָרן ווערן דער געדאַנק וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג פון די אַרבעטער.

אין 1864 יאָר, אַפן פּראָטעסט-מיטינג קעגן דער אונטערדריקונג פונם פּוילישן אופשטאַנד, — אַפן מיטינג, וואו ס׳זיינען געווען פאַרגעשטעלט אַרבעטער פון פיל לענדער, איז געגרינדעט געוואָרן „די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער-אַסאָציאַציע" דער אַזוי גערופענער I אינטערנאַציאָנאַל. מאַרקס איז אויסגעוויילט געוואָרן אין גענעראַלן ראַט פון דער אַסאָציאַציע און האָט באַלד גענומען שפּילן אין איר די אָנפירנדיקע ראָליע. ווי אין 1847-1848 יאָרן, איז אים אויסגעקומען צו קעמפן אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט מיט די קליינבירגערלאַכע, אַפּאָרטוניסטישע עלעמענטן פון איין זייט און מיט די פאַרשווערערישע און אַנאַרכיסטישע פון דער צווייטער.

אין די רעזאָלוציעס און פּראָקלאַמאַציעס, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט, איז דורכגעפירט געוואָרן דער געדאַנק, אז דער אַרבעטער-קלאַס דאַרף זיך אָרגאַניזירן אין אַ זעלבשטענדיקער פּאַרטיי צום קאַמף פאַר זיין פּאָליטישער און עקאָנאָמישער באַפרייאונג, פאַר פאַרוואַנדלען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אין אַ סאָציאַליסטישער. ווי מאַרקס האָט זיך אליין אויסגעדריקט, איז „יעדער טריט פון דער ווירקלאַכער אַרבעטער-באַוועגונג טייערער פון אַ טוץ פּראָגראַמען", וואָס עס האָבן צוגעטראַכט פאַנטאַזיאָרן-פוסטעפּאַסניקעס, פּראָעקטן-מאַכערס און סעקטאַנטן.

די אַרבעט, וואָס מאַרקס האָט דורכגעמאַכט צוליבן אינטערנאַציאָנאַל, איז געווען קאָלאָסאַל. ער האָט ניט געקיבעט זיך אַרויסצורוקן אַפן ערשטן פּלאַן, די פראַגן פון קליינלאַכער אַמביציע, וועלכע זיינען אַזוי אייגנטימלאַך פאַר פילע אָנפירער מיט געזעלשאַפטלאַכע באַוועגונגען, זיינען אים לאַכלוטין פרעמד געווען. מאַרקס פלעגט בעסער וועלן בלייבן אין שאָטן, אָבער דערפאַר זיין דער ווירקלאַכער אָנפירער, די נשמה פונם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל. ער איז געווען נאָר אָף איין צוזאַמענפאָר פונם אינטערנאַציאָנאַל. אָבער אלס

סעקרעטאר פונם גענעראל-ראט פונם אינטערנאציאָנאל, איז מארקס געווען דער מעכאַבער פון אלע זיינע אויפרופן און מאניפעסטן, צוגעגרייט די רעזאָלוציעס פון אַלע זיינע צוזאמענפאָרן; ער האָט געפירט אַ גרויסן בריוו-וועקסל מיט זיינע אָפטיילן, אָדער סעקציעס, אלעמען געגעבן אייצעס און אָנווייזונגען.

און די דאָזיקע ראַליע פון אן אנערקענטן לערער און אָנפירער פון דער סאָציאליסטישער אַרבעטער-באוועגונג איז געבליבן פאַר מאַרקסן אפילו דאן, ווען עס איז צעפאַלן געוואָרן דער I אינטערנאציאָנאל, וואָס זיינע ראמען זיינען צו איינג געווען פאר דער ארבעטער-באוועגונג פון אלע לענדער, וואָס האָט זיך אזוי שנעל אנטוויקלט.

נאכן בלוטיקן אונטערדריקן די פאַריזשער קאמונע אין 1871 יאָר, האָט זיך מארקס געווענדט אין נאמען פונם אינטער-נאציאָנאַל מיט אַ פלאמיקן אויפרוף צו דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט („דער קלאסן-קאמף אין פראנקרייך״) און אינם דאָזיקן אויפרוף האָט ער אָנגעוויזן אף די איידעלע צילן און דער העל-דישער אויפפירונג פון די קאמונארן און האָט פארשטעמפלט מיט אַן אייביקן שאנד-פלעק זייערע אונטערדריקער.

נאכן צעפאַל פונם אינטערנאציאנאל האָט מארקס געלעבט נאָך 10 יאָר. ארבעטנדיק איבער די ווייטערדיקע בענדער פון זיין „קאפיטאל״, וועלכן ער האָט דאָך ניט באוויזן איינגאנצן צו באארבעטן, האָט דאָך מארקס די גאנצע צייט אונטערגעהאלטן דעם בריוו-וועקסל און פערזענלאכן פארקער מיט די סאָציאַליסטן פון דער גאנצער וועלט, וועלכע פלעגן ניט זעלטן קומען צופאָרן אין ווייטן לאנדאן, קעדיי פערזענלאך צו זען דעם בארימטן „פויפס פונם סאָציאליזם״.

מארקס האָט נאך דערלעבט צו זען די נייע אופלעבונג צווישן די פראנצויזישע ארבעטער, און ער האָט זיך באטייליקט אינם אויסארבעטן די פראגראם פון דער פראנצויזישער סאָציא-ליסטישער פאַרטיי. ער האָט געזעען דעם שנעלן וואוקס פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראטיע און די פאראייניקונג פון די לאַסאַליאנער מיט די אָנהייגער פון בעבעלן און ליבקנעכטן.

פֿאַר אים האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד; ער האָט נאָך דער דאָזיקער באַוועגונג נאָכגעשפּירט מיטן גרעסטן אינטערעס און מיטגעפֿיל; די באַוועגונג אין רוס-לאַנד האָט זיך פֿאַרענדיקט מיטן מאָרד פֿון אַלעקסאַנדער דעם II דורך די נאַראָדאָוואָלצעס.

דערווייל האָבן די אַלטע כוואַליעס און די אָנגעשטרענגטע אַרבעט געטאָן זייער זאַך און צעשטערט דעם אַמאָל מעכטיקן אָרגאַניזם פֿון מאַרקסן. אינגיכן נאָכן טויט פֿון זיין צאַרט געליבטער פֿרוי איז דעם 18-טן מאַרט 1883 יאָר מאַרקס ניפֿטער געוואָרן.

ער איז געשטאָרבן, זיצנדיק בײַ זיין אַרבעט-טיש.

„די מענטשהייט, — האָט געשריבן אויפֿן צווייטן טאָג נאָך זיין טויט, ע נ ג ע ל ס, — איז געוואָרן נידעריקער מיט אַ גאַנצן קאָפּ, דערבײַ מיט דעם גענילאַלסטן קאָפּ, וואָס די מענטשהייט האָט פֿאַר דער לעצטער צייט געהאַט“.

ווי יעדער ליידנשאַפֿטלאַכער און ענערגישער קעמפֿער פֿאַר זיינע איבערצייגונגען, האָט מאַרקס געהאַט פֿיל פֿאַרביסענע שׂונאים, און ס׳איז ניט געווען קיין רעכילעס און נאַרישקייט, וואָס ס׳זאָלן אויף אים ניט אויסטראַכטן זיינע פּאָליטישע און קלאַסן-שׂונאים. און ערשט נאָך זיין טויט, ווען עס זיינען דער-שינען זיכרוינעס וועגן אים פֿון זיינע פֿריינט און ס׳זיינען פּובּ-ליקירט געוואָרן זיינע בריוו, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בײַם שטרענגן קעמפֿער, וואָס האָט זיך אומבאַראַכמאָנעסדיק באַצויגן צו די שׂונאים פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, ווי אויך צו זיינע פֿאַלשע אָדער נאַרישע פֿריינט, — איז געווען אַ ווייך און מילד האַרץ.

אינעם קרייז פֿון די נאָענסטע פֿריינט איז ער געווען פֿריילאַך און צוגעלאָזט, ווי אַ קינד. ליבקנעכט דערציילט, אַז שוין אַ דערוואַקסענער איז מאַרקס אין אַ פֿריילאַכער קאָמפּאַניע געווען מעסוגל אויף ריין אינגלשע, סטודענטישע גיינג.

בעסער פֿון אַלץ האָט ער זיך געפֿילט צווישן קינדער, ניט בלויז אייגענע, נאָר אויך פֿרעמדע. מיט אַ כאַוואַרײַע לאָנדאָנער גאַסן-קינדער איז מאַרקס געווען גרייט צו שפּילן און

שטיפן, און זיי האָבן זיך געהאַלטן מיט אים, ווי מיט אַ גלייכן. און זיינע אייגענע קינדער האָבן געקאַמאַנדעוועט מיט אים מאַמעש דעספּאָטיש.

די באַציאונגען פון מאַרקסן צו זיין פרוי איז אַ מוסטער פון אַכטונג און ליבע, וועלכע זיינען ניט קלענער געוואָרן אין פאַרלויף פון זייער לאַנגן צוזאַמענלעבן. זי איז אויך געווען אַ פרוי מיט אַן אויסטערליש שיינער נעשאָמע, זי האָט פאַקריוו געוועזן איר אַריסטאָקראַטישן שטאַנד צוליב דעם חיימלאָזן פּאָלי-טישן עמיגראַנט און פאַר זיין אידעאַל, דעם אידעאַל פונם אַל-וועלטלאַכן פּראָלעטאַריאַט; זי האָט שיין געמאַכט מאַרקס לעבן און איז געווען די פרייד און די טרייסט פון אַלע זיינע פריינט. זי האָט קיינמאָל קיין טאַרומעס ניט געהאַט אַף איר שווערן לעבן, אַף דער דאַכקעס און נויט, וועלכע האָבן געבראַכט צום טויט אירע קינדער, זי האָט קיינמאָל ניט געפּרואווט, צוליב לעבנס-באַקוועמלאַכקייט אָפּצואווענדן איר מאַן פון זיין קאַמף, וועלכער האָט אים פאַרשאַפן פיל דאַכקעס. און איר מאָראַלישע שטיצע האָט געהאָלפן מאַרקסן איינצוהאַלטן יענע גײַסטיקע שטאַנדהאַפטיקייט און ריינקייט אין געלט-זאַכן, וועלכע האָבן אים אַזוי אויסגעצייכנט אין דער סוויווע פון אָפּגעלאָזענע עמיגראַנטן.

פיל האָט געהאָלפן דער פאַמיליע מאַרקס אין זייער קאַמף מיט דער נויט און מיט די אומגליקן, וועלכע האָבן זיך אַף זיי געשאָטן, זייער דינסט העלענא דעמוט. פון אַ דינסט איז זי געוואָרן אַ פריינט, אַ מיטגליד פון דער מישפּאָכע, אָפטמאָל אַפילע אַ אומפּאַגרעניצטע הערשערין און פון וועלכער מאַרקס, און שפּעטער זיינע קינדער האָבן גערעדט מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט.

גאָר אַן אויסטערלישער ביישפּיל פון ריינער, טיפער פריינט-שאַפט, וועלכע האָט זיך פאַרבונדן פון דער ערשטער באַקאַנט-שאַפט און האָט זיך געצויגן גאַנצע פערציק יאָר, זיי-נען געווען די באַציאונגען פון מאַרקס צו פרידריך ענ-געלסן.

בײַ דער גאַנצער פֿאַרשיידנהייט פֿון זייערע כאַראַקטערן, פֿון די אינדיווידועלע אייגנשאַפֿטן, פֿון אָפּשטאַמונג און דערציִונג, האָט זיי דאָך פֿאַראייניקט די אויסערגעוויינלעכע געמיינזאַמקייט פֿון זייערע אַנשויאונגען, וועלכע איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורכן שטענדיקן פּערזענלעכן פֿאַרקער און בריוו-וועקסל. ענגעלס ראָליע אין זייער געמיינזאַמער אַרבעט איז אומגעהייער, און מאַרקס האָט גערן אָנערקענט, אַז ער איז אים מיט פֿילן פֿאַרפּליכטעט. אָבער דער באַשיידענער ענגעלס האָט ניט ליב געהאַט אַרויסצושטעלן זיך אויפֿן ערשטן פּלאַן, און נאָך נאָך מאַרקס טויט האָט זיך זײַן באַדייטונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג אַרויסגעוויזן אין דער פֿולער מאָס, און ער איז געוואָרן מאַרקס אָנערקענטער יורש, דער פֿאָרזעצער פֿון זייער אַלגעמיינער אַרבעט.

מאַרקס האָט טיף געשעצט און געאַכט די פּרוכט פֿון דער פֿילדוירעסדיקער מענטשלאַכער קולטור, וואָס די אַנאַרכיסטן פֿון זײַן צײַט, ווי די איצטיקע, האָבן מיט פֿאַראַכטונג אָפּגעלייקנט, אַלס אַ „בורזשואַזע". מאַרקס, וועלכער האָט אַליין מיט אַן אויסטערלישער בוילעטקייט און טיפֿקייט אופגעדעקט די טונקעלע זייטן פֿון דער דאָזיקער קולטור, האָט פֿאַרגעלייגט ניט צו צעשטערן זי, נאָר, באַהערשנדיק די איצטיקע קולטור, פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ סאָציאַליסטישער. „אמהאַראַצעס האָט נאָך קיינמאָל קיינעם ניט געהאָלפֿן", האָט מיט קאַעס אויסגעשריִען מאַרקס נאָך אין די 40-קער יאָרן, אין זײַן וויקואָך מיט ווייטלינגען.

מאַרקס האָט געגלויבט אין די שעפֿערישע פֿייִקייטן און אין דער גרויסער צוקונפֿט פֿונעם אַרבעטער-קלאַס, אָבער קיינמאָל האָט ער די אַרבעטער ניט געכאַנפֿעט, ניט צוגעפּאַסט זיך צו זייער אַמהאַראַצעס, פֿאַראורטיילן און פֿינסטערע אינסטינקטן.

מאַרקס אַליין איז געווען אַ טייערער פּראָפּאַגאַנדיסט און לערער און אין זײַנע לעקציעס אין אַרבעטער-קלוב אין ברוסעל און שפּעטער אין לאָנדאָן האָט ער געקאָנט קלאָר, פֿאַרשטענדלאַך, געדולדיק צו דערקלערן די סאַמע שווערע

שטעלן פון דער טעאָריע, קיינמאָל ניט אָראָפּלאָזנדיק זיך צו דער פּאראייגפּאַכטער וואולגאַרישקייט.

מאַרקס האָט געליבט און געשעצט די ק ו נ ס ט, באַזונ־דערס די פּ אָ ע ז י ע. אין דער יוגנט האָט ער אַליין געשריבן שירים, אָבער, איבערצייגנדיק זיך, אַז ער וועט זיך ניט קאָנען פאַרגלייכן מיט די גרויסע קלאַסיקער, האָט ער זיך מוטיק אָפּגע־זאָגט פונם ניסאיען צו ווערן אַ מיטלמעסיקער פּאָעט. אָבער אַזאַ גרויסער פּאָעט, ווי ה יי נ ר י ך ה יי נ ע, האָט אַזוי פיל געהאַלטן פון מאַרקס קינסטלערישן און קריטישן כוש, אַז בעשאַס זיי האָבן געלעבט צוזאַמען אין פּאַריזש פלעגט ער זיך אַן אייצע האַלטן מיט מארקסן קאַמאט וועגן יעדן שיר פון זיינע ווערק און פלעגט זיך ניט באַרואיקן ביז וואַנען מאַרקס פלעגט ניט בלייבן צופרידן אי מיטן אינהאַלט אי מיט דער פאָרם.

מאַרקס האָט דערלערנט אין אָריגינאַל— ער האָט געקענט קימאַט אַלע אייראָפּייאישע שפראַכן, גערעדט און געשריבן האָט ער פריי אָף דריי שפּראַכן—אַלע גרויסע פּאָעטן פון דער אַלטער און נייער וועלט, און פולע פון זיי, באַזונדערס שעקספּירן און דאַנטע׳ן, האָט ער געוואוסט אָף אויסווייניק און האָט זיי גערן ציטירט.

און אין זעלטענע פרייע שאָען פלעגט מאַרקס ליב האָבן אָפילע פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ אַבסטראַקטער וויסנשאַפט, ווי די הויכע מאַטעמאַטיק, און אין די מאַטעמאַטישע העפטן, וועלכע זיינען פאַרבליבן נאָך אים, האָבן ספּעציאַליסטן געפונען פיל ווערטיקע זאַכן.

מאַרקסן זיינען פאַרשטיים זיך, אויך ניט פרעמד געוועזן אַלע מענטשלאַכע שוואַכקייטן און אין קאַמף מיט זיינע אידיי־אישע קעגנער (באַזונדערס מיט באַקונינען און די באַקוניסטן) האָט ער זיך ניט זשענירט אין די מיטלען. דער דאָזיקער פאַקט ווערט גערן צעבלאָזן דורך די סאָנים פון מאַרקסן און מאַרק־כיזם ביז היינטיקן טאָג. אָבער עס האָט קיין טאָעס ניט בלויז יענער, ווער עס טוט גאָרנישט און דער וואָס קאָן ליידנשאַפטלאַך

ליבן, יעגער קאָן פונקט אַזוי ליירנשאפטלאך—און דערפאר אָפּטמאָל פּ׳אַרטייאיש—האַסן.

אַלנפאַלס איז מאַרקס געווען און פאַרבליבן אַ מ סטער פון אַ געניאַלער און האַרמאָנישער מענטשלאַכער פערזענלאַכקייט, אַ פולשטענדיקע אייניקייט פון אַ מענטשן, אַ דיינקער און אַ קעמ־פער, און קאָלומאַן עס עקזיסטירט דער קעמפנדיקער פּראָלעטאַ־ריאַט, וועט מאַרקס נאָמען יינען אים אַלעמאָל פאר אַ וועגווייזנ־דיקן שטערן.

# X. פרידריך ענגעלס.

1820—1895

ענגעלס נאָמען איז אייגג פאַרבונדן מיט מאַרקס נאָמען. ביידע זיינען זיי די שעפער פונם וויסנשאַפטלאכן סאָציאַליזם, די מעכאַברים פונם באַרימטן „מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי״. ענגעלסן קומט אַ באַדייטנדיקער טייל פון יענער אומ־געהייערער, פּראָפּאַגאַנדיסטישער, פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָ־נעלער ארבעט, וועלכע איז דורכגעמאכט געוואָרן דורך די דאָזי־קע גרויסע לערער און פירער פונם פּראָלעטאַריאַט. און אויב ענגעלס האָט ניט אַזאַ נאָמען ווי מאַרקס; אויב מע האָט אים אין בעסטן פאַל נאָר פאַר מאַרקס פריינט און נאָענסטן העלפער און מע שאַצט ניט אָפּ אין אַ גענוגער מאָס זיין זעלבשטענדיקע באַדייטונג, איז דאָס, דעריקער, דערפאַר, וואָס ענגעלס איז גע־ווען אַ גרויסער אַנאָוו. בעשאָס מאַרקס האָט נאָך געלעבט, און נאָך זיין טויט, האָט ענגעלס געשטעלט מאַרקסן אפן ערשטן פּלאַן, און זיך האָט ער געלאָזן אין שאטן. אָבער די אומפּאַר־טייאישע פאָרשער פון מאַרקסיזם האָבן שוין לאַנג אָפּגעגעבן זיינס דעם גרויסן מיטאַרבעטער פון מאַרקסן, און דער יובילייִ, וואָס איז ניט לאַנג געפייערט געוואָרן — הונדערט יאָר זינט ער איז געבאָרן געוואָרן — האָט אים געמאכט אַ סאַך פּאָפּולע־רער צווישן די מאָסן.

ענגעלס איז געבאָרן געוואָרן דעם 28 נאָיאַבר 1820 יאָר.

אזוי ווי מארקס, שטאמט ער אויך פון א בורזשואזער פאמיליע; זיין פאטער איז געווען א דייטשער פאבריקאנט, וועלכער האט אויך געהאט א בייוול-פאבריק אין דער איינגלישער שטאט מאנטשעס-טער. און פונקט ווי מארקס איז אויך ענגעלס געווארן א רעוואָ-לוציאנער און א סאציאליסט ניט מאכמעס פערזענלאכן פארדראס אדער מאכמעס שווערע ניסיוינעס, נאר מאכמעס זיין טיפן און קלארן סייכל, וועלכער האט געזען אלע פינסטערע זייטן פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג, און מאכמעס זיין פילעוודיקן געוויסן, וועלכער פלעגט זיך אפרופן אף די יעסורים פון די אונטערדריקטע און עקספלואטירטע מאסן. און די געשעפטן פון זיין פאטער האבן אים פון זיינע יונגע יארן באקענט מיט דער וועלט פון קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע און ארייגעפירט אים אין דער סאמע געדיכטעניש פון די מאדערנע עקאנאמישע פארהעלטענישן.

נאך זייענדיק אין דער גימנאזיע האט ענגעלס זיך דורכ-געדרונגען מיט רעוואלוציאנערע אידייען, אנגעהויבן האסן דאס דאמאלדיקע אבסאלוטיסטישע דייטשלאנד און גענומען זיך בא-קאנען מיט די פארשטייער פון דער דייטשער רעוואלוציאנערער אינטעליגענץ. צוזאמען דערמיט האט ער ארויסגעוויזן א גרויסע ליבע צו וויסן, מיט וועלכער ער האט זיך אויסגעצייכנט זיין גאנצן לעבן און האט דערגאנצט זיין בילדונג מיט לייענען. אפ-קומענדיק אין בערלין די מיליטער-דינסט, האט ער אפילע אין דער פרייסישער קאזארמע געפונען, וואס צו לערנען, און האט באקומען יענע מיליטערישע ידיעס, וועלכע ער האט שפעטער אנגעווענדט בעשאס דער רעוואלוציע און וועלכע ער האט שוין, בעשאס ער איז רייף געווארן, אף אזויפיל פארברייטערט, אז ער איז געווארן א גוטער קענער פון דער זאך, האלטנדיק, אז א רעוואלוציאנער מוז דאס וויסן.

די צייט, ווען ענגעלס איז, פול מיט קויכעס און מיט גלויבן אין זיך, אריינגעטראטן אין לעבן, איז געווען א רעוואלוציאנערע. אין איינגלאנד האט זיך ערשט ארויסגעוויזן די מעכטיקע באווע-גונג פונם ארבעטער קלאס, וועלכע איז באוואוסט מיטן נאמען

טשארטיזם. אין פראנקרייך איז נאָר וואס דערשטיקט געווארן דער רעוואלוציאָנערער אופשטאַנד פון בלאנקי, און איינע נאָך דער אנדערער זיינען דערשינען נייע סאָציאַליסטישע ביכער; אין דייטשלאנד איז ארויסגעטראָטן מיט אַ שארפער קריטיק פון אלע אלטע באגריפן די יונגע בורזשואזע אינטעליגענץ, עס האבן זיך געבילדעט אומלעגאלע ארבעטער-קרייזלאך, אין דער שפּיץ מיטן געניאלן שניידער-פויעל ווייטלינגן, און עס האָבן געררודערט די שלעזישע וועבער, וועלכע זיינען אין 1844 יאר אָפן אופגעגעשטאַנען קעגן זייערע פאַבריקאנטן.

נאָך ניט זייענדיק באקאנט מיט מארקסן, האָט שוין דער 22-יאָריקער ענגעלס גענומען מיטארבעטן אין זשורנאַלן און זאמלביכער, אין וועלכע מארקס האט געשריבן און אין דער „רייני-שער צייטונג“, וואס מארקס האָט רעדאגירט. ער האָט אפגעדרוקט זיינע „עסייען פון פאָליטישער עקאָנאָמיע“ דאָן, ווען מארקס, וועלכער האָט באקומען אַ ליטערארישפילאסאפישע בילדונג, האָט נאָך פון פאָליטישער עקאָנאָמיע קיין באגריף ניט געהאט. און אין די דאָזיקע עסייען האָט ענגעלס פאָרויס פעסטגעשטעלט פילע קומנדיקע האנאָכעס פון מארקס עקאָנאָמישער טעאָריע. ווען דער פאָטער האָט געשיקט ענגעלסן אין אייגלאנד צוליב האנדלסאינדוסטריעלער „פראקטיק“, האָט ער זיך מיט גרויס האסמאדע גענומען לערנען דעם איינגלישן קאפּיטאַליזם, די ארבעטער-באוועגונג און די סאָציאלע ליטעראטור. אַלס רעזולטאַט פונם דאָזיקן לערנען איז שפעטער, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, ארויסגעקומען דאָס בארימטע בוך „די לאגע פונם ארבעטער-קלאס אין איינגלאנד“, וואו עס ווערט באשריבן די גוואלדיקע עקספּלואטאציע פונם איינגלישן ארבעטער, זיין ארימקייט און דעגענעראַציע, ווי אויך דעם אנפאַנג פון זיין רעוואלוציאנערער באוועגונג, און ס'איז ארויסגעלאזט געווארן דער ערשטער רוף צום סאָציאליזם. דאָס דאָזיקע בוך קאָן מען מיט פולן רעכט רעכענען פארן אָנפאנג פונם קומענדיקן מארקסיסטישן קאָמוניזם.

פארבייפאָרנדיק לאָנדאָן, אין 1842 יאָר, האָט זיך ענגעלס אביסל באקאַנט מיט מארקסן. בא דער ערשטער באגעגעניש זיינען

זיי איינער דעם צווייטן ניט געפעלן געווארן. דערפאר אבער בעשאס ענגעלס האָט זיך צוריקגעקערט פון לאנדאן, אין 1844 יאָר, ווען ענגעלס האָט זיך ווידער אמאל באגעגנט מיט מארקסן, וועלכער איז שוין געווען אן עמיגראנט אין פאריזש, האָבן זיי גיך אפגעשאצט איינער דעם צווייטן און זיך באפריינדעט. פון דעמאלט אָן ביז מארקס טויט, דאָס הייסט גאנצע 40 יאָר, האָט זיך געצויגן די דאָזיקע אויסטערלישע פריינטשאפט. אפילו זייענדיק אין פארשיידענע שטעט האָבן מארקס און ענגלס שטענדיק געשריבן איינער צום צווייטן, געטיילט זיך מיט די געדאנקען, געגעבן איינער דעם אנדערן צום לייענען אלע זייערע ווערק נאָך אין מאנוסקריפט, באטראכט געמיינזאם אלע פאליטישע קאמפאניעס, וואס זיי האבן פארגענומען. יעדע באגעגעניש איז געווען פאר זיי אן עמעסער יאנטעוו און זיי האָבן זיך ניט געקאָנט אנריידן.

בעשאס דער רעוואלוציע פין 1848 יאר איז ענגעלס געווען א באַוואוסטער מיטארבעטער אין דער „נייער ריינישער צייטונג“, וואס מארקס האָט ארויסגעגעבן. אין 1849 יאָר, ווען די רעאקציע האָט טריאומפירט, האָט ענגעלס גענומען א דירעקטן אנטייל אינם לעצטן רעוואלוציאָנערן פארטיזאנישן אופשטאנד פין די דאָרעם-דייטשע קליינבירגערלאכע דעמאקרטן און רעפובליקאַנער. נאָך דעם, ווי דער דאָזיקער אופשטאנד איז אונטערדריקט געווארן, איז ער אנטלאָפן אין דער שווייץ, און פון דאָרט האָט ער עמיגרירט קיין איינגלאנד, וואו מארקס איז שוין דעמאָלט געווען און וואוהין עס האָבן זיך געצויגן די באזיגטע רעוואלוציאנערן פון אלע אייראפייאישע לענדער.

ענגעלס האָט זיך באזעצט אין מאנטשעסטער און איז געווארן דער פארוואלטער פון זיין פאָטערס א פאבריק; דאָס האָט אים געגעבן די מעגלאכקייט ניט איינמאָל אויסהעלפן אין א שווערער לאגע מארקס פאמיליע, וועלכע האָט געליטן גרויס דאַכקעס אין לאנדאן.

אויך ענגעלס האָט אויסגענוצט די יאָרן פון דער אייראָפייאישער רעאקציע אָף צו דערלערנען אלע געביטן פון

וויסנשאפט און איז געווארן איינער פון די פילוייטיק אנטוויקלטע געבילדעטע מענטשן אין אייראָפּע שוין אָף דער עלטער, ווען ער האָט ליקווידירט די פאַבריק און איז איבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן, האָט ער אויסגענוצט זיין פרייע צייט אָף צו דערלערנען גרינדלאָך די נאַטור-וויסנשאַפטן, מיט וועלכע מאַרקס איז געווען ווייניקער באַקאַנט. איצט האָבן זיך מאַרקס און ענגעלס געביטן מיט די ראָלן. אויב מאַרקס האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט, אַלס פילאָסאָף, און ענגעלס, אַלס עקאָנאָמיסט, האָט איצט ענגעלס גענומען אָף זיך צו באַגרינדן די אַלגעמיין-פילאָסאָפישע האַנאָכעס פון מאַרקסיזם, דעריקער, דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, בעאַיִס מאַרקס האָט אין געביט פון טעאָריע זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן צו איין ציל; אָפּצוזוכן די עקאָנאָמישע געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַרבעט איז מאַרקס „קאַפּיטאַל" און א זעלכע ווערק פון ענגעלסן, ווי די בראַשור וועגן דעם דייטשן פילאָסאָף-מאַטעריאַליסט פייערבאַך, ווי דאָס בוך „די אָפּשטאַמונג פון דער פאַמיליע, פריוואַט-אייגנטום און מעלוכע", ענדלאָך, דאָס וויכטיקסטע ווערק ענגעלס, דער אַזוי גערופענער „אַנטי-דיורינג" וואו, קריטיקירנדיק שאַרף דעם צעדרייטן און רעאַקציאָנערן דייטשן סאָציאַליסט דיורינגן, האָט ער איבערגעגעבן די גאַנצע טעאָריע פונם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם.

אויסער די דאָזיקע וויכטיקסטע ווערק, האָט ענגעלס אָנגעשריבן פיל בראָשורן און אַרטיקלען, וואו ער האָט פאָרמולירט די מאַרקסיסטישע אַנשויאונגען אָף די אָדער יענע פראַגן אָדער קריטיקירט די אַנאַרכיסטן און די קליינבירגערלאַכע סאָציאַליסטן.

אָבער דערמיט האָט זיך ווייט ניט באַגרעניצט ענגעלס טעטיקייט. צוזאַמען מיט מאַרקסן איז ער געווען די נעשאָמע און דער פירער פונם I אינטערנאַציאָנאַל, צוזאַמען מיט מאַרקסן איז ער געווען דער לערער און דער יויעץ פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע האָט אָנגעהויבן דערוואַכן נאָך דער רעאַקציע. און נאָך מאַרקס טויט איז ענגעלס גאַנצע 20 יאָר געווען דער אָנערקענטער ראָש פונם אַלוועלטלאַכן מאַרקסיזם, און צו זיין שטים

האָבן זיך צוגעהערט די פירער פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען, ווי צו מאַרקס שטים. ענגעלס האָט געהאַט דאָס גליק צו זיין אַן איידעס דערפון, ווי אַזוי עס ווערט פאַרווירקלעכט דער אידעאַל פון זיין גאַנצן לעבן, ווי מעכטיק עס אַנטוויקלט זיך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַלע עקן וועלט. ער האָט באַגריסט די אַנטשטייאונג און די ערשטע דערפאָלגן פון רוסישן מאַרק־סיזם. ער האָט פאָרויסגעזען און פאָרויסגעזאָגט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווי אויך די אַלוועלטלעכע סאָציאַלע רעוואָלוציע. ער איז געשטאָרבן אין פרילינג פון 1895 יאָר, מיט אַ יאָר פריער פאַרן באַרימטן שטרייק פון די פּעטערבורגער וועבער און שפּינער, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל אין דער גע־שיכטע פון רוסלאַנד און פון דער גאַנצער וועלט.

פאַרשפּרייטנדיק די אידייען פון מאַרקסיזם, וועלכע זיינען געווען זיינע אייגענע אידייען, אָנפירנדיק מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט. האָט ענגעלס אייגנצייטיק אָפּ־געגעבן די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן דער אויפגאַבע צו פאַרענ־דיקן מאַרקס גרויס ווערק. מאַרקס מאַנוסקריפּטן האָט געקאָנט באַאַרבעטן נאָר ענגעלס אַליין, ווייל נאָר ער אַליין האָט געקאָנט פונאַנדערקלייבן מאַרקס שווערע האַנטשריפט, זיין גאַנצן געדאַנקן־גאַנג, און אַלע אינטימע זייטן פון זיין עקאָנאָמישער סיסטעם. אויף דער דאָזיקער באַשיידענער און שווערער אַרבעט האָט ענגעלס אָוועקגעגעבן צען יאָר פון זיין לעבן. אין 1885 יאָר, אין 2 יאָר אַרום נאָך מאַרקס טויט, איז דערשינען דער 2־טער באַנד „קאַ־פּיטאַל”, אין 1894 יאָר—דער דריטער. נאָר אויסגעפילט די דאָ־זיקע אַרבעט, פאַרווירקלעכט מאַרקס צוואָע, האָט ענגעלס גע־קאָנט רואיק שטאַרבן.

ענגעלס האָט ניט דערגרייכט צו מאַרקסן אין דער קראַפט און טיפקייט פון געדאַנק, אין דער ברייטקייט און גרינדלעכקייט פון די היסטאָרישע און עקאָנאָמישע ידיעות. אָבער ער האָט אים דערגאַנצט אין פילע אַנדערע פּראָטים, און צוזאַמען האָבן זיי פאָר־געשטעלט יענע האַרמאָנישע פּאָר, יענעם אידעאַל פון פריינטשאַפט און מיטאַרבעט, וועלכער קאָן ברייט פאַרווירקלעכט ווערן נאָר אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וועלכע זיי האָבן פאָראויסגעזאָגט.

# XI. פערדינאַנד לאַסאַל

1825—1864

דער באַרימטער דייטשער סאָציאַליסט, געלערנטער, אַגיטאַטאָר און גרינדער פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, פ. לאַסאַל איז געווען אַ זון פון אַ רייכן אידישן סויכער. אַ באַגאַבטער מיט גלענצנדע פייאיקייטן, מיט אַ געוואַלדיקער ענערגיע, מיט אַ פעסטן ווילן און מיט א גלויבן אין זיינע קויכעס האָט ער געקאָנט זיך מאַכן א „קאַריערע" אַף יעדן געביט פון דער וויסנשאַפט און פון מעלוכישער טעטיקייט. ער וואָלט געווען א בער-מאַזל, איינער פון די אויסגעצייכנסטע פאַרשטייער פון דער בורזשואַזיע. ער האָט אבער בעסער געוואָלט אַרויסטרעטן קעגן דער בורזשואַזיע, ער האָט זיך בעסער אויסגעקליבן דעם וועג פון אַ קעמפער פאַר די אינטערעסן פונעם אַרבעטער-קלאַס.

נאָך גאָר א יונגער האָט ער דערשפּירט אין זיך עפּעס אומגעוויינטלעכע קויכעס, ער האָט אַרויסגעוויזן אַ זעלטענעם, צווישן דער דאַמאָלסדיקער דייטשער און באַזונדער אידישער בורזשואַזיע, שטאָלץ און א באַוואוסטזיין פון זיין אייגענער ווערדע.

אין דער צווייטער העלפט פון די 1840 יאָרן האָט ער זיך שוין דורכגעדרונגען מיט א רעוואָלוציאָנערער שטימונג און ער האָט געקראָגן אַ נעטיע צום סאָציאַליזם. „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט" פון מאַרקסן און ענגעלס האָט אַף אים געמאַכט אַ טיפן רוישעם. צוזאַמען דערמיט האָט ער מיט כיישעק געלערנט ה ע ג ע ל ס פילאָסאָפיע—דעם זעלביקן דייטשן פילאָסאָף, פאַר וועלכן מאַרקס האָט געהאַט גרויס דרעך-ערעץ אין דער יוגנט,— ער האָט אויך געלערנט די יורידישע וויסנשאַפטן און די געשיכטע. העגעלס פילאָסאָפיע האָט אים, ווי מאַרקסן, צוגעצויגן מיט איר רעוואָלוציאָנערער זייט, מיט איר לערע וועגן דער אומאויפהערלעכער באַוועגונג אין קאַמף, אַלס די גרונט-געזעצן פון דער וועלט און פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. און בעשאַס ער איז נאָך א סטודענט געווען, האָט ער אָנגעהויבן זיין באַוואוסטע

פילאָסאָפישע אַרבעט, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט ערשט אין צען יאָר ארום. דאָס דאזיקע ווערק האָט ער געווידמעט דעם גריכישן כאַכעם ה ע ר א ק ל י ט, וועלכער האָט דער ערשטער פראָקלאמירט דאָס געזעץ פון אייביקער באַוועגונג, פאַרענדערונג אין קאַמף.

די רעוואָלוציע פונם 1848 יאָר האָט אַרייַנגעוואָרפן לאַסאַלן אין קעסלגרוב פון פאָליטישן קאַמף. ער האָט זיך באַקאַנט מיט מאַרקסן און ענגעלסן און איז געוואָרן אַן עמעסער קאָמוניסט. האַבנדיק א ריטעריש האַרץ, האָט ער זיך אייַנגעשטעלט פאַר איין פרוי פון דער הויכער געזעלשאַפט, פאַר דער גרעפין ה א צ פ ע ל ד, וועלכע דער מאַן האָט באַליידיקט און רואינירט. לאַסאַל האָט זיך מיטן גאַנצן ברען פון א קעמפער אַרייַנגעצויגן אין אַ דויערנדיקן קאַמף מיט דער גאַנצער פינסטערער און פוילער וועלט פון דער דייטשער אריסטאָקראַטיע, מיט דער נידערטרעכטיקער ביוראָקראַטיע, מיט די מענוואָולדיקע און פאַכדאַנישע ריכטער א. ד. ג. אינם דאָזיקן קאַמף, וועלכן ער האָט געפירט אָן שום אייַנגנויץ און בא וועלכן ער האָט אָנגעוואָרן פיל קויכעס, האָט לאַסאַל ארויסגעוויזן אי זייַנע שטאַרקע אי זייַנע שוואַכע זייַטן: יעדע אומגערעכטיקייט האָט אים אַרייַנגעבראַכט אין צאַרן, און דעם קאַמף פאַר די צעטראַטענע רעכט פון אַן אייַנצלנער פרוי האָט לאַסאַל געשייַנקט, עפשער, ניט ווייניקער קויכעס און נערוון, איידער דעם געזעלשאַפטלאַכן קאַמף. דערבײַ האָט ער זיך צופיל אַרייַנגעצויגן אין דעם אזוי גערופענעם גרויסוועלטיקן לעבן, ער האָט צופיל אָנגעהויבן ליבן דעם אוילאָם-האַזע, ער האָט צופיל געשאַצט די מייַנונג וואָס די זעלביקע הויכע געזעלשאַפט האַט פון אים, די געזעלשאַפט, וועלכע ער האָט אזוי טיף געהאסט.

ווען די פרייסישע רעאַקציע האָט צעיאָגט דאָס בורזשואַזע דעפוטאַטן-הויז, וואָס איז געווען אויסגעקליבן בעשאַס דער רעוואָלוציע, האָט זיך לאַסאַל געווענדעט צום פאָלק מיט אַן אויפרוף ניט צו צאָלן קיין שטייַערן און אויפצוהויבן אַן אויפשטאַנד. מע האָט אים ארעסטירט און צוגעצויגן צום געריכט.

וואו ער האָט ארויסגעוויזן אַלע זיינע גלענצנדע פייאיקייטן פון אן אַגיטאַטאָר און קעמפער. די געשווארענע ריכטער האָבן אים באַפרייט, אָבער דער פּאָליצייאישער געריכט האָט אים פארמיש-פּעט צו 6 כאדאָשים טורמע.

נאָכן 1849 יאָר, ווען ס׳איז אָנגעקומען די דייטשע און אל-אייראָפּייאישע רעאַקציע, האָט זיך לאסאל אָפּגעגעבן צום פער-זענלאכן לעבן און איז איינגאנצן אַוועק אין דער וויסנשאַפט. אויסער זיין פילאָסאָפישער ארבעט, האָט ער אָנגעשריבן א גרויסע יורידישע ווערק: „די סיסטעם פון דערוואָרבענע רעכט", וואו ער האָט דערוויזן דאס רעכט פון דער רעוואָלוציע צו שאַפן אַ ניי לעבן און נייע געזעצן. ער האָט אויך אָנגעשריבן א דראמע פון די צייטן פון דער דייטשער רעפארמאציע. די גאנצע צייט האָט זיך לאסאל דורכגעשריבן מיט מארקסן.

אָבער זיין וויכטיקסטע טעטיקייט, דורך וועלכע ער האָט זיך קוינע שעם געוואונען און וועלכע האָט אים באַליבט געמאַכט באַם דייטשן פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין די 60-קער יאָרן, מיטן דערוואַכן פונם געזעלשאַפטלאכן לעבן. די ערשטע צייט האָט זיך לאסאל אַריינגעמישט אין קאמף פון דער ליבעראַלער און פּראָגרעסיווער בורזשואַזיע מיט ביסמאַרקס האלב-זעלבסטהערישער פּריצישער רעגירונג. ער האָט געשטויסן די בורזשואַזיע אַריבערצוגיין פון דער פּאַכדאָנישער ווערטער-אָפּאָזי-ציע צו דרייסטע און אַנטשיידענע מאַיסים. ער האָט געלייענט לעקציעס אַף בורזשואַזנע פאַרזאַמלונגען און האָט ארויסגעגעבן זיין מערקווירדיקע רעדע; „וועגן דעם טאַך פון קאָנסטיטוציע", וואו ער האָט דערוויזן, אַז די פּאָלקס-רעכט שטיצן זיך ניט אַף די פּאַפּירענע האַוואָכעס פון די מלאָכים, נאָר אַף דער ווירק-לאָכער קראַפט, און ער האָט גערופן די בורזשואַזיע ניט צו מוירע האָבן פאַר די פּאָלקס-מאַסן. אָבער די דייטשע בורזשואַזיע, ווי שפּעטער אויך די רוסישע, האָט באַוויזן איר עמעסע נאַטור, און לאסאל האָט זי פאַרשטעמפּלט מיט פאַראַכטונג.

וואָס עס איז שאַיעך צו די דייטשע אַרבעטער, זיינען זיי נאָך געווען זייער אָפּגעשטאַנען, און דער קלאַסן-באַוואוסטזיין

האָט באַ זיי נאָך ניט אופגעוואכט. אַפילע די פאָרטגעשריטענע און די אַנטוויקלטע פון זיי האָבן זיך נאָך געפונען אונטער דער אידייאישער השפּעה פון דער פּראגרעסיווער בורזשואַזיע, וועלכע האָט איינגעאָרדנט פאַר די ארבעטער קאָאפּעראטיוון, קאסעס פאר קעגנזייטיקער הילף און געזעלשאַפטן פאר זעלבסטבילדונג און זיי צוגעוויינט צו קוקן אַף איר, ווי אַף א פאַרבינדעטן און אַ פריינט.

אָבער אַ קליינער טייל אַרבעטער, צווישן וועלכע די מער באַוואוסטזיניקע זיינען געווען די טאַלמידים פונם ארבעטער-קאָמוניסט ווייטלינג, האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין די שפּיל פון דער בורזשואַזיע און האָט זיך געווענדעט נאָך אַן אייצע און נאָך הילף צו לאַסאַלן. דאַן האָט ער מיטן גאַנצן ברען און ענערגיע פון זיין ליידנשאַפטלאכער, קעמפנדיקער נאַטור זיך אַ וואָרף געטאָן אַהין, וואו זיין אָרט איז בעעמעס געווען, אַלס אַ קעמפער פאַר רעכט און אַלס איבערצייגטער סאָציאַליסט: ער האָט גענומען פירן אַ פּאָליטישע אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער און אָרגאַניזירן אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטער-פּאַרטיי.

אין אַ מעשאַך פון צוויי יאָר האָט ער אָן אָפּרו געהאַלטן רעדעס אַף אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען, אַרויסגעגעבן זיי אין באַזונדערע בראָשורן, אנראַכמאָנעסדיק אופגעדעקט די מאַיסים פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, אומגעפאָרן אין אַגיטאַציע-נעסיעס איבער גאַנץ דייטשלאַנד און האָט אָרגאַניזירט דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער-בונד”, אין וועלכן ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּאַרזיצער.

לאַסאַל האָט געלערנט די אַרבעטער, אַז אַלץ וואָס די ליבעראַלע בורזשואַזיע גיט זיי און באַט זיי, איז אָפּנאַרעריי און דאָס קאָן ניט מאַצל זיין די אַרבעטער פון זייער שווערער און מיעסער לאַגע. ער האָט דערוויזן, אַז די אַרבעטער האָבן זייערע אייגענע, זעלבשטענדיקע אינטערעסן, וועלכע זיינען דער הייפּעך פון די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע; אַז אויב די פראַנצויזישע בורזשואַזיע „דער דריטער שטאַנד” (נאָך דעם אַדל און די גייסטלאַכע) איז בעשאַיטאָ געווען ווירקלאַך פּראָגרעסיוו, געקעמפט פאַר פרייהייט און געשאַפן אַ ניי לעבן, טרעט איצט אַרויס אַף

דער סצענע דער „פערטער שטאנד", ד. ה. דער ארבעטער-קלאס, און פון דעם מאמענט אן הויבט זיך אן א נייער ווענד-פונקט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דעריבער האט לאסאל געאייצעט די דייטשע ארבעטער צו שאפן אן אייגענע פארטיי און דערשלאגן זיך צו אלגעמיינע וואלרעכט, קעדיי, זייענדיק אין פארלאמענט, צו באקומען אן איינפלוס אף דער רעגירונג. „נאר אף אזא אופן, — האט לאסאל געזאגט — וועלן די ארבעטער באקומען דאס איינציקע מיטל ווי אזוי פאטער צו ווערן פון אונטערדריקונג און עקספלואטאציע: דאס דאזיקע מיטל וועט זיין די מעלוכישע הילף פאר די ארטעל-ווארשטאטן און פאבריקן, וועלכע וועלן ביסלאכווייז ארויסשטויסן די פריוואטע קאפיטאליסטן-פאבריקאנטן און וועלן מאכן די ארבעטער פאר די באלעבאטים פון די פראדוציר-מיטלען".

האגאם ביסמארקס רעגירונג איז געווען זייער צופרידן, וואס לאסאלס אגיטאציע מאכט אן קריג צווישן דער פראגרעסיווער בורזשואזיע און די ארבעטער און דערמיט מאכט ער קלענער אירע קויכעס און איינפלוס און פארלייכטערט דער רעאקציע צו פירן איר פאליטיק פונדעסטוועגן האט זי אנגעהויבן מוירע האבן פאר דער דאזיקער אגיטאציע. אף לאסאלן האבן זיך א שאט געטאן א ריי פארפאלגונגען; זיינע בראשורן האט מען קאנפיסקירט און פארבאטן, אים אליין האט מען געהאלטן אין איין ארעסטירן און אומשלעפן איבער די געריכטן. אבער ער האט פון יעדן פראצעס געצויגן א נוצן צוליב זיין קאמף: זיינע פארטיידיקונג-רעדעס זיינען געווען שרעקלאכע קלעפ פאר דער עקזיסטירנדיקער ארדנונג. ער האט זיי געדרוקט אין באזונדערע אויסגאבן און זיי זיינען מאסנווייז פארשפרייט געווארן צווישן די ארבעטער.

פון זיינע רעדעס צו די ארבעטער איז די וויכטיקסטע: „די פראגראם פון די ארבעטער" און פון די פראצעסיאנעלע רעדעס — „די וויסנשאפט און די ארבעטער" און „די אומדירעקטע שטייערן". אויסער דעם האט ער נאך אנגעשריבן אן אגיטאציאנעל עקאנאמישן בוך: „קאפיטאל און ארבעט"

אָבער, ניט געקוקט אַף דער איבערמענטשלאכער ענערגיע, וואָס לאַסאַל האָט ארויסגעוויזן, איז דאָך די צאָל מיטגלידער פונם „אַלגעמיינעם בונד״, וואָס ער האָט געגרינדעט, געווען זייער קליין און איז געוואַקסן זייער לאַנגזאַם. אויסער דעם, אויב אין אייניקע ערטער פלעגן די אַרבעטער באַגעגענען לאַסאַלן מיט ענטוזיאַזם. האָט מען אים אָבער זייער פיינטלאך באַגעגנט אפילע אַף אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען אין יענע ערטער וואו די ארבעטער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דער פּראָגרעס־ווער בורזשואזיע, וועלכע האָט געהאַסט לאַסאַלן און אויסגעטראַכט אַף אים פאַרשיידענע בילבולים. דאָס אַלץ האָט אופגערעגט און געערגערט לאַסאַלן, אָבער ער איז באַ זיך ניט אַראָפּגעפאַלן און האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון קאַמף, האָגאָם עס האָט אים געמאַטערט דער האַלז-טובערקולאָז און זיינע קויכעס האָבן זיך אויסגעשעפּט. ער וואָלט, וואַרשיינלאך, ניט לאַנג געקאָנט אויסהאַלטן אַזאַ שטייגער לעבן, באַזונדערס וואָלט אַף אים שלעכט געווירקט די טפּיסע, צו וועלכער ער איז געווען פאַרמישפּעט. אָבער אַ ראַגישער צופאַל, וועלכער איז, אגעוו, פאַרבונדן מיטן כאַראַקטער פון לאַסאַלס פּערזענלאכן לעבן, האָט פּלוצים איבערגעריסן זיין קורצן אין שטורמישן לעבן פונקט דאַן, ווען די סימפּאַטיעס פון די אַרבעטער צו זיין אַגיטאַציע האָבן ענדלאך, געגומען גרעסער ווערן.

אין ברען פון זיין ליידנשאַפטלאכער אגיטאַציע און פון פּאָליטישן קאַמף האָט דאָך לאסאל ניט פאַרלאָזן זיינע „גרויס-וועלטיקע״ באַקאַנטשאַפטן. אַ שיינער און אַ צויבערפולער, מיט אַ מוטיקער פיגור און מיט אַ מעכטיקער שטים, מיט וועלכער ער האָט געקאָנט רעדן אָן אופהער עטלאָכע שאָ נאָכאַנאַנד, האָט ער געהאט אַ גרויסן דערפאָלג באַ די גרויסוועלטיקע פרויען, און דאָס איז אים זייער געפעלן געווען.

אין אווגוסט 1864 יאָר, אַפן קורארט אין דער שווייץ, האָט ער זיך באקאנט מיט איינער אַן אַריסטאָקראַטישער פריילן, אַ פוסטע קאָקעטקע, וועלכע האָט באַוואוסטזיניק אים גענאַרט, געצוואונגען אים צו אייגליבן זיך אין איר, און דערנאָך האָט זי

אים פּראָוואָצירט אָף אַ דועל מיט איר געוועזענעם כאָסן, אַן אונגארישער אָפיציר, אַן אָפּגעריסענעם באַל-גאַיווע. און פון דער האַנט פונם דאָזיקן נעבעכדיקן פאָרשטייער פון דער אָפּלעבנדיקער געזעלשאַפט, אָפּן באָדן פון אַ קליינבירגערלעכער ליבע-געשיכטע איז געפאַלן איינער פון די גרעסטע פירער און אידעאָלאָגן פונם פּראָלעטאַרישן באַפרייאונג-קאַמף.

אין די אַנשויאונגען און טעטיקייט פון לאַסאַלן זיינען געווען פיל טעותן, פאַרוואָס מאַרקס, וועלכער האָט אַנערקענט די גוואַלדיקע באַדייטונג פון דער זאַך, וואָס ער האָט אָנגעהויבן — די אָרגאַניזאַציע פונם דייטשן פּראָלעטאַריאַט, — האָט זיך דאָך אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ מיטאַרבעטער אין זיין קאַמף און האָט שפּעטער שאַרף קריטיקירט סיי אים און סיי זיינע אָנהייגער. לאַסאַל האָט מעגאַזעם געוועזן די באַדייטונג פונם אַלגעמיינעם וואַל-רעכט פאַר די אַרבעטער און האָט צופיל געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ פרידלעכן און בעהאַדראַגעדיקן איבערגאַנג צום סאָציאַליזם. אין דער זעלביקער צייט האָט ער ווייניק געהאַלטן פונם עקאָנאָמישן קאַמף און פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט, מיינענדיק, אַז בא דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג וועלן די אַרבעטער ניט קאָנען פאַרבעסערן זייער לאַגע אַפילע טיילווייז. זייענדיק מאַרקס אַ טאַלמיד, האָט ער דאָך אינם געביט פון דער אַלגעמיינער טעאָריע ביזן סאָף ניט פאַרשטאַנען מאַרקס מאַטעריאַליזם און איז פאַרבליבן אַ אידעאַליסט, ד. ה. ער האָט געגלויבט אין דער זעלבשטענדיקער באַדייטונג פון אַזעלכע א י ד י ע ן, ווי רעכט, גערעכטיקייט א. ד. ג. ענדלאַך, אין זיין קאַמף מיט די פּראָגרעסיסטן פלעגט ער אָפטמאָל אָנקומען צו אומטאַקטישע מעטאָדן, ווי זיין אָנקלאָג צום מיניסטער ביסמאַרק אָף דעם ווילקיר פון אַ ליבעראַלן שטאָט-פּרעזידענט. און זיין ליידנשאַפטלעכער פאַרלאַנג גיכער צו דערשלאָגן זיך צום אַלגעמיינעם וואַל-רעכט האָט אים געצוואונגען צו פירן אונטערהאַנדלונגען אַפילע מיט ביסמאַרקן.

דאָס אַלץ האָט פון אים בא זיין לעבן אָפּגעשטויסן פיל

אַרבעטער, און נאָך זיין טויט האָט עס מיטגעהאָלפן, אז צווישן די דייטשע סאָציאַליסטן זאָלן זיך אויסבילדן צוויי קעגנגדיקע פראַקציעס: די מאַרקסיסטישע מיט ליבקנעכטן און בעבעלן בעי־ראָש, און די לאַסאַליאַנישע מיט שווייצערן אין דער שפּיץ.

אָבער קיין טאָעס מאַכט ניט דער, וועד עס טוט גאַרנישט, און לאסאל האָט אין זיין קאַמף ניט געלעבט, נאָר בוכשטעבלאך געברענט. דערביי האָט ער געהאַט נאָר איין פֿאַרלאַנג: העלפן דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט צו שטעלן זיך אויף די אייגענע פיס און באַפרייען זיך פון יעדן יאָך און פון יעדער עקספּלואַטאַציע. און ווירקלאַך, פון דעם „בונד", וואָס ער האָט געשאַפן, — און דאָס האָבן געמוזט מודע זיין אַפילו זיינע אידייאישע קעגנער, — איז פאַקטיש אויסגעוואַקסן די קינפטיקע מעכטיקע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דעריבער, ניט געקוקט אויף לאַסאַלס אַלע טאָעסן און שוואַכקייטן האָט דאָך יעדער דייטשער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער אין מעשעך פון לאנגע יאָרצענדליקער געטראָגן אין האַרצן דעם זייכער וועגן אים, ווי וועגן אַ געליבטן פירער און זיין פּאָרטרעט באַצירט די דירעס פון די אַרבעטער אין איין ריי מיט די פּאָרטרעטן פון מאַרקסן, ליבקנעכטן און בעבעלן.

## XII. אווגוסט בעבעל

### 1840—1912

אווגוסט בעבעל שיידט זיך אונטער פון די צוויי אַנדערע פירער פונם דייטשן פּראָלעטאַריאַט—לאַסאַל און וו. ליבקנעכט— דערמיט, וואָס ער איז געווען פלייש פונם פלייש פונם אַרבעטער־קלאַס. אַ זון פון אַ פעלדפעבל אין דער פּרייסישער אַרמיי, געבאָרן אין אַ קאַזאַרמע, וואו זיין פאָטער מיט זיין געזינד האָט אַ צימער געהאַט, האָט דער קליינער בעבעל, אַ פּאָנים, נאָך אין דער פריסטער יוגנט באַקומען יענעם עקל צום פּרייסישן מיליטאַריזם, וואָס ער האָט אַזוי שאַרף און שטאַרק אויסגעדריקט

שפּעטער, ווען ער איז שוין באַוואוסט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט, אַלס רעדנער און פּאָליטישער טוער.

די שמועסן און דערציילונגען וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם פונם 1848 יאָר, וועלכער האָט אופגעוועקט אַזויפיל מעטושטעשע האָפענונגען און דערוואַרטונגען אין די טיפסטע טי-פענישן פונם דייטשן פּאָלק און באַזונדערס פונם פּראָלעטאַריאַט, האָבן געמאַכט אַן אומגעהייערן רושעם אָף דער קינדערשער נע-שאָמע פונם קינפטיקן גרינדער און פירער פון דער דייטשער סאָ-ציאַל-דעמאָקראַטיע, און יענע פינסטערע רעאַקציע, וועלכע איז געקומען נאָך דער רעוואָלוציע, האָט אין אים אָפן גאַנצן לעבן אַרויסגערופן אַ שאַרפע סינע צו דער מעמשאָלע פון די גוואַלד-טוער און פון די אונטערדריקער.

אָנגעקומען זיך לערנען צו אַ טאָקער, איז ער אין עטלאַכע יאָר אַרום געוואָרן אַ פּויעל, און די דאָזיקע מעלאָכע האָט אים געגעבן מיטלען צום לעבן פיל יאָר נאָך דעם, ווי ער איז גע-וואָרן דער ליבלינג פון די דייטשע אַרבעטער און אַ געפערלאַכער סוינע פון דער דייטשער רעגירונג. לערנענדיק זיך פון די יונגע יאָרן אָן די מעלאָכע, קריגנדיק זיך מיטלען צום לעבן דורך פי-זישער אַרבעט און אַפילע אָפּגעבנדיק זיך דער פּאָליטישער טע-טיקייט, האָט בעבעל זיין גאַנצע פרייע צייט אָפּגעגעבן מיט האָס-מאָדע דער זעלבסטבילדונג, האָבנדיק וואונדערבאַרע פייאיקייטן האָט זיך אים דאָס לייכט געגעבן און האָט אים שפּעטער גע-האָלפן צו ווערן איינער פון די געבילדעסטע געזעלשאַפטלאַכע טו-ער פון דייטשלאַנד.

בעבעלס פּאָליטישע אַנשויאונגען האָבן זיך אויסגעקריסטאַ-ליזירט ניט מיט אַמאָל. טכילעס איז ער אונטערגעפאַלן אונטער דער האַשפּאָע פון דער ליבעראַלער בורזשואַזער אינטעליגענץ, וועלכע האָט צו יענער צייט (אָנפאַנג פון די 60-קער יאָרן) גע-פירט אַ גאַנץ ענערגישן קאַמף מיט דער האַלב זעלבסטהערישער פרייסישער רעגירונג פון ביסמאַרקן און, נויטיקנדיק זיך אין דער שטיצע פון די פּאָלקס-מאַסן, האָט זי זיך באַמיט אַריבערצוציען אָף איר צאַד די אַרבעטער. זי האָט איינגעאָרדנט צווישן זיי גע-

זעלשאפטן פון זעלבסטבילדונג און קאסעס פון קעגנזייטיקער הילף; בעבעל איז געווארן איינער פון די אנגעזעענסטע און טע-טיקסטע מיטגלידער פון די דאזיקע געזעלשאפטן און האט מיט-געפילט דעם פאליטישן קאמף פון דער בורזשואזער אינטעליגענץ קעגן ביסמארקן.

פונקט אין יענער צייט איז ארויסגעטראטן לאסאל אין אן אנטשיידענעם מארש קעגן דער ליבעראלער בורזשואזיע, רופנ-דיק די דייטשע ארבעטער צו פאראייניקן זיך אין א זעלבשטענ-דיקער פארטיי מיטן לאזונג פון אלגעמיינעם וואל-רעכט. לאסאלס טעטיקייט האט אפגעשטויסן בעבעלן: ער האט אין איר אייננעזען א שטערונג צום וויטערדיקן קאמף פאר פאליטישע פרייהייט, ער האט געהאלטן, אז זי צעשפאלט נאר אלע קויכעס, וועלכע זיינען פיינטלאך דער רעאקציע.

אבער אין גיכן האט דער קלאסן-כוש גענומען די אויבער-האנט בא בעבעלן איבער דער סימפאטיע צו דער ליבעראלער אינטעליגענץ. ער האט זיך באקאנט מיט ווילהעלם ליבקנעכטן, א פלאמיקער רעוואלוציאנער-מארקסיסט, וועלכער האט פערזענ-לאך געקאנט מארקסן, און דורך אים האט ער אנגענומען דעם וויסנשאפטלאכן סאציאליזם פון מארקס און ענגעלס.

פון דאמאלס אן איז בעבעל, צוזאמען מיט זיין גאנצער פראקטישער טעטיקייט, געווארן ביסלאכווייז אויך איינער פון די אנגעזעענסטע טעארעטיקער און פראפאגאנדיסטן פון מארקסיזם אין דייטשלאנד. ער האט זיך שטענדיק דורכגעשריבן מיט מארקסן און ענגעלסן, עטלאכע מאל געפארן צו זיי קיין לאנדאן, און האט זיי שטענדיק איבערגעשט מיט זיין ריכטיקן פארשטיין דעם רעוואלוציאנערן מארקסיזם, וואס ער האט ארויס-געוויזן אין זיין טעטיקייט, און אויך מיט דער ערלאכקייט, גע-וויסנהאפטיקייט, וועלכע האבן אים געהאלפן גיך צו אנערקענען די געמאכטע טעסן.

אין 1863 יאר איז, אונטער דער אנפירונג און לויט דער איניציאטיוו פון בעבעלן, פארגעקומען א צוזאמענפאר פון די דייטשע ארבעטער-געזעלשאפטן פאר זעלבסטבילדונג. דער

דאָזיקער צוזאַמענפאַר האָט געדינט אַלס יעסאָד פאַר דער קינפטי-קער מאַרקסיסטישער, סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי פון דייטשלאַנד. די דאָזיקע פאַרטיי האָט עקזיסטירט באַזונדער פון דער צווייטער פאַרטיי, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך ל אַ ס אַ ל ן און זיין טאַלמיד און נאָכפאָלגער ש וו יי צ ע ר. ביידע פאַרטייען האָבן געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף צווישן זיך און זיי האָבן זיך פאַראייניקט ערשט אין 1875 יאָר.

אין 1868 יאָר איז בעבל אויסגעוויילט געוואָרן אין דייטשן פאַרלאַמענט און פון דאַמאָלס אָן ביזן סאַמע טויט איז ער פאַרבליבן דער געליבטער ארבעטער-דעפוטאַט. אַלס פאַרלאַמענטאַרישער רעדנער האָט ער אַרויסגעוויזן אַזאַ מעכטיקן טאַלאַנט (ניט געקוקט אף זיין קליינעם וואוקס און מאָגערן, דאַרינקן קערפּער,) אַזאַ קענשאַפט צו פונאַנדערקלייבן זיך אין די סאַמע פאַרוויקלטע פּאָליטישע פראַגן, אַזאַ אנראַכמאָנעסדיקע בייסיקייט און אַ ליידנשאַפטלאַכע סינע צום אַלע גוואַלדטוער און צו די סאָנים פונם ארבעטער-קלאַס, ענדלאַך, אַזאַ טיפן גלויבן אין זיין סאָציאַליסטישן אידעאַל, אַז ער איז געוואָרן, לויט דער אַלגעמיינער אנערקענונג אַפילע פון זיינע סאָנים, איינער פון די וואונדערבאַרסטע רעדנער אין דער גאַנצער וועלט. אין אָנפאַנג פון די 90-קער יאָרן, ווען זיין טאַלאַנט האָט זיך צעוויקלט מיט א באַזונדער קראַפט. איז יעדע רעדע בעבעלס געווען אַ פּאָליטישע געשייעניש, צו וועלכער עס האָבן זיך צוגעהערט מיט אַ גלייכער אָנגעשטריינגטער אופמערקזאַמקייט אי די אָנהייגער אי די קעגנער פון סאָציאַליזם.

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די פראַנקרייך-פּרייסישע מילכאָמע אין 1870 יאָר, זיינען בעבל און ליבקנעכט געווען די איינציקע דעפוטאַטן, וועלכע האָבן געשטימט קעגן מילכאָמע-קרעדיט און דערנאָך פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס דייטשלאַנד האָט מיט גוואַלד אַנעקסירט די פראַנצויזישע פּראָווינצן עלזאַס און לאָטאַרינגיען. דערפאַר האָט מען זיי איבערגעגעבן צום געריכט. באַשולדיקט האָט מען זיי אין „מעלוכע-פאַראַט" און פאַרמישפּעט האָט מען זיי צו 2 יאָר פעסטונג. און ניט איינמאָל נאָך

האָט מען בעבעלן געזעצט אין טורמע פֿאַר פּאָליטישע „כאַטאָאים“. אָבער נאָך יעדן ארעסט פֿלעגט ער ארויסגיין נאָך א מער איבערצייגטער, נאָך א מער פֿארהארטעוועטער קעמפֿער פֿאַר די אינטערעסן פֿונעם אַרבעטער־קלאַס און פֿאַרן סאָציאַליזם.

ווען אין 1878 יאָר האָט זיך די דייטשע רעגירונג דערשראָקן פֿאַרן וואוקס פֿונעם סאָציאַליזם צווישן די אַרבעטער און האָט געמאָלדן די גאַנצע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אויסערן געזעץ און האָט זי גענומען רודפֿן, האָט בעבעל ארויסגעוויזן די אייגנשאַפֿטן פֿון א ערשטקלאַסיקן אָרגאַניזאַטאָר. אַלס א „האַנדלסאַגענט“ פֿון זיין טאָקער־ווארשטאַט איז ער ארומגעפֿאָרן גאַנץ דייטשלאַנד און האָט אומעטום אַגיטירט, געמונטערט די שוואַכע, געבויט אַן אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע און ניט געקוקט אַף אַלע רעדיפֿעס, איז די ראַזיקע אָרגאַניזאַציע, טיילווייז אַ דאַנק דער אומערמידלאכער טעטיקייט פֿון בעבעלן, אזוי געוואַקסן, אַז אין 13 יאָר ארום, אין 1891 יאָר, איז די רעגירונג געווען געצוואונגען אָפּצושאַפֿן דעם אויסנאַם־געזעץ קעגן די סאָציאַליסטן און געבן זיי אַלגעמיינע פּאָליטישע רעכט.

פֿון דאַמאָלס אָן האָט זיך בעבעל קוינע שעם געוועזן ניט בלויז אין דייטשלאַנד, נאָר אין גאַנץ אייראָפּע, און ער איז שוין געבליבן בארימט ביזן טויט. געפֿינענדיק זיך אַפֿן לינקן פֿליגל פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט בעבעל געקעמפֿט לעבן און פֿילן צוזאַמען מיט די אַרבעטער־מאַסן, און דאָס האָט אים געגעבן אַזאַ קראַפֿט, אַז אין די אינערלאַך פּאַרטייאישע מאַכלויקעסן האָט געווײנטלאַך געזיגט יענער צאַד, אַף וועלכן בעבעל איז געוועזן. און פֿונעם מיטן פֿון די 90־קער יאָרן איז ער געוואָרן איינער פֿון די גרעסטע און איינפֿלוסרייכסטע טוער אויך אַף די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן.

ווען זיין קליינע רירעוודיקע פֿיגור· מיט די גרויע האָר און מיט דער אונטערגעשאָרענער גרויער באָרד, פֿלעגט זיך באַווייזן אַף דער טריבונע, פֿלעגט טייקעף ווערן שטיל און אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט פֿלעגט ווערן אָנגעשטריינגט. אַף די אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען און אַף די סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן איז ער

געווען ארומגערינגלט מיט אן אטמאספער פון ליבע, און מע פלעגט אים באַגעגענען מיט רוישנדיקע אוואַציעס.

די לעצטע צען יאר איז בעבעל געווען דער פּאָרזיצער פון צענטראַל-קאָמיטעט פון זיין פּארטיי. איינציטיק מיט דער פּארלאַמענטארישער, אגיטאטארישער און אָרגאניזאטאָרישער אר-בעט, האָט בעבעל פיל געשריבן און געלאזן נאָך זיך אַ ריי ווערק, פון וועלכע דער ארבעטער-קלאס וועט נאָך האבן לאַנג צו לערנען. צווישן די דאַזיקע ווערק זיינען די וויכטיקסטע זיין בוך „די פרוי און דער סאָציאַליזם“ און די זיכרוינעס, אונטערן קעפּל „פון מיין לעבן“.

בעבעל איז געשטאָרבן קאמאט ערעוו דער וועלט-מילכאָמע, וועלכע האָט זיך גענומען פון דער אנטוויקלונג פונם אימפּערי-אליזם און מיליטאריזם, קעגן וועלכע ער האָט אזוי לייַדנשאפטלאך געקעמפט זיין גאַנץ לעבן, און מיט עטלאכע יאר פריער פאר יענער רעוואָלוציאָנערער עפּאכע, וועלכע ער האָט אזוי אפט פאר-אויסגעזאָגט.

# XIII זשאַן זשארעס.

1859 - 1914

דער גרויסער פראנצויזישער סאָציאליסט און דער געליב-טער פירער פון די פראנצויזישע אַרבעטער—זשאָרעס,—וועלכער איז דערהארגעט געוואָרן ערעוו דער וועלט-מילכאָמע, איז געווען בעעמעס אַן אויסטערלישער מענטש, אַ טיפער פילאָזאָף, אַן אויס-געצייכנטער היסטאריקער, א גלענצנדער פּאָליטישער טוער און פּובליציסט, אַ מעכטיקער רעדנער, עפּשער, דער גרעסטער רעד-נער אין גאַנץ איירָאָפּע. זיינע גוואלדיקע גייסטיקע קויכעס, די גאנצע קראפט פון זיין סייכעל און טאַלאַנט, זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער אָפּגעגעבן דעם קאמף פארן סאָציאליזם, פאר דער בא-פרייאונג פון דער מענטשהייט פון אלע יעסורים פון דער בור-זשואזער „ציוויליזאציע“.

זשאָרעס האט געשטאַמט פון אן אינטעליגענטישער בורזשו- אַזער פאמיליע, וועלכע האָט שוין ארויסגעגעבן פאַר פראנקרייך גרויסע מעלוכישע טוער (זיין פעטער איז געווען א באריםטער אַדמיראל). אין דער יוגנט איז ער געווען ווייט פונם ארבעטער- קלאס און פון זיינע אידעאַלן. האגאם טעאָרעטיש האָט ער זיך פאראינטערעסירט מיטן סאָציאליזם נאָך אף דער סטודענטישער באנק; זיין ערשטע ארבעט (לויט דאמאלסדיקן מינהעג, אף דער לאטיינישער שפראך) איז געווען געווידמעט „די עמבריאָנען פונם דייטשן סאָציאליזם בא לוטערן, קאַנטן, פיכטען און העגעלן”. באקומענדיק א פילאסאפישע בילדונג (ער איז אפילע עטלאכע יאָר געווען פראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע אין טולוזע), איז ער פאַר- בליבן אַ אידעאַליסט אין דער פילאָסאָפיע ביזן סאָף פון זיין לעבן, ד. ה. ער האָט געהאַלטן, אַז די געשיכטע פון דער מענטש- הייט באַוועגט זיך ניט אַזויפיל דורך די מאַטעריעלע אינטערעסן פון די קעמפנדיקע קלאַסן, וויפיל דורך די אידייען פון עמעס, גערעכטיקייט, גוטס, שיינקייט א. ד. ג. אַגעוו, אונטערן איינפלוס פונם געזעלשאַפטלאַכן קאַמף און מאַכמעס דער אַנטוויקלונג אין דער פייאיקייט פון דער בורזשואַזיע צו פארקערפערן די דאָזיקע אידייען אין לעבן, האָט זשאָרעס אין די לעצטע יאָרן געמאַכט גרויסע האַנאָכעס דער מארקסיסטישער וועלטאנשויאונג.

אין 1893 יאָר איז זשאָרעס אויסגעוויילט געוואָרן אין פארלאמענט, און פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן זיין ברויזנדיקע פאָליטישע טעטיקייט, די טעטיקייט פון אַ פארלא- מענטאַרישן רעדנער און סטראַטעג, פון א פאָלקס טריבון און אַ צייטונג-פובליציסט, וועלכע האָט אים פאַרכאַפט איגגאַנצן. זשא- רעס האָט באזעסן אַ וואונדערבארע ארבעטספייאיקייט און זיין טעטיקייט האָט אים ניט געשטערט צו באַשעפטיקן זיך מיט וויסנשאפט, באַזונדערס אין געביט פון געשיכטע. אין פארלאמענט איז ער דורכגעגאַנגען אלס סאָציאליסט. אָבער דער דאָזיקער סאָ- ציאליזם איז נאָך לאנג געווען צעשוואומען און אומבאשטימט. נאָך א לאנגע צייט האָט זשאָרעס געגלויבט אין דער מעגלאכ- קייט פאַרן פראָלעטאַריאַט מיטצוארבעטן מיט די בעסערע

עלעמענטן פון דער בורזשואַזיע, נים געקוקט אױף די ביטערע אַנט-טױשונגען, נים געקוקט אױף אָפענעם פאַרראַט און בגידע פון אַזעלכע געװעזענע סאָציאַליסטן, װי בריאַן, מיליעראַן, און װי-װיאַני, װעלכע האָבן אַנגעהױבן פון דער דאָזיקער „מיטאַרבעט" און געענדיקט דערמיט, װאָס זײ זײנען געװאָרן װילדע סאָנים פונם אַרבעטער-קלאַס,—נים געקוקט אױף דאָס אַלץ, האָט זשאָרעס ביזן סאָף פון זײן לעבן אײנגעהאַלטן אײניקע אידעאַליסטישע אילוזיעס.

זײן קלאָרער און פּילעװדיקער פּאָליטישער סײכל, זײן טיפע סינע צו יעדער אומגערעכטיקײט האָבן אים צו דער זעל-טיקער צײט געהאָלפן גאַנץ אָפט צו פאַרשטײן די אױפגאַבן פונם פּראָלעטאַריאַט אַ סאַך ברײטער און ריכטיקער, אײדער דאָס האָבן געטאָן אײניקע פראַנצױזישע מאַרקסיסטן. בעאײס דעם באַ-װאוסטן דרײפוס-פּראָצעס, אין 1898—1902 יאָרן, װען די נידערטרעכטיקע רעאַקציאָנערן און שװאַרצמײעניקעס, װעלכע זײנען געשטאַנען בעראַש פון דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג, האָבן באַשולדיקט בעװאוסטזיניק פאַלש דעם אומשולדיקן אָפיציר, דעם אידן דרײפוס, אין מעלוכע-פאַרראַט און האָבן אױפגעהױבן אַ גװאַלדיקן טומל װעגן דעם, קעדײ אָפצואװענדן די אױפמערק-זאַמקײט פון פאָלק פון זײערע מאַיסים, האָבן אײניקע מאַרקסיסטן געזאָגט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך נים װאָס צו מישן אין די דאָזיקע „פאַמיליע-אָנגעלעגנהײטן" פון דער בורזשואַזיע. פאַר-קערט, זשאָרעס האָט ריכטיק אָנגעװיזן, אַז די בורזשואַזיע האָט נים אַזעלכע „פאַמיליען-אָנגעלעגנהײטן", װעלכע זאָלן זיך נים אינטערעסירן די אַרבעטער. אַז זײ דאַרפן זיך אײנשטעלן פאַר די אומשולדיק פאַרמישפּעטע אָפילע פונם בורזשואַזן לאַגער און דערמיט װעלן זײ אַמבעסטן קאָנען אױפדעקן אַלע עקלהאַפטע זײטן פונם בורזשואַזן רעזשים.

די פראַנצױזישע סאָציאַליסטן זײנען געװען צעבראָכן אױף עטלאכע פראַקציעס, װעלכע האָבן זיך אַרומגעריסן צװישן זיך, און זשאָרעס איז געשטאַנען בעראָש פון די מעסיקע סאָצי-אַליסטן. אָבער נאָך דער פאַראײניקונג פון אַלע פראַנצױזישע

סאָציאַליסטן אין איין פּאַרטיי (אין 1905 יאָר), נאָך דעם, ווי דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אמשטערדאַם (אין 1904 יאָר) האָט פאַראורטיילט דעם אָנטייל פון סאָציאַליסטן אין אַ בורזשואזן מיניסטעריום, איז זשאָרעס באַדייטנד לינקער געוואָרן - ער האָט זיך געשטעלט אַף אַ מער פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט און איז געוואָרן אַלגעמיין אָנערקענט פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון פראַנקרייך.

אַלס דער הויפּט-רעדאַקטאָר פונם צענטראַלן פּאַרטיי-אָרגאַן, וואו ער האָט טאָג-טעגלאַך געשריבן לייט-אַרטיקלען, אַלס אַן אָנפירער פון דער פּאַלאַמענט-פראַקציע, אַלס אַ געליבטער פאָלקס-רעדנער, וועלכער האָט צוגעצויגן אַף פאַרזאַמלונגען פיל טויזנטער אַרבעטער, וועלכע ער פלעגט מאַכן ציטערן מיט זיינע ברויזנדיקע און פלאַמיקע רעדעס, איז זשאָרעס געווען אין די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן דער גרויסער פאָלקס-פירער אין פולן זין פונם וואָרט.

און זיין טיפער געפיל פון גערעכטיקייט, זיין ריינער פער-זענלאַכער לעבן האָבן אים געמאַכט פאַרן געוויסן פונם פראַנצויזישן פאָלק, און אַפילע די בורזשואזע דעפּוטאַטן, ווען זיי פלעגן דאַרפן אויפדעקן טונקעלע געשעפטן, גנייוועס, שויכאַד-נעמען, און פאַלשקייטן אין דער בורזשואַזער ביוראָקראַטיע, פלעגן זיי אַליין אויסקלייבן זשאָרעסן פאַר אַ פאָרויצער פון די פּאַרלאַמענטאַרישע אויספאָרשונג-קאָמיסיעס.

איינצייטיק מיט דער פּאָליטישער טעטיקייט פלעגט זשאָרעס אָפּגעבן זיינע ווייניקע פרייע מינוטן דער וויסנשאַפטלאַכער אַר-בעט. אונטער זיין רעדאַקציע איז דערשינען אַ פילבענדיק בוך: „די סאָציאַליסטישע געשיכטע פון פראַנקרייך” וואו די בעסטע בענדער וועגן דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע זיינען אָנגעשריבן געוואָרן פון אים אַליין און זיי האָבן אַ גרויסע וויסנשאַפטלאַכע ווערט. מיט עטלאַכע יאָר פריער פאַר זיין טויט האָט זשאָרעס אָנגעשריבן אַן אינטערעסאַנט בוך: „די נייע אַרמיי”, וואו ער האָט דערוויזן אַלע מאַלעס פון דער מיליציאָנס-סיסטעם. אים געהערן אויך די אויסגעצייכנטע רעדעס וועגן דער

אַגראַר-פּראַגע, וועגן צוציען די פּויערים צום סאָציאַליזם א. ד. ג.

באַם גאַנצן פאַרנעם פון זיין אינטעלעקטועלער טעטיקייט, איז דאָך זשאָרעס געווען א לעבנסלוסטיקער מענטש, א קעמפער א פּראַקטיקער. זיין פעסטע, געזעצטע פיגור האָט מען געקאַנט זען ניט בלויז אין פּאַרלאַמענט, אַף אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען אָדער אין רעדאַקטאָר-קאַבינעט, נאָר אויך אין גאַס, אין דער שפּיץ פון אַן אַרבעטער-דעמאָנסטראַציע, וואו ער האָט ניט זעלטן געכאַפּט קלעפּ פון די צעווילדעוועטע פּאָליציי-לייט, אָבער ער פון זיין זייט פלעגט פאַרקאַטשען די אַרבל און פלעגט שוין זיי קיין באַל כויוו ניט בלייבן.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט דער ווייטזיכטיקער פּאָליטיקער זשאָרעס איינער פון די ערשטע פאַרשטאַנען און דערפילט דעם אנקום פון דער וועלט-קאַטאַסטראָפע. קעגן דער אָנקומענדיקער אַלאייראָפּייאישער שכיטע האָט ער אופגעהויבן א געשריי פון אומרו און גאַנצע פינף יאָר האָט ער אין פּאַרלאַמענט, אַף פאַרזאַמלונגען, אין זיין צייטונג, אַף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן, וואו ער איז געווען באַליבט פון אַלעמען, אָן אופהער גערופן די פעלקער צו שטערן זייערע רעגירונגען אָנצוהויבן די פאַרברעכערישע מילכאָמע.

אָבער איינצלנע מענטשן, זאָל זיך זיין אַפילע אזא מעכטיקער טאַלאַנט ווי זשאָרעס, זיינען ניט בעקויאַך געווען אָפּצושטעלן יענעם שרעקלאַכן אַלוועלטלאַכן קריזיס, וועלכער האָט אָנגענומען די פאָרם פון א וועלט-מילכאָמע. ווען זי האָט זיך אָנגערוקט, זומער דעם 1914 יאָר, האָט זשאָרעס אָנגעווענדעט די לעצטע קויכעס זיינע, קעדיי אויסצומיידן זי. ער איז געווען אַף דער לעצטער באַראַטונג פונם אויספיר-קאָמיטעט פונם II אינטערנאַציאָנאַל, וואו ער האָט געבעטן ראַכמים די דייטשע סאָציאַליסטן, זיי זאָלן ניט דערלאָזן צו דער מילכאָמע ער האָט פאַרשוואָרן די בורזשואַזע רעגירונג פון פראַנקרייך, זי זאָל ניט טאָן דעם לעצטן אומגליקלאַכן טריט און האָט א דאַנק זיין אידעאַליזם, נאָך אמאָל געגלויבט דער אופריכטיקייט פון פרידלאַכע שטרעבונגען בא די בורזשואַזע אימפּעריאַליסטן.

אָבער ער האָט ניט דערלעבט צו זען אלע שרעקן פון דער מילכאָמע און האט אויסגעמיטן יענעם „הייליקן" מיליטע-רישן בונד מיט דער בורזשואזיע, יענעם פּאַטריאָטישן פיבער, דורך וועלכן עס האָבן זיך קאָפּראָמיטירט אלע פירער פון די פראנצויזישע סאָציאַליסטן. ערעוו דעם טאָג, ווען מען האָט גע-מאָלדן די מאָביליזאַציע, האָט זשאָרעסן געטראָפן די פאררעטע-רישע קויל, וואָס אן אגענט פון די בורזשואזע נאַציאָנאַליסטן האָט אריינגעשאָסן פון הינטער א ווינקל אין דעם אַפּאָסטאָל פונם אלגעמיינעם שאָלעם.

און אלס אַנזאָגער פון שאָלעם, אלס אַ פלאַמיקער קעגנער פון מילכאָמע, אלס א קעמפער פאר די אַלמענטשלאַכע אידעאַלן פון ברידערלאַכקייט, וועט ז ש אָ ר ע ס פארבלייבן אינם זיקאָרן פונם פראנצויזישן און אַלוועלטלאַכן פראָלעטאַריאט.

# XIV. קארל קויטסקי

סאַי בעבעל און סאַי זשאָרעס זיינען, דעריקער, געווען גרויסע אַגיטאַטאָרן, די טריבונע פון אַרבעטער-קלאַס און צו דער זעלביקער צייט די גרעסטע טאַקטיקער, די פּאָליטישע פי-רער זיינע אין דער עפּאָכע פונם II אינטערנאַציאָנאַל. דער אויס-געצייכנסטער טעאָרעטיקער פינם II אינטערנאַציאָנאַל, דער אידייאישער פירער און אָנפירער פון זיין מארקסיסטישן פליגל איז געווען דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראט קויטסקי, און אויך זיין גוירל און אָף זיין אידייאישער ביאָגראַפיע קאָן מען אָמבעסטן זען די עוואלוציע פונם II אינטערנאַציאָנאַל גופע פונם אָרטאָדאָקסאַלן רעוואָלוציאָנערן מארקסיזם אין דער טעאָריע, — צום אָפענעם אָפּאָרטוניזם און רעפארמיזם אין דער פראַקטיק.

קויטסקי איז אַ טשעך לויט זיין אָפּשטאַם און אַ גע-וועזענער עסטרייכישער אונטערטאַן. ער איז שוין געווען אַ ריי-פער מענטש און אַ ברייט אַנטוויקלטער אינטעליגענט, ווען אין סאָף פון די 70-קער און אָנהויב 80-קער יאָרן, אין דער עפּאָכע

פון דיווילדע רעדיפעס קעגן די דייטשע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געמוזט אַוועק „אונטער דער ערד״ — איז ער געוואָרן אַ מאַרקסיסט. פון דאַמאָלס אָן האָט ער אַלע זיינע קויכעס און זיין גאַנצן אויסטערלישן טאַלאַנט אָפּגעגעבן אַף צו דערלערנען, זעלב-שטענדיק צו באַאַרבעטן און פּראָפּאַגאַנדירן אין די רייען פון די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער די אידייען פונם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. ער איז געוואָרן דער עמעסער לערער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, קוידעם קאָל, פאַרשטייט זיך, אין דייטשלאַנד גופא, וואו אין סאָף פונם XIX און אָנפאַנג XX יאָרהונדערט איז ער בלי שום סאָפעק געווען דער אויסגעצייכנטסטער טעאָרע-טיקער פון דער פּאַרטיי, און דערנאָך אויך אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע לענדער, וואו עס האָט נאָר פּרעוואַלירט די מאַרקסיס-טישע שיטע אין סאָציאַליזם, און באַזונדערס אין רוסלאַנד, וואו אַף קויטסקיס ביכער, אַרטיקלען, בראָשורן האָט זיך געלערנט אַ גאַנצע ריי דוירעס פון יונגע רעוואָלוציאָנערן ס. ד. ניט וויי-ניקער, איידער אַף די ווערק פון פּלעכאַנאָוון, און שפּעטער אויך פון לענינען.

ענגעלס האָט פאַרן טויט אָנערקענט קויטסקין פאַרן דעם ווירדיקסטן קאַנדידאַט אַלס אַן אָפּהיטער פון מאַרקס-ענ-געלסעס אידייאישער יערושע, אים האָט מען איבערגעגעבן די פאַרבליבענע מאַרקס מאַנוסקריפּטן און ער איז באַאופטראַגט געוואָרן צו רעדאַקטירן און אַרויסגעבן דעם אַזויגערופענעם 4-טן באַנד פון „קאַפּיטאַל״ „די טעאָריע פון מערווערט״, וואָס ער האָט אויסגעפילט מיט ערפאָלג.

דער וויסנשאַפטלאַך-פּאָליטישער מאַרקסיסטישער וועכנט-לאַכער זשורנאַל „נייע צייט״, וואָס קויטסקי האָט געגרינדעט אין דער מיט פון די 80-קער יאָרן, איז איגגיכן געוואָרן און שפּע-טער געבליבן אין מעשעך פון די 90 און אָנפאַנג 900 יאָרן, דער אידייאיש אָנפירנדיקער זשורנאַל פון אַלע באַוואוסטזיניקע מאַרק-סיסטן אין דער גאַנצער וועלט, און אונטער קויטסקי׳ס רעדאַקציע האָבן אין אים מיטגעאַרבעט די אָנגעזעענסטע סאָציאַליסטן פון יענער צייט, באַלויכטנדיק אַלע שווערע שטרייט-פראַגן פון

דער טעאָריע און פּראַקטיק פונם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

ענדלאַך — און דאָס איז דער איקער — קויטסקי האָט אָנגעשריבן אַ ריי טייערע און אָפטמאָל גלענצנדע ביכער, וועלכע ניט געקוקט אויף דער ענדערונג אין די אָנשויאונגען, וואָס איז אין אים אליין פאָרגעקומען, וועלן זיי דאָך בלייבן די בעסטע אין דער ביבליאָטעק פון יעדן מאַרקסיסט, פון יעדן באַוואוסטזיניקן און רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער.

נאָך אין 1891 יאָר האָט קויטסקי אָנגעשריבן די באַרימטע „ערפורטער פּראָגראַם", אַ טעאָרעטישער פּיירעש צו דער פּראָגראַם פון דער דייטשער ס. ד. פּאַרטיי, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אויפן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר אין ערפורט. אויפן ערשטן לעגאַלן צוזאַמענפאָר נאָך 13 יאָר פון אונטערערדישער עקזיסטענץ. דאָס קלאַסישע בוך, וואָס גיט איבער אין אַ פּאָפּולערער פאָרם די יעסוידעס פונם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, האָט גאַנצע יאָר צענדליקער געדינט אין דער פּראָפּאַגאַנדע אַלס אַ הויפּטע און אַנטוויקלונג פון די אָנשויאונגען פון מאַרקס' קאָמוניסטישן מאַניפעסט און האָט צווישן די ס. ד. פון אַלע לענדער, באַזונדערס פון דייטשלאַנד און רוסלאַנד געשפּילט די זעלביקע ראָליע, וואָס עס שפּילט איצט בײַ די קאָמוניסטן בוכאַרינס „אַלעפבייס פון קאָמוניזם" דערנאָך גייט אַ גאַנצע ריי פון וויכטיקסטע היסטאָרישע ווערק, אין וועלכע קויטסקי האָט מיט גרויס דערפאָלג אָנגעווענדט דעם מעטאָד פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. אַזעלכע זיינען דער ערשטער באַנד פון זיין בוך „די פאָרגייער פון נייעסטן סאָציאַליזם", אַ פּראַקטיקע אויספאָרשונג פון דער רעפאָרמאַציע-עפּאָכע — טאמאס מאָר און זיין אוטאָפּיע" די אַנטשטייאונג פון קריסטנטום" „די הייפּוכים פון די קלאַסן אינטערעסן אין 1789 יאָר" און נאָך אַנדערע

ער האָט זיך אָבער ניט באַגרעניצט מיט איין געביט פון געשיכטע און געשיכטע פון רעליגיע. אים געהערט אויך אַן ערנסטע אַרבעט וועגן דער אַגראַר-פראַגע, וואו ער קעמפט קעגן די קליינבירגערלאַכע סאָציאַליסטן פון אַלע מינים, אַ ריי אַרבעטן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און אויך זייער אַ וויכטיק בוך

ווען עטיק („די עטיק און דאָס מאַטעריאַליסטישע פאַרשטיין פון דער געשיכטע") וואו אײנצײטיק מיט דער קריטיק פון אַנדערע לערעס, ווערט געגעבן צום ערשטן מאָל אַ מאַרקסיסטישע באַגרינדונג פונם מעהוס און אַנטוויקלונג פון דער מאָראַל.

אָבער אײנע פון קויטסקיס וויכטיקסטע פאַרדינסטן איז זײן צעניאָריקער קאַמף מיטן אידײאישן און פּראַקטישן אָפּאָרטוניזם אין די רײען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע — מיט יענעם אפּארטוניזם, וואָס ביסלאַכווײז און אומבאַוואוסטזיניק איז ער אַלײן זײנער אַ קאָרבן געוואָרן. דער אינטערנאַציאָנאַלער און ביפּראַט, דער דײטשער אָפּאָרטוניזם און רעפאָרמיזם איז געוואָרן אַ דערשײנונג פון אַזאַ וויכטיקײט, אַז אַף אים, אַף זײן מעהוס און אָפּשטאַם מוז מען זיך אָפּשטעלן גענויער.

דער דײטשער אָפּאָרטוניזם שײדט זיך אונטער פון די אַנדערע מינים פונם דאָזיקן סאָציאַליזם (צום בײשפּיל, פון „רעפאָרמיזם" באַ די זשאָרעסיסטן) דערמיט, וואָס ער איז ארויס פון די רײען פון די מארקסיסטן גופע, פון די רײען פון דער אלטער, אָרגאַניזירטער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט שטאָלצירט מיט איר רומפולן אוואר און וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען עדוארד בערנשטײן, דער געוועזענער „לינקער" ס. ד. דער געוועזענער רעדאקטאָר פונם אומלעגאַלן צענטראַלן פּאַרטײ-אָרגאַן, וועלכער איז דערשינען אין ציוריך אין דער עפּאָכע פונם אויסנאַם-געזעץ קעגן די סאָציאַליסטן, דער מענטש, וואָס האָט פּערזענלאך געקאַנט מארקסן און ענגעלסן און איז געווען זײערער אַ טאַלמיד. דעריבער איז דער דײטשער אפּארטוניזם געווען לויט דער פאָרם ניט אַ דירעקטער אָנפאַל אַפן רעוואָלוציאָנערן מארקסיזם, נאָר אַ פּרוּאוו „איבערצוקוקן", אָדער „רעווידירן" מאַרקס לערע (דעריבער רופט מען אים אויך „רעוויזיאָניזם") מיטן צוועק אויסצוואָרצלען פונם מארקסיזם זײנע „פאַרעלטערטע", „בלאַנקיסטישע", ד. ה. פּאַסעט די רעוואָלוציאָנערע זײטן, וועלכע זײנען זײ לעבעדיקע נשאָמע, און איבערצומאכן מאַרקסן אַפן אפּארטוניסטישן שטײגער. דעריבער האָט דער דײטשער רעוויזיאָניזם פּרעטענדירט אַף אַ טיפערער

טעאָרעטישער באַגרינדונג פון זייגע אנשויאונגען, איידער די איבעריקע איראָפּייאישע „מעסיקערע" אָדער, ווי מע זאָגט היינט, „סאָציאַל-פּשאָרעסדיקע" סאָציאַליסטן, און די דאָזיקע טעאָרעטישע באַגרינדונג האָט געדינט, און טיילווייז דינט זי נאָך איצט אויך, אַלס אַן אַרסענאַל פון אַרגומענטן קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם.

די גרונד-האַנאָכעס פונם רעוויזיאָניזם זייגען באַשטאַנען אין פאָלגנדן. די פאָרויסזאָגונגען פון מאַרקסן וועגן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, מיט דער אַלץ גרעסערער קאָנצענטראַציע פון די קאַפּיטאַלן אין ווייניקער הענט, מיט דער פאַרשטאַרקונג און פאַרשאַרפונג פונם קלאַסן-קאַמף — די דאָזיקע פאָרויסזאָגונגען זייגען ניט מעקוייעם געוואָרן. די אינדוסטריעלע קריזיסן, מיט זייערע צעניאָריקע ציקלען, האָבן אופגעהערט. די צאָל פון די קליינע אייגנטימער ווערט ניט קלענער, נאָר זי וואַקסט, און, אַדאַנק די אַקציאָנערע קאָמפּאַניעס, ווערן זיי אַנטיילנעמער פון די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען און דעריבער זייגען זיי פאַראינטערעסירט אייגצוהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. די לאַגע פון די אַרבעטער ווערט אין אַלגעמיין ניט ערגער, נאָר בעסער, און זיי הויבן אָן דעראָבערן אַ ריי פּאָזיציעס אין פּאַרלאַמענט, אין די מוניציפּאַליטעטן, אין עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן. דעריבער איז ניטאָ קיין שום גרונד צו וואַרטן אַף יענער „סאָציאַלער רעוואָלוציע", אַף יענעם „קראַך" אָדער „קאַסאַסטראָפע", וועלכע מאַרקס האָט פאָרויסגעזאָגט. אַדעראַבע, דער טהאָם צווישן די הויפּט-קלאַסן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט ווערט אַלץ מער פאַרשאָסן, און דער קאַמף פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל דאַרף ווערן נאָר אַ פרידלאַכער, אַן אידייאישער. דער סאָציאַליזם קאָן פאָרווירקלאַכט ווערן ניט דורך רעוואָלוציע און פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, נאָר דורך אַ לאַנגזאַמען און בעהאַדראַגעדיקן „ארייַנוואַקסן" פון די עלעמענטן פון דער נייער, קומענדיקער געזעלשאַפט אינם היינט.

אַגעוו, דער סאָציאַליזם גופא, קאָן זיין, וועט פאַרבלייבן

נאָר אַן אומדערגרייכבאַרער אידעאַל, וועלכער וועט אין לעבן קיינמאָל ניט פאַרקערפערט ווערן. פאַר אונז איז ער וויכטיק נאָר, אַלס אַ לייכט-טורעם, וועלכער באַלויכט אונז דעם וועג. פאַר אונז, — אַזוי זאָגט די באַרימטע פראַזע פון בערנשטיינען, — איז — „די באַוועגונג — אַלץ, דאָס ענד-ציל — גאָרנישט". מיט אַנדערע ווערטער, וויכטיקער פון אַלץ איז ניט דער קינפטיקער געפלדיקער אידעאַל, נאָר די קאָנקרעטע רעפאָרמעס פון היינטיקן טאָג.

פון דעם שטאַנדפונקט דאַרף מען זיך אָפּזאָגן פונם טעאָרעטישן יסאָד פונם מאַרקסיזם — פונם ה י ס ט אָ ר י ש ן מ א ט ע ר י א ל י ז ם, ווייל, לויט בערנשטיינס מיינונג, פירן אַן אין דער גייער צייט מיט דער טעטיקייט פון די מענטשן ניט די סטיכייאישע עקאָנאָמישע קויכעס, נאָר דאָס באַוואוסטזיין און די אידייאישע פאַקטאָרן; מע מוז זיך אויך אָפּזאָגן פון דער מאַרקסיסטישער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק; מע קאָן ניט באַטראַכטן די גאַנצע בורזשואַזיע פאַר אַ סוינע; מיטן מער פאַרגעשריטענעם טייל אירן זיינען נויטיק אויסגלייכן און אַ געמיינזאַמע אַרבעט אַף צו פאַרווירקלאַכן די דעמאָקראַטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע רעפאָרמעס.

די סאָציאַל-היסטאָרישע פאַרהאַנאָכעס פונם רעוויזיאָניזם זיינען באַשטאַנען אין אַלגעמיין אין פאָלגנדן: אייראָפּע האָט נאָך דער פאַריזשער קאָמונע ניט איבערגעלעבט ניט קיין מילכאָמעס, ניט קיין רעוואָלוציעס. דער אַרבעטער-קלאַס אין דאָסראָוו אייראָפּייאישע מעלוכעס האָט דעראָבערט דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט, פרייהייט פון וואָרט, פרעסע און אָרגאַניזאַציע. און פון מיטן די 90-קער יאָרן איז די אייראָפּייאישע אינדוסטריע אַריין אין אַ טקופע פון אופשטייג און אופבלי. אויסערדעם, אין די רייען פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אָדער אונטער זייער האַשפּאָע זיינען אַריינגעטראָטן ברייטע פאָלקס-מאַסן, וועלכע האָבן געוואָרט פון זיי קאָנקרעטע פאַרבעסערונגען פון זייער לאַגע. און די דערפאָלגן פונם סאָציאַליזם, ווי אויך דער פאָליטישער און אידייאישער באַנקראָט פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע,

האָבן אַריינגעשטויסן אין די רייען פון די סאָציאַליסטן פילצאָליקע „מיטלויפער״ פון דער קליין בורזשואַזיע און אינטעליגענץ, פון וועלכע אַ באַדייטנדיקער טייל פון די סאָציאַליסטן האָבן איבערגענומען די קליינבירגערלאַכע פּסיכאָלאָגיע. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ באַזונדערע אידעאָלאָגיע אין דער געשטאַלט פון קורצזיכטיקע און די „אויסגלייכערישע״ געשטימטע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז די עפּאָכע פון רעוואָלוציע איז שוין פאַרגאַנגען אַף אייביק.

די ווייטערדיקע געשייענישן — די וועלט-מילכאָמע, די רוסישע און די דייטשע רעוואָלוציעס — האָבן באַשיימפּערלאַך באַוויזן, ווער איז גערעכט געווען, די רעוויזיאָניסטן אָדער דער אָרטאָדאָקסישער, רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיזם, וועלכער איז אויסגעוואַקסן און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין די רעוואָלוציאָנערע שטורעמס פונם מיטן פונם XIX יאָרהונדערט. דאָס, וואָס די אַפּאָרטוניסטן האָבן געהאַלטן פאַר אַ פרידלאַכן איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם, איז געווען נאָר אַ נייע, אימפּעריאַליסטישע פאַזע פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. און אויב די פריערדיקע פעריאָדישע קריזיסן זיינען פאַרשוואונדן (זיי זיינען פאַרביטן געוואָרן מיט לאַנגדויערנדיקע עפּאָכעס פון „דעפּרעסיע״, פון אַ געדריקטן צושטאַנד אין דער אינדוסטריע), ווייל דער אייראָפּייאישער קאַפּיטאַליזם האָט פאַרשפּרייט זיין ווירקונג אַפן גאַנצן ערד-קיילאַך, האָט די דאָזיקע מעמשאָלע איבער דער וועלט צוגעגרייט אַ נייעם קריזיס, וועלכער איז ניט געווען פריער לויט זיין שאַרפקייט און ברייט און וועלכער האָט אויסגעבראָכן אין דער פאָרם פון דער וועלט-שכיטע און אירע רעזולטאַטן — די רעוואָלוציע און דער נייער עקאָנאָמישער קריזיס.

פונם ערשטן מאָמענט אָן, ווען עס האָט זיך באַוויזן דער רעוויזיאָניזם, ד. ה. פון דער צווייטער העלפט פון די 90-קער יאָרן, איז קוויטקאָ אַרויסגעטראָטן קעגן אים מיט אַ גאַנצער ריי ביכער, בראָשורן און זשורנאַל-אַרטיקלען. עס זיינען קעסיידער דערשינען: אַ גרויס בוך קעגן בערנשטיינען, אַ בוך, וואָס האָט נאָך אַדהאַיאָם אַ וויכטיקע באַדייטונג אינם איגיען פון פּראָפּאַ-

גאַנדירן דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, דערנאָך אין אָנפאַנג פון די 1900 יאָרן די בראָשורן „די סאָציאַלע רעוואָלוציע״, „אַפן צווייטן טאָג נאָך דער רעוואָלוציע״ און, ענדלאַך, אין 1909 יאָר, — „דער וועג צו מאַכט״. אין די דאָזיקע אַלע ווערק איז קויטסקי אידייאיש, טעאָרעטיש געשטאַנען אַפן באָדן פון אַן אויסגעהאַלטענער מאַרקסיסטישער פּאָזיציע, אַפן באָדן פון רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין דער געשטאַלט פון זיין פּאַרטיי. אָבער די לעצטע פון די דערמאָנטע בראָשורן איז געווען אויך קויטסקיס לעצט רעוואָלוציאָנער ווערק אַפילע אין דער טעאָריע.

די זעלביקע עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און פון פרידלאַכער אַנטוויקלונג פון אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע האָט געבוירן דעם רעפאָרמיזם און רעוויזיאָניזם, וועלכע האָט פאַרסאַמט דאָס באַוואוסטזיין פון די ברייטע אַרבעטער-מאַסן, באַזונדערס די מער פאַרזיכערטע, פון דער אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע — די דאָזיקע עפּאָכע האָט ביסלאַכווייז געווירקט אַף קויטסקין אַליין, ווי אַף פיל אַנדערע מאַרקסיסטן: זייענדיק רעוואָלוציאָנערן אין דער טעאָריע, האָבן זיי זיך דאָך געשראָקן פאַר אַנטשיידענע, רעוואָלוציאָנערע מאַיסים אין דער פּראַקטיק. שוין אין 1900 יאָר, אַפן פּאַריזשער קאָנגרעס פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, ווען מע האָט באַטראַכט די אַזוי גערופענע „מיליעראַן-פראַגע״, ד. ה. צי קען אַ סאָציאַליסט זיך באַטייליקן אין אַ בורזשואַזן מיניסטעריום — האָט דאַווקע קויטסקי פאָרגעלייגט אַ קאָמפּראָמיס-רעזאָלוציע, אַ „קויטשוק״-רעזאָלוציע, ווי מע האָט דאַן געזאָגט, וועלכע האָט שפּעטער בעת דער וועלט-מילכאָמע, געדינט אַלס באַרעכטיקונג פאַר אַלע סאָציאַל-פּשאַרעסניקעס אין זייער מיטאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע.

די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 יאָר האָט גוט געווירקט אַף קויטסקי׳ן, וועלכער האָט ווי דערפילט, אַז סע דערנענטערן זיך שרעקלאַכע שטורעמס און האָט ניט איין מאָל באַהויפּט, אַז דער מאַירעוו-אייראָפּייאישער קאַפּיטאַליזם איז שוין פולקום צייטיק צוליב אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אָבער דאָס איז

געווען דער לעצטער אופשוואונג פון זיין רעוואָלוציאָנערן באוואוסט-זיין, מיט דער פארשטאַרקונג פון דער רעאַקציע אין רוסלאַנד הויבט אָן קויטסקי זיך אָפּנייגן פון דער רעוואלוציאָנערער טאַק-טיק אויך אין דייטשלאַנד; נאָכן 1909 יאָר גייט ער איבער פונם לינקן פליגל פון דער דייטשער ס. ד. אין צענטער און קעמפט מיט ראָזע לוקסומבורג, וועלכע האָט געפֿירט די דייטשע אַרבע-טער אריבערצוגיין פון אַ פרידלאַכער, לעגאַלער, מעסיקער טאַק-טיק צו מער אַנטשלאָסענע „מאַיסים.

ווען ס'האָט אופגעפלאַקערט די וועלט-מילכאָמע, וועלכע די סאָצ. דעמאָקראַטן פונם II אינטערנאַציאָנאַל האָבן געדראָט ניט צו דערלאָזן אָדער אויסנוצן זי צוליבן אופשטאַנד פונם פראָ-לעטאַריאַט קעגן דער אייגענער בורזשואזיע, איז קויטסקי, עמעס, ניט אַוועק מיט די סאָמע רעכטע ס. ד. מיט די אָזויגערופענע שיידעמאנער (נאָכן נאָמען פון זייער פירער, דעם געוועזענעם זעצער שיידעמאַן), אָבער ער האָט ניט געוואָגט אויך זיך איינ-שליסן אין די לינקע — קארל ליבקנעכט, ראָזע לוקסונבורג א. א. ער האָט געפריידיקט, אַז, ווי באַלד די מילכאָמע האָט זיך שוין אָנגעהויבן, דאַרפן די ארבעטער פון יעדן לאנד פאַר-טיידיקן געוויסנהאפט זייער פאָטערלאַנד און אַז דער אינטער-נאַציאָנאַל איז אַ קאַמף-געווער נאָר פאַר דער פרידלאַכער צייט, אָבער ניט פאַר אַ מילכאָמע.

ענדלאַך, נאָך דער אָקטאבער-רעוואָלוציע אין רוסלאנד און נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע האָט זיך קויטסקי פאַקטיש אָפּ-געזאָגט פון רעוואָלוציאָנערע קאַמף-מעטאָדן, פון דער דיקטאַטור פון דער רעוואָלוציאָנערער פראָלעטארישער מאַכט און אנשטאט דעם האָט ער אוועקגעשטעלט, די פאַרמעלע דעמאָקראַטיע מיט אַלגעמיינעם וואַל-רעכט. ער האָט אָנגעהויבן צווייפלען דערין, אין וואָס ער האָט ניט געצווייפלט מיט צען יאָר פאַר דעם: נעמלאַך, צי זיינען צייטיק געוואָרן די באַדינגונגען פאַר דער סאָציאַליס-טישער רעוואָלוציע, זיינע שוואנקעניש, ספייקעס און אומאַנט-שלאָסנקייט האָבן באַ אים אָפּגענומען די ווירקונג און דעם אוו-טאָריטעט אַפילע אין יענער פאַרטיי פונם „צענטער" פון די

„אומאָפּהיינגיקע" ס. ד, וואָס ער איז געווען איינער פון אירע גרינ-דער. ער האָט זיך דערנעענט צו זיין אַלטן קעגנער בערנשטיי-נען און בא איצטיקער צייט איז ער איינער פון די, וועלכע האָבן געפּריידיקט די פאַראייניקונג פונם „צענטר" מיט די רעכטע ס. ד., די אומאָפּהיינגיקע מיט די שיידעמאַנער, דעם $2^1/_2$ אינ-טערנאַציאָנאַל מיטן 2-טן.

# XV נ. ג. טשערנישעווסקי.

## 1828—1889

דעם 25 יוני (12 יוני לויטן אַלטן סטיל) 1862 יאָר האָט די רעגירונג פונם צאַר „דעם באַפרייער" אַלעקסאַנדער דעם II, אַרעסטירט ניקאָלאַי טשערנישעווסקין: מע האָט אים אַרעסטירט קעדיי צו טויטן אים גייסטיק, קעדיי אויסצושטרייכן איינעם פון די אַקטיווע קעמפער פאַר דער אויפקלערונג און באַפרייאונג פון די פאָלקס-מאַסן.

ווער איז געווען טשערנישעווסקי? אַ זון פון אַ גאַלעך, געבאָרן אין סאַראַטאָוו אין 1828 יאָר; פון קינדווייז אָן האָט ער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינטלאַכע פעיאיקייטן. געענדיקט דעם סעמינאַריום און דערנאָך פּעטערבורגער אוניווערסיטעטן, איז ער געוואָרן דער גרעסטער רוסישער געלערנטער פון זיין צייט און דער ערשטער באַוואוסטזיניקער, טיף איבערצייגטער רוסישער סאָציאַליסט. „דער גרויסער רוסישער געלערנטער און קריטיקער" אַזוי האָט אים אָנגערופן מאַרקס, וועלכער איז זייער קאַרג געווען אַף שוואַכים. און, ווירקלאַך, אַ טיפער און שאַרפזיניקער פילאָ-סאָף-מאַטעריאַליסט, אַן ערשט קלאַסיקער היסטאָריקער און עקאָ-נאָמיסט, אַ ליטעראַרישער קריטיקער, אַ גלענצנדער פובליציסט, און נאָכן ערעסט אויך אַ ראָמאַניסט, וואָס האָט אָנגעשריבן אין פעסטונג זיצנדיק דעם ראָמאַן „וואָס טוט מען?" — האָט ער אין אַלע געביטן פונם געדאַנק ניט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין דעמאָלדיקן רוסלאַנד און האָט אומעטום געקאָנט זאָגן זיין אייגן, אָריגינעל, קלוג און נויטיק וואָרט. ער איז געווען אַן

עמעסער רעוואָלוציאָנער פון געדאַנק, וועלכער האָט טרעפנדיק און פאַרניכטנדיק קריטיקירט סאַי די אַלטע באַגריפן, סאַי די גייסטע פלאַפלערייַ פון די ליבעראַלן. דערייַבער האָבן אים געהאַסט ניט בלויז די צאַרישע רעאַקציאָנערן, נאָר אויך אַלע ליבעראַלן, וועלכע האָבן געזינגען לויב-געזאַנגען דער „עפּאָכע פון די גרויסע רעפאָרמעס“ פון אַלעקסאַנדער דעם II. דערפאַר אָבער איז ער געוואָרן דער געליבטער אידייאישער פירער פון דער דעמאָקראַטישער גערעגטלעכער קראַפט, פון דער דעמאָקראַטישער סטודענטשאַפט, פונם דאָזיקן אינטעליגענטן פּראָ-לעטאַריאַט. דער זשורנאַל „סאָווערמעניק“, וואָס ער האָט רעדאַקטירט צוזאַמען מיטן פּאָעט נעקראַסאָוו און וואו זיין יונגער פריינט און מיטקעמפער דאָבראָליובאָוו האָט געשריבן זיינע קריטישע אַרטיקלען — דער דאָזיקער זשורנאַל איז געוואָרן די טריבונע פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. טשערנישעווסקי איז געווען איבערצייגט, אַז אין רוסלאַנד איז אומפאַרמיידלעך אַ טיפע סאָציאַלע רעוואָלוציע; אָבער ער האָט זיך אויסגעצייכנט פון די דעמאָלטיקע יונגע און היציקע רעוואָלוציאָנערן דערמיט, וואָס ער האָט ניט געגלויבט אין איר נאָענטקייט. אַגעוו, ווען אין די יאָרן 1861 און 1862 האָבן זיך אָנגעהויבן פויערשע מאַסן אויפשטאַנדן, איז טשערנישעווסקי צעהיצט געוואָרן און אָנגעשריבן אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציע „צו די פּריצישע פּויערים“. אָבער מע האָט זי אַפילע ניט אָפּגעדרוקט, און קיינער האָט זי ניט געזען, אויסער דעם פּראָוואָקאַטער, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן טשערנישעווסקין.

די רעגירונג, וועלכע האָט אים געהאַסט און האָט מורא געהאַט פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער האַשפּאָע אויף דער יוגנט, האָט זיך באַנוצט מיט דער ערשטער מעסירע, קעדיי צו פאַרטער ווערן פונם דאָזיקן געדאַנקען־ריז. האַגאַם דער אַרעסטירטער טשערני-שעווסקי האָט געלייקנט אין זיין שולד, האַגאַם עס זיינען קעגן אים ניט געווען קיינע קלאָרע ראַיעס אויסער דער מעסירע, האָט מען אים דאָך, נאָך צוויי יאָר זיצן אין פעסטונג, פאַרמישפּעט אויף 6 יאָר קאַטאָרגע. און ווען ער איז שוין אָפּגעקומען די

קאטארגע, האָט אים די נעקאָמע-דורשטיקע און פּאַכדאָנישע רעגי-רונג פון אַלעקסאנדער דעם II אַרויסגעשיקט אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון יאַקוטסקער געגנט, אין ווילויסק וואו ער האָט געמוזט אָפּזיצן פיינפולע יאָרן. אָן דער מעגלאַכקייט פון אינטעלעקטועלער אַרבעט, אין פולער איינזאַמקייט, אונטער דער האַשגאָכע פון ספּעציעלע זשאַנדארמען: ער איז לאַנזאַם אויסגעגאנגען מיט אַ גייסטיקן טויט, אָבער זיין נעשאָמע האָט קיינמאָל קיין ציטער ניט געטאָן, און מיט פאַראַכטונג האָט ער אָפּגעוואָרפן אַלע פאַר-שלאַגן, ער זאָל בעטן באַגנעדיקונג. עטלאָכע מאָל האָבן זיך די רעוואָלוציאָנערן געפּרואווט צו באַפרייען אים, אָבער אָן ערפאָלג. די אייראָפּייאישע פּראָגרעסיווע פרעסע האָט מאַריש אויילעם געוועט קעגן דער רוסישער רעגירונג. אָבער זי איז געבליבן האַרט ווי אַ שטיין. און ערשט אין 1883 יאָר, ווען די רעוואָלו-ציאָנערע באַוועגונג איז געבראָכן געוואָרן אויף לאַנג האָט דער צאַר אַלעקסאַנדער דער III דערלויבט טשערנישעווסקין אומקערן זיך פון סיביר און באַזעצן אונטער דער שטרייַנגסטער האַשגאָכע פון פּאָליציי אין אַסטראַכאַן. און נאָר מיט אַ יאָר פריער פאַר זיין טויט האָט מען אים דערלויבט אַריבערצופאָרן אין זיין איי-געָנער שטאָט סאַראַטאָוו, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1889 יאָר. די דאָזיקע לעצטע יאָרן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ וואונדערבאַרע ליטעראַרישע פּראָדוקטיווקייט, באַזונדערס אַלס אַן איבערזעצער פון פרעמדע שפּראַכן פילבענדיקע ביכער וועגן געשיכטע. אָבער זיין מעכטיקער גייסט איז געבראָכן געוואָרן. ער איז שוין געוועזן, ווי ער וואָלט געקומען פונם ווייטן אָוועָר. ער האָט ניט פאַר-שטאַנען דאַס אַרומיקע לעבן און האָט ניט געקאָנט שאַפן אַזוינס וואָס זאָל זיין טאַלאַנטפול אָנגעשריבן, ווי זיינע ווערק פון די 50-קער און 60-קער יאָרן.

ער איז געשטאָרבן מיט אַ פּיינלאַך-באַליידיקטן באַוואוסט-זיין, אַז זיין לעבן איז זינלאָז געפּאַטערט געוואָרן דורך דער אַכזאָריעסדיקער זעלבסטהערשערישער קליקע. אַ לאַנגע צייט נאָך האָט מען אין דער רוסישער ליטעראַטור ניט געטאַרט דערמאַנען טשערנישעווסקיס נאָמען.

אַלס סאָציאַליסט איז טשערנישעווסקי געווען אַן אָנהייגער פון פוריע. אין זיין ראמאַן „וואָס טוט מען?" האָט ער זיך געפלייסט צו דערווייזן אלע מעלות פין קאָלעקטיווער אַרבעט און קאָלעקטיוון געברויך און אין העלע ליכטיקע בילדער האָט ער געמאָלט די גליקלאכע צוקונפט פון דער מענטשהייט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. טשערנישעווסקי האָט זייער תויך געשעצט פוריען און געשטעלט אים אין איין ריי מיט די אנדערע דיינקער, מיט די פילאָסאָפן העגעל און פייערבאַך וועמעס אידייען ער האָט געפּריידיקט; דערביי האָט ער, ווי מאַרקס, פון העגעלן איבערגענומען זיין דיאַלעקטישן מעטאָד און פון פייערבאַכן — זיין מאַטעריאַליסטישע וועלט-אַנשויאונג.

אָבער שעצנדיק פוריען פאַר זיין ריכטיקן פאַרשטיין די מעלות פון דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג, איז זיך טשערנישעווסקי מיט אים ווייט צעגאַנגען אינם אויסקלייבן די וועגן צום סאָציאַליזם און אין דער הינזיכט איז ער גיכער געווען אַן אָנהייגער פון בלאַנקי.

ער האָט ביין אויסגעלאַכט די האָפענונג פון די סאָציאַליסטן אוטאָפּיסטן צו איבערצייגן די העכערע קלאַסן מיט גוטע ווערטער און מיט גוטע ביישפּילן. „ווער וועט דאָס האָבן כיישעק צו פאָלגן דער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע ווערט ניט געשטיצט דורך באַיאָנעטן", — האָט ער געזאָגט. ער האָט געגלויבט אין דער גרויסער ראָליע פון קראָפּאָט אין דער געשיכטע, ער האָט באַשולדיקט די אייראָפּייאישע סאָציאַליסטן דערין, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט באַנוצן זיך מיטן גינסטיקן מאָמענט אַף צו פאַר-כאַפּן די מאַכט. טשערנישעווסקי האָט אנערקענט די נויטיקייט פון אַ רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור און דער-ביי אַזאַ דיקטאַטור, וועלכע מאַכט ניט קיין גרויסע צערעמאָניעס אינם אויסוואַל פון מיטלען. שמידן אייזן מוז מען קאָל זמאַן ס'איז הייס, „אָבער ס'איז באַוואוסט, אַז ס'קאָן ניט שמידן קיין אייזן דער, וואָס האָט מוירע צו באַאומרואיקן די שלאָפנדיקע מענטשן מיטן קלאַפּ. נאָר ענערגיע קאָן פירן צו ערפאָלג, כאָטש צו אַ האַלבן ערפאָלג, אויב קיין גאַנצער ערפאָלג גיט קאָמאָט

קיינמאָל ניט די געשיכטע; און ענערגיע באַשטייט דערין, אז מע זאָל אָננעמען אן גרויס אישעוו האדאעס אזעלכע מיטלען, וועלכע זיינען גויטיק צוליבן ערפאָלג.

זייענדיק אַף אזאַ אויפן אינם געביט פון דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק אַ פאָרגייער פון די רוסישע באָלשעוויקעס, קאָן מען צו דער זעלבער צייט רעכענען טשערנישעווסקין צוזאַמען מיט זיין יונגן פריינט דאבראָליובאוו פארן גייסטיקן פאָטער פון די רוסישע נאָראדניקעס, ווייל ער האָט געהאלטן, אַז די פויערישע געמיינדע וועט איבערהיפּן דעם קאַפּיטאַליזם און גלייך איבערגיין אין דער העכסטער פאָרם פון סאָציאַליזם.

מיט מארקס ווערק איז טשערנישעווסקי, אַ פאָנעם, ניט געווען באַקאַנט; אָבער מיר געפינען בא אים פיל גלענצנדע געדאנקן, נאָענטע צו מאַרקסיזם. עס איז קיין שום ספק ניט, אַז ווען די צאַרישע רעגירונג וואָלט אים ניט געטויט גייסטיק, וואָלט ער זיין דער ערשטער נאכפאָלגער און לערער פון מארקסיזם אין רוסלאנד.

# XVI מ. א. באַקונין

## 1814—1876

דער באַוואוסטער גרינדער פונם רעוואָלוציאָנערן אנאַרכיזם, מאַרקס קעגנער אינם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, דער לערער פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין די 70-קער יאָרן — מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש באַקונין האָט געשטאַמט פון אן אַלטער פריצישער פאַמיליע, ער איז דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון איבערגעגעבנקייט צום קייסער און צו דער רעליגיע; געענדיקט די יונקערישע אַרטילערישע שול, האָט ער איין צייט געדינט אַלס אָפיציר אין די שטעט און שטעטלאַך פון מאַירעוואָקאַנס (אין ליטע און ווייסרוסלאַנד). אָבער פון די יונגע יאָרן אָן האָבן אין אים געווירן מעכטיקע גייסטיקע קרעפטן, עפּעס אַ

מעטושטעשער פאַרגעפּיל פון זיין פאַרשטייענדיקער גרויסער ראָ-
ליע. ניט אויסהאַלטנדיק דאָס פּוסטע און פאַרבלאָזע לעבן פון אַ
פּראָווינציעלן אָפיציר, איז באַקונין שוין 21 יאָר אַלט אַרויס אין
דעמיסיע קעגן דעם ווילן פון זיין פאָטער, און דערנאָך איז ער
בּישטיקע אוועקגעפאָרן פונם פאָטערס גוט קיין מאָסקווע, וואו
ער איז זיך נאָענט צונויפגעגאַנגען מיט דער דעמאָלדיקער פּראָג-
רעסיווער אינטעליגענץ (סטאַנקעוויטש, בעלינסקי, וועלכער איז
שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס קריטיקער א. א.) פירנדיק אַ
צעדרייטן לעבן פון אַ דעקלאַסירטן אינטעליגענט, (און אַ אינטע-
ליגענט איז ער געבליבן זיין גאַנצן לעבן), ניט האָבנדיק ניט קיין
באַשטימטע פּראָפעסיע, ניט קיין פייאיקייט צו אַ שטענדיקער אַר-
בעט, האָט זיך באַקונין אין יענער צייט פאַרקאָכט אין דער
אידעאַליסטישער דייטשער פילאָסאָפיע, באַזונדער אין העגעלס
טעאָריע, און דאַן האָט ער שוין אַרויסגעוויזן יענעם אויסערגע-
וויינלאַכן פּראָפּאַגאַנדיסטישן היסלאַהוועס, יענע קענשאַפט אַריינ-
צוציען אין זיין גלויבן, מיט וועלכן ער האָט זיך שפּעטער אַזוי
אויסגעצייכנט. די שוועסטער זיינע האָבן אים פאַרגעטערט. בע-
לינסקי פלעגט זיך, עמעס מיט אים קריגן פאַר זיין אומדערט-
רעגלאַכן און דעספּאָטישן כאַראַקטער, אָבער ער האָט זיך גע-
פונען אונטער זיין השפּעה. אין יענער צייט אָבער האָבן באַ-
קונינען אינטערעסירט נאָר אַבסטראַקטע און מאָראַלישע פראַגן.
די פּאָליטיק האָט אים ניט אינטערעסירט, און צו די שרעקן פון
ניקאָלאַיס רוסלאַנד איז ער געווען גלייכגילטיק. ערשט נאָך דעם,
ווי ער איז געקומען צופאָרן, אויף די מיטלען פון זיין פּריינט
הערצען, טבילעס אין דייטשלאַנד און שפּעטער אין פראַנקרייך,
שווייץ און בעלגיע, איז באַקונין געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער אי
אין געביט פון געדאַנק אי אין דער פּאָליטיק. ערשט דאָרטן, אין
דער ברויזנדיקער אַטמאָספערע פון דער פאַררעוואָלוציאָנערער
אייראָפּע, טאַקע אין דער זעלביקער צייט, ווען עס האָט זיך קריס-
טאַליזירט די וועלט-אַנשויאונג פון מאַרקסן און ענגעלסן, ווען אין
דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך איז אַרויסגעטראָטן אַ ריי גלענצנדע
רעוואָלוציאָנערע שרייבער,—ערשט דאַן האָט באַקונין געפונען אַ

גימנאַסטיקן באָדן פאר די קויכעס, וועלכע האָבן געדרימלט אין אים. שוין אין 1842 יאָר האָט ער אָפּגעדרוקט אונטער א פרעמדן נאָמען אן אַרטיקל, וואו ער האָט שאַרף קריטיקירט זיין פריערדיקן אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט און וואו עס איז צום ערשטן מאָל דערשינען דער באַוואוסטער לאָזונג פון די אַנאַרכיסטן: „די ליידנשאַפט, די צעשטערונג איז צו דער זעלביקער צייט א שעפערישע ליידנשאַפט“.

פאַרפאָלגט פון דער דייטשישער פּאָליציי, איז באַקונין אוועקגעפאָרן אין דער שווייץ, וואו ער האָט זיך באַקאַנט מיט ווייטלינגען, וועלכער האָט אָף אים געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק. צו יענער צייט האָט די רוסישע רעגירונג געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט אָף זיינע „ניט קאָשערע“ פאַרבינדונגען אין אויסלאַנד און געפאָדערט, ער זאָל זיך צוריק אומקערן קיין רוסלאַנד. באַקונין האָט ניט געפאָלגט, איז ער אונטער די אויגן פאַרמישפּעט געוואָרן צו קאַטאָרגע און איז אַזוי אַרום געוואָרן א פּאָליטישער עמיגראַנט.

אין פאַריז האָט זיך באַקונין באַפריינדעט מיט פּרודאָנען, פון וועלכן ער האָט שפּעטער איבערגענומען די סינע צו דער מעלוכע. ער איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט מאַרקסן, וועלכער איז געווען אַזוי ווייט מיטן כאַראַקטער פון באַקונינען, ווי הימל פון ערד. דאָרטן האָט ער זיך צום ערשטן מאָל געפּרואווט דערנענטערן צו די פּאָליאַקן און אין 1847 יאָר אָף א פאַרזאַמלונג לעזייכער פונם פוילישן אויפשטאַנד פונם 1831 יאָר, האָט ער געהאַלטן זיין ערשטע עפנטלאַכע רעדע קעגן דער רוסישער רעגירונג, פאַרוואָס מע האָט אים ארויסגעשיקט פון פראַנקרייך.

אין 1848 יאָר האָט זיך באַקונין אריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין קעסלגרוב פון די רעוואָלוציאָנערע געשייענישן, טרוימענדיק אויפצוהויבן און פאַראייניקן אין איין רעפּובליק אַלע סלאַוון צוליב דעם איז ער אוועקגעפאָרן קיין בעהמען, אין פּראַג, געבויט פּלענער, ווי אַזוי צו שאַפן א רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטאָרישע מאַכט מיט אים אליין אין דער שפּיץ.

לויט א געהיימער העצעריי פון דער רוסישער אַמבאַסאַדע

אין פאריזש, האָט מען צו יענער צייט אויסגעטראכט אַף באַ-קונינען א בילבול, אַז ער איז אַן אַגענט פון דער רוסישער רע-גירונג. פילע האָבן געגלייבט דערין, ווייל מעשונעדיק און רע-טענישדיק איז געווען די פיגור פונם דאָזיקן רוסישן פּאָריץ, וועלכער האָט זיך מיט אַן אויסערגעוויינטלאכן ברען געוואָרפן אין דער רעוואָלוציע, וועלכער האָט פאַרגעלייגט די עקסטרעמס-טע מיטלען און האָט געפּריידיקט די פאַראייניקונג פון אַלע סלאַוון, דאָס זעלבע, וואָס ניקאָלאַי דער I האָט געוואָלט, קעדיי צו אונטערטעניקן זיי אונטער זיין מעמשאָלע.

דערווייל איז די רעוואָלוציע אין אייראָפּע און באזונדערס אין דייטשלאַנד אונטערדריקט געוואָרן. באקונין האָט זיך פער-זענלאַך באטייליקט אין איינער פון אירע לעצטע אויפברויזן, אין דרעזדען, אין פרילינג פון 1841 יאָר. ער איז אריינגעפאלן אין די הענט פון דער רעאַקציאָנערער רעגירונג און זי האָט אים פארמויערט אין ספּיסע, טכילעס אין זאקסן, דערנאָך אין עסט-רייך, צוויי מאָל איז ער געווען פארמישפּעט צום טויט, לעסאָף איז ער „באַגנעדיקט" געוואָרן און אין 1851 יאָר איז ארויסגע-געבן געוואָרן דער רוסישער רעגירונג, זי האָט אים פארשלאָסן טכילעס אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, און דערנאָך אין שליסלבורג

אין די רוסישע טורמעס איז מיט באקונען פאָרגעקומען אַ געשייעניש, וועלכע ער האָט שפּעטער פאַרבאָרגן זיין גאַנצן לעבן און באַוואוסט איז עס געוואָרן ערשט אַ דאַנק דער רעוואָלוציע פון 1917 יאָר, ווען ס'זיינען געעפנט געוואָרן די געהיימע אַרכיוון פונם צאַרישן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. אין די דייטשע און עסט-רייכישע טורמעס האָט זיך באקונין געהאַלטן פעסט און מוטיק, אָבער אין די צאַרישע קאַזעמאַטן איז ער אראָפּגעפאָלן בײַ זיך. טיילווייז מאַכמעס דעם, וואָס ער האָט זיך אַנטוישט אין דער אייראָפּייאישער רעוואָלוציע און זיין אַנטיפּאַטיע צו די דייטשן, די סאָנים פון סלאַוונטום, טיילווייז מאַכמעס דער שרעק פאַר דער אייביקער אייזאַמקייט, וועלכע עס האָט אים דערוואַרט, און וועלכע ער וואָלט בעשום אופן נישט געקאָנט איבערטראָגן, האָט

באקונין אָנגעשריבן אַ גרויסן „ווידוי" צו ניקאָלאַי דעם I, וואו ער האָט כּאַראָטע געהאַט אַף זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, און נאָך ניקאָלאַי'ס טויט האָט ער דערלאַנגט צו ניקאָלאַי'ס טראָן-פאָלגער, צו אַלעקסאַנדער דעם II אַ האַכנאָעדיקע ביטע וועגן באַגנעדיקונג. און ערשט נאָך דעם האָט דער צאַר פאַרביטן אים זיין טפיסע אין פעסטונג אַף גאָלעס קיין סיביר. אין סיביר איז באַקונין ווידער לעבעדיק געוואָרן, און ווען די יאָרן פון רעאַקציע האָבן זיך געענדיקט, ווען אי אין אייראָפּע אי אין רוסלאַנד האָט אַ פריי ווינטל אַ בלאָז געטאָן, האָט זיך אין באַקונינען אויפגעוואכט דער אַלטער רעוואָלוציאָנער. ער איז אַנטלאָפן דורך יאַפּאָניע אין אמעריקע און איז געקומען צופאָרן אין 1861 יאָר קיין לאָנדאָן צו זיינע פריינט, הערצען און אגאריאוו, וועלכע האָבן דאַמאָלס אַרויסגעלאָזט דעם רעוואלוציאָנערן זשורנאַל „דער גלאָק".

געוואָרן ווידער אַמאָל אַן עמיגראַנט, האָט זיך באַקונין אַ נעם געטאָן מיט דער גאַנצער ענערגיע זיינער צו די רעוואָלוציאָנערע סלאַווישע איניאָנים. ער האָט געטרוימט צו שאַפן אַ פעדעראַטיווע סלאַווישע רעפּובּליק, דערביי האָט ער אפילו טכילעס געהאלטן פאַר מעגלאַך, אַז בעראָש פונם סלאַווישן איניען זאָל זיך שטעלן דער צאַר אלעקסאַנדער דער II. אין זיין בראָשור „די פאָלקס-זאַך, ראָמאַנאָוו, פוגאטשאָוו אָבער פעסטעל", האָט באַקונין אַרויסגעשטעלט אין דער פּראָגראַם די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד, „אַזוי אַז ס'זאָל ניט זיין קיין איין רוסישער מענטש, וועלכער זאָל קיין כּיילעק ניט האָבן אין דער רוסישער ערד", ווייטער האָט ער געפאָדערט אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג פון אויבן ביז אַראָפּ. „מיט אַ צאַר אָדער אָן אַ צאַר, אַלצאיינס, ווי דאָס פאָלק וועט וועלן. אָבער קיין באַאַמט זאָל אין רוסלאַנד ניט זיין". „אונזער באַציאונג צו ראָמאַנאָוון איז קלאָר. מיר זיינען אים ניט קיין סאָנים ניט קיין פריינט, מיר זיינען די פריינט פון דער — פאָלקס-רוסישער, סלאַווישער זאַך. ווען דער צאַר שטייט בעראָש פון דער דאָזיקער זאַך—זיינען מיר מיט אים, אָבער ווען ער וועט גיין קעגן איר,—וועלן מיר ווערן זיינע סאָנים".

און ווירקלאך, ווען ס'האט זיך אנגעהויבן דער פוילישער אופשטאנד אין 1863 יאר, האט באקונין געשטרעבט אים צו העלפן מיט וואס ער האט נאר געקאנט. אין ערשט נאך דעם ווי דער אופשטאנד איז אונטערדריקט געווארן און באקונין האט זיך אפ א צייט מעיאעש געווען פון דעם, אז ער וועט קאנען ארויס-רופן א סלאווישע רעוואלוציע, האט ער זיך אין מיטן פון די 60-קער יארן איינגאנצן אפגעגעבן דער אופוואכנדיקער איירא-פיישער ארבעטער-באוועגונג, באזונדערס אין די אוויגערופענע ראמאנישע לענדער, איטאליע, פראנקרייך, פראנצויזישע שווייץ, און שפעטער אויך אין שפאניע. אין דער דאזיקער עפאכע ווערן ויסגעקריסטאליזירט באקונינס אנארכיסטישע אנשויאונגען און עס הויבט זיך אן זיין באוואוסטער קאמף מיט מארקסן און I אינטערנאציאנאל.

אריינגעטראטן אין דער „אינטערנאציאנאלער ארבעטער-אסאציאציע", וועלכע איז אנגעפירט געווען פון מארקסן, נעמענ-דיק אן אנטייל אין אירע צוזאמענפארן און ארגאניזירנדיק אירע אפטיילונגען אדער סעקציעס, האט באקונין צו דער וואלביקער צייט געבילדעט איגווייניק אין אינטערנאציאנאל א געהיימע גע-זעלשאפט פון זיינע אנהייגער און האט גענומען ענערגיש צו קעמפן קעגן מארקס אידייען. זייענדיק אין עצעם מארקס א מאל-מיד אין די עקאנאמישע פראגן און אינם מאטעריאליסטישן פאר-שטיין די געשיכטע, האט זיך באקונין שארף מיט אים צעגאנגען אין דער פראגע וועגן מעלוכע און מעלוכישער מאכט, און אויך אין די מעטאדן פון קאמף מיט דער עקסיסטירנדיקער ארדנונג.

עמעס, מארקס האלט אויך אז די מאדערנע מעלוכע איז די ארגאניזאציע פון דער קלאס-הערשאפט, זי איז א געווער אין די הענט פון דער פריווילעגירטער מינדערהייט אף אונטער-צודריקן און אונטעריאכן די ארבעטנדיקע מאסן. מארקס האלט אויך, אז מיטן פארשווינדן פון די קלאסן, וועט אויך פארשוואונדן ווערן די מעלוכע. אבער פאר א מארקסיסט זיינען גאר ניט אלצ-איינס די פארמען פון דער מעלוכישער ארדנונג: זיי האלטן, אז א קאנסטיטוציאנעלע מעלוכע בכלל און באזונדערס א רעפובליק

איז די פאָרם, וועלכע גיט דעם פּראָלעטאַריאַט מער פרייהייט און אָרגאַניזיר-מעגלאַכקייטן פאַרן קאַמף פאַר זיין אנטגילטיקער באַפרייאונג. ענדלאַך, דער ערשטער באַשטימנדיקער עטאַפּ אַפן וועג צו דער דאָזיקער באַפרייאונג — אַזוי האָבן די מאַרקסיסטן געהאַלטן און האַלטן איצט אויך — איז די דעראָבערונג פון דער מאַכט דורך דעם אַרבעטער-קלאַס, „די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט".

באַקונין האַלט אָבער, פאַרקערט, אַז יעדע מעלוכע איז אַן אַבסאָליוט בייז. און אויב ער איז אַפילע אַ רעפּובליקאַנער, האָט פאַר אים דאָס וואָרט „רעפּובליק" קיין שום אַנדער ווערט, אויסער אַ ריין נעגאַטיווע ווערט; דאָס הייסט פאַרניכטונג, צעשטערונג פון דער מאָנאַרכיע". אַ דעמאָקראַטישע מעלוכע קאָן זיין נאָך ערגער פון אַ מאָנאַרכיע: „טאַקע דערפאַר, וואָס זי וועט האָבן ברייטע דעמאָקראַטישע פאָרמען, וועט זי שטאַרקער און זיכערער גאַראַנטירן דער רויבערישער און רייכער מינדערהייט אַ רואיקע און ברייטע עקספּלואַטאַציע פון אַרבעט" — „ס'איז ניט פאַראַן קיין גרויסער כילעק צווישן דער ווילדער אַלרוסישער אימפּעריע און דער סאַמע ציוויליזירטער מעלוכע אין אייראָפּע".

דעריבער איז באַקונין געווען אַן אַנטשיידענער קעגנער דערפון, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך באַטייליקן אין די פּאַרלאַמענט-וואַלן אין וועלכע ניט איז אַנדערע פאָרשטייערשאַפט-אַנשטאַלטן. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. אָפּלייקענדיק יעדע מאַכט, האָט ער פּונקט אַזוי אַנטשיידן אָפּגעלייקנט די ריינע אַרבעטער-מאַכט, די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. ווייל, ער האַלט, אַז ווען די אַרבעטער וועלן ווערן הערשער און פאָלקספאָרשטייער, „וועלן זיי אויפהערן צו זיין אַרבעטער און וועלן נעמען קוקן אויף די איינפאַכע אַרבעטער פון אַ מעלוכישער הויך". באַקונין האָט רעקאָמענדירט ניט צו דעראָבערן די מעלוכישע מאַכט, נאָר פאַרניכטן זי און אויסוואָרצלען יעדע מעלוכע „יעדע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע" וועלכע פירט אַלעמאָל צום אָפּלייקענען די פרייהייט".

די פולשטענדיקע און באלדיקע פארניכטונג פון דער מע־לוכע־אָרדנונג און אַ פרייער פארבאנד פון פרייע געמיינדעס— דאָס איז באַקונינס געזעלשאַפטלעכער אידעאַל, וואָס איז געוואָרן דער אידעאַל פון אלע אנארכיסטן.

מיר האָבן שוין געזען, אז די נעגאַטיווע באַציאונג צו יעדער מעלוכישער מאַכט מיצאַד באַקונינס פאַרגייער און טיילווייז לערער— מיצאַד פרודאָן—האָט זיך גענומען פון יענער בייז־קייט, מיט וועלכער דער פויער באַציט זיך צו דער מעלוכע. אָבער בעאייס פרודאָן האָט נאָר פאַרגעלייגט צו באָיקאָטירן די מעלוכע־מאַכט, האָט באַקונין אין זיין אנארכיסטישן פּעריאָד ליידנשאַפטלאַך בעפריידיקט די פולשטענדיקע פארניכטונג פון דער מעלוכע. אין דער הינזיכט האָט ער זיך געשטיצט ניט בלויז אָף דער סינע פונם פויער צו דער שטאַט, וועלכע עקספּלו־אַטירט אים, נאָר אויך אָף די נידעריקע, ניט אָרגאניזירטע, באַ־זונדערס דעקלאַסירטע, באָסיאַקישע שיכטן פונם פראָלעטאַריאַט, וועלכע זיינען די פאריען פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע און זיי קאָנען פילן צו איר נאָר צאָרן און באגערן איר אונטערגאַנג. באַקונין, האָט, ווירקלאַך, געהאַלטן, אַז די מער קוואַליפיקאַצירטע אַרבעטער האָבן זיך שוין אָנגעשטעקט מיטן בורזשואזן גייסט און אז נאָר אינם „פּויפּעריזירטן פראלעטאריאַט”, „אין אים און נאר אין אים, אָבער בעשום אופן ניט אינם אויבן־אָנגעוויזענעם בור־זשואזן שיכט פון דער אַרבעטער־מאסע, ליגט דער גאַנצער פאַרשטאנד און די גאַנצע קראַפט פון דער קומענדיקער סאָצי־אַלער רעוואָלוציע”. ביכלאַל פלעגט באַקונין גערן קעגנשטעלן „דעם בורזשואזן דאָקטרינערישן סאָציאַליזם”, „דעם פּרימיטיוון ווילדן סאָציאַליזם פון דאָרף”.

אויב מארקס האָט אלע זיינע האָפענונגען געלייגט אָף די פאַרטגעשריטענע, מער אָרגאַניזירטע שיכטן פונם פראָלעטאַריאַט, וועלכע ער האָט גערופן צו דעראָבערן די מעלוכישע מאכט, האָט זיך באַקונין געוואָלט אָנשפּאַרן אָף דער סטיכיאישער פויערישער מאַסע און אָפן אָפּגעשטאַנענעם טייל פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן געזאָלט, לויט זיין מיינונג, גלייך פאַרניכטן אלע יעסוידעס

פון דער בורזשואזער געזעלשאפט. דעריבער האט אים זייער ווייניק אינטערעסירט סאי די צוקונפטיקע ארגאניזאציע פון דער פראדוקציע, סאי די לאנגזאמע, טאג־טעגלאכע ארבעט איבער דער דערציאונג און ארגאניזאציע פונם ארבעטער־קלאס, ער זאל זיין גרייט צו דער קומענדיקער דיקטאטור.

עס איז קיין כידעש ניט, וואס, בא אזעלכע קעגנזעצלאכע אנשויאונגען און כאראקטערן, האט זיך צווישן באקונינען און מארקסן צעפלאקערט א שרעקלאכער קאמף, אין וועלכן ביידע צדאדים זיינען צוגעגאנגען צו דער גרעסטער פארביסנקייט, און באקונין איז אפילע געפאלן ביז דער מאדרייגע פון א ברוטאלן, וואולגארן אנטיסעמיטיזם: אלץ, וואס אים איז ניט געפעלן געווען אין מארקסן, האט ער געלייגט אפן כעשבן פון מארקס אידישן אפשטאם.

אינם דאזיקן קאמף אינעווייניק אין אינטערנאציאנאל, אינם קאמף, וועלכער האט אין א באדייטנדער מאס מיטגעהאלפן דעם צעפאל פונם אינטערנאציאנאל, זיינען אף באקונינס צאד געווען די סאציאליסטן פון אלע אפגעשטאנענע לענדער באזונדערס פון איטאליע און פון שפאניע.

באקונין און זיינע אנהייגנער אין אינטערנאציאנאל האבן אגעוו באשולדיקט מארקסן אין א דיקטאטארישער הערשאפט פון לאנדאן איבער דער גאנצער „אינטערנאציאנאלער אסאציאציע“ און האבן געפאדערט די גרעסטע אווטאנאמיע, ד. ה. די פרייהייט פון טאט פאר די באזונדערע גרופעס. אין דער זעלביקער צייט האט באקונין איינגעפירט דעם שטרייגסטן צענטראליזם אין דער געהיימער געזעלשאפט, וואס ער האט ארגאניזירט אינעווייניק אין דעם אינטערנאציאנאל. די דאזיקע צעשפאלטונג־טעטיקייט זיינע ווי אויך די באציאונגען מיטן רוסישן רעוואלוציאנער נעטשאיעוו, וועלכער האט אין באקונינס נאמען געטאן א ריי מיעסע מאיסים, זיינען געווען אן אויסרייד אף אויסצושליסן באקונינען פונם אינטערנאציאנאל אין 1872 יאר. אבער די דאזיקע אויסשליסונג האט ארויסגערופן אן אלגעמיינע צעשפאלטונג, דערביי האט באקונינס אינטערנאציאנאל איבערגעלעבט מארקס אף עטלאכע יאר.

נאָך פריער, בעשאַס דער פראַנצויזיש-פרייסישער מילכאָמע, אין האַרבסט פון 1870 יאָר, האָט באַקונין זיך באַטייליקט אינעם אופשטאַנד אין דער פראַנצויזישער שטאָט ליאָן. דער אופשטאַנד האָט, אַגעוו, קיין דערפאָלג נית געהאַט, ער האָט אינגאַנצן געדויערט עטלאַכע שאָ, און באַקונין איז ווידער אַמאָל אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ, דער ניצאָכן פון דייטשלאַנד, וועלכע ער האָט שרעקלאַך פיינט געהאַט, האָט געמאַכט אַף אים אַ דריקנדיקן רושעם. ער האָט פאָרויסגעזאָגט אַ לאַנגן פעריאָד פון דער אייראָפּייאישער רעאַקציע, אַף גאַנצע 50 יאָר.

ער אַליין האָט זיך די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אָפּגעגעבן אויפמערקזאַמקייט צו די רוסישע איניאָנים. ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך „די מעלוכעשאַפט און די אַנאַרכיע״, וואָס איז געוואָרן אַף עטלאַכע יאָר אַ טוירע פאַר די רוסישע נאַראָדניקעס-בונטאַרן. האָט גערופן די רוסישע יוגנט צו וואַרפן די וויסנשאַפט און „גיין אין פאָלק״, קעדיי אופצומונטערן אים צו אַן אופשטאַנד. אין דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע זיינער האָט ער זיך צונויפגעשטויסן מיטן צווייטן באַוואוסטן רוסישן סאָציאַליסט מיט לאַווראָוון, וועלכער האָט, פאַרקערט, געהאַלטן אַז פאַר די קומענדיקע סאָציאַליסטן איז נויטיק אַ לאַנגדויערנדיקע וויסנשאַפטלאַכע און מאָראַלישע צוגרייטונג. אינעם קאַמף פון די „לאַוורִיסטן״ מיט די „באַקוניסטן״ זיינען די סימפּאַטיעס פונעם רעוו פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט אין רוסלאַנד געווען אַף באַקונינס צאַד.

אַ מידער און אַן אַנטוישטער האָט באַקונין אין 1874 יאָר געמאַכט נאָך איין פּרוּוו לעפאַכעס צו שטאַרבן שיין. ער האָט זיך באַטייליקט אינעם אופשטאַנד, וואָס די אַנהייגער זיינע, די איטאַליענער האָבן אָרגאַניזירט נעבן דער איטאַליענישער שטאָט באַלאָניע, אָבער דער דאָזיקער פּרוּוו האָט זיך זייער ביטער געענדיקט, און באַקונינען האָבן זיינע פריינט געמוזט קאָנספּיראַטיוו איבערפירן די גרעניץ. נאָך דעם האָט ער זיך באַזעצט אַף שטענדיק אין אַ קליינער דאַטשע אין דער איטאַליענישער שווייץ און איז אינגאַנצן אוועק אין זיין פּערזענלאַכן לעבן. ער האָט געליטן זייער גרויס דאַכקעס און איז זייער קראַנק געווען. אַן

עלנטער, ארומגעריגגלט נאָר פון אייניקע באַגייסטערטע אָנהײנגער זייגע פון די איטאַליענישע אַרבעטער-עמיגראַנטן, צוזעענדיק ווי עס פארשווינדט די רעוואָלוציאָנערע שטימונג אין אייראָפּע, איז לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען דער אומגעצוימטער מוירעד. זומער, דעם 1876 יאָר, איז ער געשטאָרבן אין בערן, וואוהין ער איז געפאָרן היילן זיך.

דער פעריאָד פון דער 50-יאָריקער רעאַקציע, וואָס ער האָט פּראָוויסגעזאָגט, האָט זיך געצויגן סאַכהאַקל 35 יאָר, ביז דער רוסישער רעוואַלוציע אין 1905 יאָר. אויב דאָס איז ניט געווען דער פעריאָד פון דער ווירקלאַכער רעאַקציע, איז דאָס אַלנפאַלס געווען א פעריאָד פון לאַנגזאַמער, פרידלאַכער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, א פעריאָד פון אירע פּאַרלאַמענטאַרישע ערפאלגן, ד. ה. פון באַקונינס שטאַנדפונקט, נאָך, עפשער, ערגער פון דער עמעסער רעאַקציע, וויל, נאָך זיין מיינונג נאָך, ווערט דער ארבעטער קלאַס דעמאָראַליזירט פונם פאַרלאַמענטאַרישן קאַמף. אָבער פונם 1905 יאָר הויבט זיך אָן א נייע רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע אין אַלוועלטלאַכן מאַסשטאַב, אַן עפּאָכע, וועלכע האָט טכילעס פאַרכאַפּט רוסלאַנד און אַזיע (די רעוואָלוציעס אין פערסיע, טערקיי און כינע), אַרויסגערופן די וועלט-מילכאָמע און יענע טקופע פון דער וועלט-רעוואָלוציע, וואָס רוסלאַנד האָט זי ווידער אָנגעהויבן. אָף דער אָרענע פון דער געשיכטע האָבן זיך צום ערשטן מאָל אופגעהויבן די סאַמע טיפע, סאַמע אונטערשטע שיכטן פון די פאָלקס-מאַסן, וועלכע זיינען נאָך דערצו אופגערייצט פון דער שרעקלאַכער שכיטע, פונם דאָזיקן באַרבאַרישן פאַרברעך פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אין אַזא גרויסן, טראַגישן מאָמענט האָבן באַקונינס רעוואָלוציאָנערע אידייען געמוזט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין דער אופגערודערטער רעוואָלוציאָנערער סטיכיע.

באַקונין און מארקס—דאָס זיינען צוויי יעסוידעס אין דער אַרבעטער-באַוועגונג גופע, ווי אויך פּרודאָנס קליינבירגערלאַכער סאָציאַליזם. און ערשט דאָן, ווען, אנגעלערנט פון דער ביטערער דערפארונג, וועט דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט זיך פאַראייניקן

אין אַ ווירקלאך איינהײטלאַכן און ווירקלאך רעוואָלוציאָנערן פּראָגראַם, ווען די געלערנטע און ארגאניזירטע אויבערשטע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט וועלן זיך אָפּזאָגן פון „אויסגלייכעריי״, און די רעוואָלוציאָנער-געשטימטע מאַסן וועלן באַקומען די נויטיקע אָרגאַניזיר-פּראַקטיק, אויסגעהאַלטנקייט און שטאַנדהאַפטיקייט — ערשט דאַן וועלן אויסגעלעבט ווערן די הייפּוכים, וועלכע צעטיילן דעם אַרבעטער-קלאַס, און עס וועט אים געוויכערט ווערן דער ניצחון איבער דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

## XVII פּ. ל. לאווראוו

1823—1900

אַ גוואַלדיקע ראָליע אין דער געשיכטע פונם רוסישן סאָציאַליזם פון די 70-קער און 80-קער יאָרן האָט געשפּילט באַקוינינס אידייאישער קעגנער פּעטער לאַוראָוויטש לאַוראָוו, וועלכער האָט זיך זייער שאַרף אונטערגעשיידט פון באַקונינען. אויב דער באַוואוסטער מוירעד און אַנאַרכיסט איז געווען אַ מענטש פון געפיל און טעמפּעראַמענט, א מענטש פון טאַט און אַקטיוון קאַמף, איז לאַוראָוו דעריקער געווען אַ מענטש פון קאַבינעט-געדאַנק.

ביז 44 יאָר איז ער געווען, עמעס, אַ פּראָגרעסיווער מענטש און האָט מיטגעשפּילט דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט; ער איז אָבער געווען א גאַנץ פרידלאַכער פּראָפעסאָר אין מיכאַילאָווער אַרטילערישער שול, אַ געלערנטער און אַ פילאָסאָף; ער איז געווען זייער ווייט פון רעוואָלוציע און פון סאָציאַליזם. בעשאַס די ווילדע רעדיפעס אף דער אינטעליגענץ, וועלכע זיינען געקומען אף איר נאָך דעם, ווי קאַראַקאַזאוו האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אף אַלעקסאַנד דעם II אין 1866 יאָר, איז לאַוראָוו פאַרשיקט געוואָרן אין וואָלאָגדער גובערניע. אונטערן פּסעוודאָנים מירטאָוו האָט ער דאָרט אָנגעשריבן זיינע באַוואוסטע „היסטאָרישע בריוו״, וואָס וועגן זייער איינפלוס אף דער יוגנט וועלן

מיר נאָך שפּעטער ריידן, אָבער איין זאַך ווילן מיר דאָ זאָגן, אַז לאַווראָוו אַליין האָט אַף זיי געקוקט ניט ווי אַף אַ רעוואָלוציאָנערע ווערק. ער האָט זיך געריסן צו וויסנשאַפטלאַכער טעטיקייט און, באַקומענדיק אַן אָפּזאָג אַף זיינע הישטאַדלעסן אומקערן אים קיין פּעטערבורג, אדער אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין אויסלאַנד, האָט ער באַשלאָסן צו אַנטלויפן, עמיגרירן, און דאָס איז אים געלונגען צו טאָן אין 1870 יאָר, מיט דער הילף פונם שפּעטער באַוואוסט געוואָרענעם רעוואָלוציאָנער ל אָפּ אַ ט י ן.

אָנגעקומען קיין פּאַריז, איז ער אריינגעפאַלן אין סאמע קעסל-גרוב פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן און איז געווען אַן איידעס און אַפילע אַן אַנטיילנעמער פון דער פּ אַ ר י ז ע ר ק אָ מ ו נ ע: אונטערן איינפלוס פונם ארבעטער-סאָציאַליסט וו אַ ר ל ע ן, וועלכן די ווערסאַלער טאַליאָנים פון דער קאָמונע האבן שפּעטער דערשאָסן, איז לאַווראָוו אַריינגעטראָטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע פון די אַרבעטער און איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, קעדיי צו קריגן באַם ראָט פונם אינטערנאַציאָנאַל הילף פאַר די קאָמונאַרן. דאָ האָט זיך לאַווראָוו באַקאַנט מיט מאַרקסן און ענגעלסן, וועלכע האָבן געמאַכט אַף אים אַזאַ טיפן, אזא מעכטיקן רושעם, אַז ערשט פון איצט אָן איז ער געוואָרן אַן עמעסער סאָציאַליסט און דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט ער זיך געהאַלטן פאַר זייערן אַ טאַלמיד.

אין מעשעך פון די 70-קער יאָרן האָט לאַווראָוו רעדאַגירט דעם רעוואָלוציאָנער-פּראָפּאַגאַנדיסטישן זשורנאַל „וופּעריאָד" (פאָרויס) לעהייפּאַך צו באַקונינען, האָט ער גערופן די יוגנט ניט צו באַלדיקע מערידעס און אופשטאַנדן, נאָר צו וויסנשאַפט, צו א פולער וויסנשאַפטלאַכער און מאַראַלישער אַרבעט איבער זיך און צו דויערנדיקער און גרינדלאַכער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם צווישן די אַרומיקע. האַגאַם ער האָט ניט מאַסקים געווען צו דער לערע פון דאַמאָלדיקע רעוואָלוציאָנערן-טעראָריסטן, 1)

1) וועגן זיי שפּעטער אינם קאַפּיטל וועגן פּלעכאַנאָוון.

האָט ער דאָך אין אָנפאַנג פון די 80-קער יאָרן רעדאַקטירט עט־לאַכע יאָר נאָכאַנאַנד זייער זשורנאַל „וועסטניק נאַראָדנאַי וואָליי".

איינצייטיק מיט דער ליטעראַריש-רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, האָט לאווראוו אַלע יאָרן פון דער עמיגראַציע, ביזן סאַמע טויט, זיך פאַרנומען מיט וויסנשאַפט און אָנגעשריבן אַ ריי ביכער וועגן דער געשיכטע פונם געזעלשאַפטלאַכן געדאַנק, די געשיכטע פון קולטור און מאָראַל, וועלכע אים איז אָפט געלונגען צו דרוקן אין די רוסישע זשורנאַלן און אַרויסגעבן זיי לעגאַל אונטער פאַרשיידענע אויסגעטראַכטע נעמען (אַרנאָלדי, דאָלענגי א. א.) ער האָט אויך אָנגעשריבן אַן אויסגעצייכנט בוך וועגן דער קאָמונע. אָבער דער קרייז פון זיינע לייענער איז געווען באַגרעניצט מאַכמעס דער אַבסטראַקטקייט און טרוקנקייט פון זיין שרייבן.

מיט זיין ווייכן כאַראַקטער און טיפער אופריכטיקייט פלעגט לאווראָוו צוציען צו זיך די יונגע פאָרשטייער פון דער רוסישער עמיגראַציע, און אויך די ליבעראַלע שרייבער און פראָפעסאָרן און איז געשטאָרבן, זייענדיק אַרומגערינגלט מיט אַלגעמיינער ליבע און דרעך-ערעץ.

דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ האָט לאווראָוו געהאַט אין אָנהויב פון די 70-ער יאָרן און די גרעסטע פּאָפּוליאַרקייט צווישן דער יוגנט ניט בלויז אין די 70-קער יאָרן, נאָר אַפּילע אין די 80-קער און אָנהויב פון די 90-טער יאָרן, האָבן געהאַט זיינע „היסטאָרישע בריוו", אַ בוך, וואָס ער אַליין, ווען ער האָט עס געשריבן, האָט פון אים זייער געהאַלטן. אינם דאָזיקן בוך האָט לאווראוו באַטראַכט וואָס איז אַזוינס פּראָגרעס און ציוויליזאַציע, ער האָט דערוויזן, אַז יעדער טריט פונם דאָזיקן פּראָגרעס ווערט געקויפט פאַרן פרייז פון מוירעדיקע יעסורים פון פילמיליאָניקע פאָלקס-מאַסן; אין דער זעלבער צייט האָט ער באַהויפּט, אַז די באַוועג-קויכעס פון דער געשיכטע זיינען נאָר „די קריטיש-דיינקנדיקע פערזענלאַכקייטן". דאָס הייסט די אינטעליגענץ, אַז אָן זיי קאָן קיין שום פּראָגרעס ניט געמאָלט זיין. אָבער, פון דער צווייטער זייט,

באקומענדיק זייער אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג און באנוצנדיק זיך מיט אלע גוטסקייטן פון דער ציוויליזאציע נאָר א דאנק דער ארבעט און יעסורים פון די פאָלקס-מאסן, זיינען די דאָזיקע קריטיש-דיינקנדיקע פערזענלאכקייטן מאָראליש מעכויעוו „צאלן דעם כויוו דעם פאלק“, ד. ה. מיטהעלפן אים, ער זאָל זיך אויך גייסטיק און מאָראליש אנטוויקלען און אויך העכערן זיין וואויל-שטאַנד.

„ווי קליין ס'זאָל ניט זיין דער פראגרעס פון דער מענטש-הייט — האָט געשריבן מ י ר ט אָ וו - ל א וו ר אָ וו - - אָבער דאָס, וואס אין אים איז דאָ, ליגט אויך אויסשליסלאַך אף די קריטיש-דיינקנדיקע פערזענלאכקייטן; אָן זיי איז ער לאכלוטן אומ-מעגלאך; אָן זייער שטרעבונג צו פאָרשפּרייטן אים איז ער זייער ניט פעסט. העיויס ווי די דאָזיקע פערזענלאָכקייטן מיינען, אז זיי האָבן רעכט צו האַלטן זיך פאר אנטוויקלטע מענטשן, און העיויס ווי פאר זייער אנטוויקלונג האָבן די פאָרגייענדיקע דורעס זייער טייער באצאָלט. דעריבער ליגט אף זיי דער כויוו צו באצאָלן פאַרן פראָגרעס. דאָס דאָזיקע געצאָלט איז. פאָרשפּרייטן, נאָך די קויכעס נאָך, די באקוועלאכקייט פון לעבן, די גייסטיקע און מאראַלישע אנטוויקלונג, אף דער מער-הייט, אריינטראָגן דעם וויסנשאַפטלאכן פאַרשטיין און דעם יוישער אין די געזעלשאַפטלאכע פאָרמען“. ווייל, — זאָגט לאוו-ראָוו אין זיין בוך,—דער פראגרעס גופע איז ניט אנדערש-וואָס, ווי „די אנטוויקלונג פון דער פערזענלאָכקייט אין פיזישער, גייסטיקער און מאָראלישער הינזיכט און דאָס פאַרקערפּערן אין די געזעלשאַפטלאכע פאָרמען די אידעאַלן פון עמעס און יוישער“.

די דאָזיקע אַנשויאונגען פון לאווראוון אף דער געשיכטע, די אַנשויאונגען, וועלכע עס האָט טיילווייז אָנגענומען דער באַ-וואוסטער און טאַלאַנטפולער קריטיקער, פילאָסאָף און פובליציסט נ. ק. מיכאַילאָווסקי, האָבן שפעטער באַקומען דעם נאָמען „סו-ביעקטיווער מעטאָד אין דער סאָציאָלאָגיע“ און זיי זיינען ביטער אויסגעלאַכט געוואָרן פון די רוסישע מאַרקסיסטן מיט פלעכאַ-נאָוון בעראָש. אין דערעמעסן, לויט לאווראוון איז אויסגעקומען,

אַז די פֿאָלקס-מאַסן, דער האַמוין — דאָס איז ליים, פֿון וועלכער
די אינטעליגענץ, „די קריטיש-דיינקנדיקע פּערזענלאַכקייטן“, די
„העלדן“ קאָנען קנעטן יענע היסטאָרישע פֿאָרמען, וועלכע אַנט-
שפּרעכן זייערע פּערזענלאַכע, סוביעקטיווע אידעאַלן. פֿאַרקערט,
פֿונם שטאַנדפּונקט פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם פֿון מאַרקסן און
ענגעלסן קומט אויס, אַז אַ שטאַרקע פּערזענלאַכקייט נעמט זיך
צו פֿאַרווירקלאַכן נאָר אַזעלכע אויפֿגאַבן, וועלכע נעמען זיך
פֿונם היסטאָרישן פּראָצעס גופֿא, זיי אַנט-
שפּרעכן דער אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוציר-קרעפֿטן און די עקאָ-
נאָמישע באַציאונגען און דעריבער ענטפֿערן זיי אַף די אינטערעסן
און די אומקלאָרע שטרעבונגען פֿון די פֿאָלקס-מאַסן, פֿון די דאָ-
זיקע ווירקלאַכע באַוועגער פֿון דער געשיכטע; און נאָר בײַ אַזעל-
כע באַדינגונגען קאָן די טעטיקייט פֿון דער פּערזענלאַכקייט זיין
פּרודוקטיוו. קאָן לאָזן נאָך זיך אַ פּאָזיציע שפּור אַף דער גע-
שיכטע. אָבער אין דעם פֿאַל איז די פּערזענלאַכקייט ניט קיין
שעפֿער, נאָר אַ געווער פֿונם היסטאָרישן פּראָגרעס. אַ נע-
גאַטיוון שפּור אין דער געשיכטע לאָזן יענע, וועלכע קעמפֿן פֿאַר-
ביסן קעגן די נייע, זיך אַנטוויקלענדיקע קוואַכעס. ענדלאַך, יענע,
וועלכע פּרוּוון זיך צו ענדערן די געזעצן פֿון דער געשיכטע
און נעמען אַף זיך אויפֿגאַבן, ניט נאָך די קוואַכעס באַך, אויפֿגאַבן,
וועלכע האָבן ניט קיין אַכיזע אין די געגעבענע עקאָנאָמישע באַ-
דינגונגען, — יענע זיינען די דאָן-קיכאָטן פֿון דער גע-
שיכטע, די קאָמישע ריטערן, וועלכע קעמפֿן מיט ווינט-מילן.

אַזוי אַרום זיינען די „היסטאָרישע בריוו“ אַ טיפּישער
מוסטער פֿונם היסטאָרישן אידעאַליזם, וועלכער איז
אָפּגעלייקנט געוואָרן דורך מאַרקסן און דורכן לעבן. אָבער בע-
שאַיטאַם האָבן זיי געשפּילט אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע ראָליע
דערמיט, וואָס זיי האָבן אַ שטויס געטאָן דעם מער פֿילעוודיקן
טייל פֿון דער סטודענטשאַפֿט און ביכלאַל פֿון דער אינטעליגענ-
טישער יוגנט צו יענעם אייגנאַרטיקן „גיין אין פֿאָלק“, דעם
פּרוּוו פֿון אַ מאַסן-פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע זיינען אַזוי כאַראַקטע-
ריסטיש פֿאַרן אָנפֿאַנג פֿון די 70-קער יאָרן, אויב באַקוקנס בוך

„מעלוכעשאפט און אנארכיע", וואס איז דערשינען אין 1873 יאר, האט מיטגעהאלפן דער אויסארבעטונג פון די נאראדניקעס-מויער-דים, האבן לאווראווס „היסטארישע בריוו" געהאלפן צו שאפן דעם טיפ פונם „באל-טשוואוועדיקן אדלמאן", וועלכער איז „גע-גאנגען אין פאלק" — צו לערנען אים, אפצוגעבן אים כאטש א טייל דערפון, וואס עס האבן בא אים אויסגעצאפט זייערע עלטערן די לייבאייגנטימער.

אין זיינע וויסנשאפטלאכע און געזעלשאפטלאכע אנשוי-אונגען איז לאווראוו אלעמאל געווען און געבליבן אן ע ק ל ע ק-ט י ק ע ר. דאס הייסט, אז ער האט ניט געהאט קיין קלארע אויס-געהאלטענע וועלט-אנשויאונג, וועלכע איז דורגעדרונגען מיט א י י ן אידייע, מיט א י י ן פרינציפ. ער האט פון פארשיידענע טעאריעס גענומען דאס, וואס אים געפעלט, וואס ער האט גע-האלטן פאר ריכטיק, און האט געמאכט דערפון א געמיש. הא-גאם נאך דעם, ווי ער האט זיך באקאנט מיט מארקסן און מיט זיין טעאריע, האט ער זיך געהאלטן פאר זיינעם א תלמיד און פאר אן אנהייגער פונם וויסנשאפטלאכן סאציאליזם, און דאך האט ער קיינמאל ניט טויפעס געווען דעם מ ע ה ו ס פונם מארק-סיזם: ניט דעם היסטארישן מאטעריאליזם, ניט, באזונדערס, די ד י א ל ע ק ט י ק ד. ה. די קענטשאפט צו באטראכטן די דערשיי-נונגען אין ז יי ע ר א נ ט וו י ק ל ו נ ג, באמערקן זיי נאך אין זייער ווערן און מאכן ריכטיקע אויספירן פונם קאמף צווישן די סטירעס. לאווראוו איז פארבליבן א נאאיווער אידעאליסט, וואס גלויבט אינם קויאך פונם סייכל און פון דער אנטוויקלטער פער-זענלאכקייט. אין די 70-קער יארן האט ער אין זיין זשורנאל „וופעריאד" געפרואווט דערווייזן, אז אין דער דאמאלסדיקער רוסלאנד קאן יעדער באוואוסטזיניקער סאציאליסט מאכן פאר א יאר עטלאכע סאציאליסטן דורך זיין פראפאגאנדע; יעדערער פון די נייע סאציאליסטן קאן פון זיין זייט מאכן נייע סאציאליסטן, אזוי אין עטלאכע יאר ארום וועט רוסלאנד פול ווערן מיט סאציא-ליסטן. בא אזא נאאיוון און א פאראייגפאכט-מעכאנישן שטאנד-פונקט אף דער אנטוויקלונג פון אידייען, האט לאווראוו קיינמאל

ניט פארשטאַנען די טעאָריעס פון די רוסישע מאַרקסיסטן און זייערע האָפענונגען אָפן אַרבעטער-קלאַס. ער איז שאַרף אַרויס-געטראָטן קעגן פלעכאַנאָוו'ן אין די 80-קער יאָרן, ווען ס'איז נאָר וואָס דערשינען דער רוסישער מאַרקסיזם. און אָט וואָס ער האָט געשריבן אין אַ בריוו „צו די יונגע נאַראָדאָוואָלצעס", די פאָר-גייער פון די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן — שוין אין דער מיט פון די 90-קער יאָרן—וועגן די רוסישע ס. ד.:

„וואָס האָבן געוואָלט און ווילן „ד י ר ו ס י ש ע ט א ל-מ י ד י ם" (פון מאַרקסן ב. ג.) די סאָציאַל-דעמאָקראַטן? אַן סאַ-פעק, זיי האָבן געוואָלט אַריבערטראָגן אָפן באָדן פון אונזער פאָ-טערלאַנד די זעלביקע פּאָליטיק, וועלכע האָט געבראַכט אַזעלכע גלענצנדע דערפאָלגן אין אַנדערע לענדער דורך זייער אידייען-ברידער. אָרגאַניזירן אַן אַרבעטער-פּאַרטיי בא די עקסיסטיר-נדיקע יורידישע באדינגונגען, די דאָזיקע אָרגאַני-זירטע פּאַרטיי זאָל זיך דורכדרינגען מיטן באוואוסטזיין פון קלאַסן-היפּוכים און פון קאַמף, זי זאָל אַרויסשטעלן אַ באַזונדער פּאָל-טישע פּראָגראַם, מיטן צוועק צו דערגרייכן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און מיט דער הילף פון דער דאָזיקער דיקטאַטור זאָלן די פּראָדוציר-מיטלען אַריבערגיין אין די הענט פון די אַר-בעטער — דאָס איז די פולקום נאַטירלאַכע און ריכטיקע פּראָ-גראַם פון די אויסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן"

אין רוסלאַנד אָבער איז דאָס, לויט לאַווראָווס מיינונג, בא די דאַמאָלסדיקע פּאָליטישע באדינגונגען לאַכלוטן געווען אומ-מעגלאַך. „יענע פון די רוסישע ס. ד. וועלכע באַהויפּטן דרייסט, אַז אָרגאַניזירן אַזאַ אַרבעטער-פּאַרטיי... איז מעגלאַך אין היינטי-קער רוסלאַנד, מוז מען ענטפערן: פּרואווט זיך, און אויב דאָס וועט אייך געלונגען, וועט איר אָפטאָן אַ גרויסע זאַך. פאַר מיר אָבער איז דאָס אַן או מ מ ע ג ל אַ כ ע זאַך[1], אַ קינדערשע פּאַרבלענדעניש, וועלכע באַווייזט, אַז זיי ווייסן לאַכלוטן ניט די רוסישע יורידישע באַדינגונגען.

---

[1]) דער קורסיוו געהערט אומעטום לאַווראָוון.

דערביי האלט לאווראָוו אליין, אַז קעדיי די רעוואָלוציע זאָל זיגן אין רוסלאנד, איז נויטיק ניט בלויז צו פּראפּאגאַנדירן צווישן די אַרבעטער נאָר אויך אָרגאַניזירן זיי, „אָרגאַניזירן אַ פּאָליטישע פאַרשווערונג, וועלכע מוז קימאט אומפאַרמיידלאַך זיך שטיצן אַף דער אינטעליגענץ".

דער רוסישער פּראָלעטאַריאט האָט אַף די דאָזיקע קורצזיכטיקע כקירעס געענטפערט מיט די רעוואָלוציעס פונם 1905 און 1917 יאָרן.

אַגעוו, די גערעכטיקייט פאָדערט צו זאָגן, אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס אַלס סאָציאַליסט איז לאווראָוו געווען טעאָרעטיש שוואַך האָט ער דאָך פיל פאַרדינסטן דערמיט, וואָס ער האָט טיף פאַרשטאַנען דעם כאַראַקטער און דעם מעהוס פון דער קומענדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אָן שום סאָפעק, דאָס דאָזיקע פארשטיין איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער פּראַקטיק פון דער קאָמונע, וועלכע ער האָט וואונדערבאַר ריכטיק אַנאַליזירט און קריטיקירט — און אויך אַ רעזולטאַט פון זיין פּערזענלאַכער באַקאַנטשאַפט מיט מאַרקסן. אינם דאָזיקן פאַרשטיין זען מיר דעם גוואַלדיקן כילעק צווישן דעם ווירקלאַכן רעוואָלוציאָנער לאווראָוו און די הייַנטיקע עסערן, וועלכע האַלטן זיך פאַר זיינע טאַלמידים.

לאווראָווס אַנשויאונגען אַף דער רעוואָלוציע און אַף די אויפגאַבן פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין פילע ווערק זיינע, אָבער באַזונדערס אינם דערמאַנטן בוך וועגן דער פּאַריזשער קאָמונע און אין זיין אויסגעצייכנטן אַרטיקל „די סאָציאַלע רעוואָלוציע און די אויפגאַבן פון מאָראַל", וואָס איז געווען געדרוקט שוין אין דער מיט פון די 80-קער יאָרן אינם „וועסטניק נאַראָדנאַי וואָלי".

לאווראָוו האָט קיינמאָל ניט איבערגעשאַצט די ראָליע פון דער „דעמאָקראַטיע" אינם קלאַסן-קאַמף. ער האָט געוואוסט, אַז אויך „אין אַמעריקע... באַוואָרנט ניט די לעגאַלע פרייהייט פון גוואַלד-מאַיסים (מיצאַד די הערשנדע קלאַסן), ווי נאָר די סאָקאַנע

וועט ווערן ערנסט". ער האָט געוואָרנט, אַז די סאָציאַליסטן „טאָרן זיך ניט פאַראייניקן מיט דער פּאַרטיי פון די פּאָליטישע בורזשואַ". ער האָט אויך ניכטער געשאַצט די באַדינגונגען פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. „אין עצעם איז די עפּאָכע פון קאַמף אַן עפּאָכע, ווען ס'ווערט איבערגעריסן דאָס געזעץ פון יושער. דער לעצטער ווערט אין דעם פאַל באַגרעניצט מיטן אַנווייז, ווען מע דאַרף דעם קאַמף אָנהייבן און ווען עס קומט די מינוט דעם קאַמף צו פאַרענדיקן. דער קאַמף אַליין האָט זיך זיינע געזעצן", דערביי „בלייבט הערשן נאָר די אויסרעכענונג פון דער צוועקמעסיקייט". ביכלאַל אָבער „זיינען די מאָראַלישע אויפגאַבן פונעם סאָציאַליזם ניט קיין גרינגע זאַך, אָבער מע דאַרף זיי ניט האַלטן פאַר לייכטע. די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועלכע גייט אַריין אין די דאָזיקע אויפגאַבן, וועט געוויס זיין אַ בלוטיקע און אַן אַכזאָריעסדיקע, אָבער דער ציל אירער איז אַ מאָראַלישער און ער מוז דערגרייכט ווערן".

ענדלאַך, סײַ אין זיין בוך וועגן דער קאָמונע, סײַ אינעם אַרטיקל וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, פון וואַנען מיר ברענגען די דאָזיקע אַלע אויסצוגן, האַלט לאַווראָוו, אַז צוליבן ערפאָלג פון דער רעוואָלוציע איז נויטיק צו אָרגאַניזירן אַ שטאַרקע, פעסטע, דיסציפּלינירטע און צענטראַליזירטע פּאַרטיי. „דער קאַמף פאַר מאַכט אין דער געזעלשאַפט האָט זיך זיינע באַדינגונגען וועלכע זיינען אַלגעמיין פאַר יעדן קאַמף; איינער פון די דאָזיקע טאַקטישע באַדינגונגען איז די איינהייט פון טאַט, אָן וועלכער קיין שום פּאַרטיי קאָן ניט זיגן; די דאָזיקע איינהייט איז מעגלאַך בלויז דאַן, ווען די פערזענלעכקייטן און גרופּעס וואַרפן זיך אונטער אַן אַלגעמיינעם אָנפיר אין דער אָדער יענער פאָרם".

מיט די דאָזיקע אַלע געדאַנקען שליסט זיך אָן לאַווראָוו צו דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע און פּראַקטיק פונעם רוסיש באָלשעוויזם.

## XVIII ג. וו. פלעכאנאָוו.

1856—1918

דער נאָמען פונם לערער פון די רוסישע אַרבעטער און דעם פאָטער פונם רוסישן מאַרקסיזם גע אָ רגי וואלע נ- טינאָוויטש פלעכאנאָוו איז פאַרבונדן מיט דער גאנצער געזעלשאַפטלאכער און רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין רוסלאַנד, אנהויבנדיק פון די 70-קער יאָרן און ער איז אין יענער צייט איינער פון די בארימטסטע נעמען פון די אויסגעצייכנטע אייראָפייאישע סאָציאַליסטן.

אָפּשטאַמענדיק פון אַ פריצישער פאמיליע אין טאמבאָווער גוב. איז פלעכאנאָוו נאָך באכערווייז, זייענדיק אַ סטודענט, צוגע- שטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער אינטעליגענ- טישער יוגנט אין די 70-קער יאָרן, די באוועגונג וועלכע האָט דעם נאָמען „פאָלקסטום" (נאראָדניטשעסטווא). די נאראָדניקעס האָבן געגלויבט, אַז דאס רוסישע פאָלק, דאָס פּילמיליאָניקע רוסישע פויערטום איז פולקום גרייט צו דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, אַ דאַנק דעם, וואָס עס באַזיצט די ערד אָפּן פרינציפּ פון געמיינדע. זיי האָט זיך געדוכט, אַז יעדער אַרבעטנדיקער פויער — איז אין דער נעשאָמע אַן אומבאוואוסטזיניקער סאָציאַ- ליסט. מע דארף אים נאָר קלאר מאכן זיין לאַגע, ווענדן אָפּן ריכטיקן וועג זיין סינע קעגן די פריצים און באַאמטע און ער וועט זיך אופהויבן מיט זיין גאַנצער מאסע און וועט איינפירן אין רוסלאנד פרייע געמיינדעס, אַן אנארכאָ-סאָציאַליסטישע אָרדנונג.

דעריבער האָבן די נאראָדניקעס געהאָפט, אַז דאָס פויע- רישע רוסלאַנד וועט אַ ריבערטרעטן איבערן סאָ- ציאַליזם, אַז דאָ וועט קיין שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט ניט זיין, אַז מיר וועלן גלייך אַריבערשפּרינגען פונם צאַרישן רוס- לאַנד אין קעניגרייך פון פויערישן סאָציאַליזם. דעריבער האָט אויך די נאראָדניקעס צוערשט ניט אינטערעסירט די פראגן פון

*פּאָליטישער פרייהייט* און פון קאַמף פאַר אַ קאָנסטיטוציע, ד. ה. פאַרן באַגרעניצן די זעלבסטהערשאַפט, פאַר אַ פאָלקס-פאָרשטייערשאַפט. אדראַבע, זיי האָבן אפילע געמיינט, אז די פּאָליטישע פרייהייט וועט נאָר העלפן דער אָנטשטייענדיקער בורזשואַזיע, זי וועט איר געבן די מעגלאַכקייט צו פאַרפעסטיקן זיך, זי וועט העלפן צו אנטוויקלען דעם קאַפּיטאַליזם און דער מיט אליין וועט זי פאַרהאַלטן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע.

די רעגירונג פון אַלעקסאַנדער דעם II האָט אף דער אַגיטאַציע צווישן פאָלק געענטפערט מיט אכזאָריעסדיקע רעדיפעס קעגן די נאַראָדניקעס-סאָציאַליסטן, מיט מאַסן-אַרעסטן, מיט אַרויסשיקונגען און אפילע מיט קעפּונגען. פון דער צווייטער זייט איז די פריערשע מאַסן געבליבן טויב צו דער דאָזיקער אַגיטאַציע, זי האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען און האָט זיך מיט אומצוטרוי באַצויגן צו די איבערגעטאָנענע פריצימלאַך. אונטער דער ווירקונג פון די דאָזיקע פאַקטן האָט א טייל פון די נאַראָדניקעס אין 1879 אנערקענט די נויטיקייט פון *פּאָליטישן קאַמף* מיט דער רעגירונג, דעם קאַמף פאַר פאָליטישער און בירגערלאַכער פרייהייט, פאַר אַ פּאַרלאַמענט, פאַר דאָס אַלץ, וואָס די בורזשואַזיע פון די מאַירעוו-אייראָפּייאישע לענדער האָט שוין לאַנג דערגרייכט. דער דאָזיקער טייל נאַראָדניקעס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „ערד און פרייהייט” און געבילדעט די פּאַרטיי „פאָלקס-פרייהייט” (נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ), נאַראָדאָוואָלצעס. אָבער *ניט שטיצנדיק זיך אָף קיין שום ברייטער געזעלשאַפטלאַכער באַוועגונג*, האָבן די נאַראָדאָוואָלצעס דעם קאַמף גופע מיט דער רעגירונג פאַרשטאַנען, אַלס *אַ צווייקאַמף*, און האָבן קאַמאַט די גאַנצע קויכעס געפּאַטערט אָפן *טעראָר*, אָף צו דערמאָרדן די סאַמע פאַרהאַסטע באַאַמטע און דערנאָך אויך דעם קייסער.

אָט אזעלכע זיינען געווען יענע געזעלשאַפטלאַכע באַדינגונגען, בא וועלכע עס האָט אָנגעפאַנגען זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט דער יונגער, טאַלאַנטפולער, איבערצייגטער נאַראָדניק

ג. וו. פלעכאנאוו. אפן וואראנעזשער צוזאמענפאר פון „ערד און פרייהייט", וואו עס איז פאָרגעקומען דער אָפשפאלט פון די נאראדאוואלצעס, האט פלעכאנאוו היציק און ענערגיש פארטיידיקט די גרונט-אנשויאונגען פונם פויערישן סאציאליזם, ער האט געקעמפט קעגן טעראר, קעגן דעם פארקאָך אין פאליטיק און פאליטישע פרייהייטן. און נאָך דער צעשפאלטונג האט ער געגרינדעט א נייע פאלקסטימלאכע גרופע „טשארני פערעדיעל" (שווארצער איבערטייל), וועלכע האט אלע אירע האָפענונגען געלייגט אפן פויערים-אופשטאנד.

מערקווירדיק איז אבער, אז שוין דאן, „געפינענדיק זיך, דאכט זיך, אזוי ווייט פון מארקסיזם און פריידיקנדיק בעפיירעש אוטאפישע אידייען, פלעגט פלעכאנאוו ארויסזאָגן א סאך געזונטערע געדאנקען, איידער די נאראדאוואלצעס. ער האט פארשטאנען, אז נאר יענע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג קאָן רעכענען אף ערפאלג, נאָך וועלכער עס וועלן גיין די ברייטע מאסן, און קיין ערפאלג וועט בעשום אופן ניט האבן דער קאמף פון יעכידים-אינטעליגענטן קעגן דער רעגירונג, ווי העלדיש דער דאזיקער קאמף זאל ניט זיין. ווירקלאך, די נאראדניקעס האבן דערהארגעט דעם צאר, אבער זיי האבן ניט דערהארגעט דעם צאריזם, ד. ה. די גאנצע צארישע אָרדנונג וועלכע איז אומגעקומען בלויז דאן, ווען ס'איז אופגעשטאנען דאס גאנצע פאָלק.

האגאם פלעכאנאוו האט מיטן געדאנק געגלויבט אין דער סאציאליסטישער שטימונג פונם פויערטום, האט זיך אָבער זיין געשאמע פון טכילעס אן געצויגן צו די שטאטישע ארבעטער. ער אליין דערציילט פון דעם אין זיינע מערקווירדיקע זיכרוינעס וועגן „דעם רוסישן ארבעטער אין דער רעוואלוציאָנערער באוועגונג". עמעס, ער האָט דאן ניט געגלויבט אין דער מעגלאכקייט פון א זעלבשטענדיקער ארבעטער-באוועגונג אין רוסלאנד. ער האָט געקוקט אף די ארבעטער, ווי אף די זעלביקע פויערים, וועלכע זיינען נאָר צופעליק אריינגעפאלן אין שטאט אריין, אף דער פאבריק און וועלכע וועלן קאָנען בעסער

פארשפרייטן די סאציאליסטישע לערע אין דארף, ווייל די פויערים וועלן זיי גיכער טרויען, איידער דער אינטעליגענץ, „די סקובענטן". אין דער זעלביקער צייט אבער האט ער געזען און געפילט, וואס פאר א טהאם עס טיילט אפ דעם פארשטאנד פון א ארבעטער פונם פארשטאנד פון א פויער, ער האט געזען, ווי לייכט, פארטרוילאך און גיריק די ארבעטער הערן די סאציאליסטישע רעדעס און ווי די פויערים ווילן דערפון ניט וויסן.

אפלייקענענדיק דעם פאליטישן קאמף איז פלעכאנאוו בעמאיסע—און דעוין האט זיך ווידער ארויסגעוויזן זיין געזונטער רעוואלוציאנערער כוש—געוועזן איינער פון די ארגאניזאטארן פון דער ערשטער פאליטישער דעמאנסטראציע אין פעטערבורג אף קאזאנער פלאץ אין 1876 יאר. אין דער דאזיקער דעמאנסטראציע האבן זיך באטייליקט די ארבעטער-סאציאליסטן, און דא האט פלעכאנאוו געהאלטן אפן זיין ערשטע פאליטישע רעדע, א רעדע קעגן דער זעלבסטהערשונג.

דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואס סאכהאקל אין צוויי יאר ארום נאך דעם, ווי ער איז אין 1880 יאר אנטלאפן פון דער רוסישער פאליציי און איז אוועקגעפארן קיין אויסלאנד, איז אין זיינע אנשויאונגען פארגעקומען אן איבערקערעניש.

דערלערנענדיק די ווערק פון קארל מארקסן און באקאנענדיק זיך מיט דער באוועגונג פון די אייראפייאישע ארבעטער, ווערט ער אן אנטשיידענער קעגנער פון די נארארניקעס און גיט ארויס אין 1882 יאר זיין ערשטע סאציאל-דעמאקראטישע בראשור: „דער סאציאליזם און דער פאליטישער קאמף" אין דער דאזיקער בראשור דערווייזט ער, אז דאפקע דער פאליטישער קאמף פונם ארבעטער-קלאס אין זיין פאליטישע באפרייאונג זייגען דער וויכטיקער פארבאדינג פון זיין עקאנאמישער באפרייאונג. אין קומענדיקן יאר גרינדעט ער צוזאמען מיט זיינע נאענסטע כאווירים פ. ב. אקסעלראד, ל. ה. דייטש און וו. א. זאסוליטש די ערשטע רעוואלוציאנער-מארקסיסטישע ארגאניזאציע: „די גרופע פון באפרייאונג פון ארבעט". דאס יאר רעכנט זיך פארן אנהויב פון דער רוסישער סאציאל-דעמאקראטיע, אלס אן איריי-

אישע שטרעמונג, וועלכע לייגט אלע האָפנונגען אפן רוסישן ארבעטער-קלאס, אז ער וועט ניט בלויז פארווירקלאכן דעם סאָציאליזם, נאר ער וועט אויך אינגיכן באפרייען רוסלאנד פונם זעלבסטהערשערישן יאָך.

אין דעם זעלביקן יאָר האָט פלעכאנאָוו ארויסגעגעבן זיין מערקווירדיק בוך: „אונזערע כילוקע-דייעס" וואו ער קריטיקירט די פאָלקסטימלאכע שיטע און דערווייזט די ריכטיקייט פון דער מארקסיסטישער לערע. אינם דאָזיקן בוך ווייזט אָן פלעכאנאָוו צום ערשטן מאָל, אז דאָס פויערטום אין זיין מאסע קאָן בא דער איצטיקער צייט ניט ווערן קיין באזע פארן סאָציאליזם. אין רוסלאנד האָט זיך שוין באוויזן און אנטוויקלט זיך די שטאָטישע אינדוסטריע, עס ווערט איינגעשטעלט די קאפיטאליסטישע אָרדנונג, און זי ברייגנט מיט זיך איר אומפארמיידלאכן באגלייטער און פארביסעגעם סוינע, וועלכער וועט זי פארניכטן — דעם פראָלעטאריאט. דאָס באטייט, אז אין רוסלאנד, ווי אין אייראָפע, איז דאפקע דער פראָלעטאריאט יענער קלאס, וועלכער איז מער פון אלעמען פאראינטערעסירט אין פאָליטישע רעפאָרמען פון רוסלאנד און, לויט זיין לאגע גופע, איז ער מער פון אלע קלאסן מעסוגל צו אן איינגעשפארטן, נאָכאנאנדיקן און ארגאניזירטן רעוואָלוציאָנערן קאמף, ער איז פייאיק צו דער ראָליע פון אן אוואנגארד אין דער קומענדיקער רוסישער רעוואָלוציע.

דער דאָזיקער אידייע האָט פלעכאנאָוו אוועקגעשיינקט 15 יאָר פון זיין לעבן און דערין איז איינע פון זיינע גרעסטע פארדינסטן פארן רוסישן געזעלשאפטלאכן לעבן, פארן רוסישן פראָלעטאריאט, פאר דער רוסישער רעוואָלוציע. אין דער סאמע פיגסטערער צייט פון דער פאָליטישער און געזעלשאפטלאכער רעאקציע אין די 80-קער יאָרן, ווען ס'זיינען צעבראָכן און צעפאלן געווארן אלע פריערדיקע רעוואָלוציאָנערע קרייזלאך, ווען די גאנצע אינטעליגענץ האָט זיך אנטוישט אין די רעוואָלוציאָנערע אידעאלן, און אין לאנד, האָט זיך געדאכט, איז אלץ אויסגעשטאָרבן, אין דער דאָזיקער צייט האָט פלעכאנאָוו

דערזען דאָס, וואָס די יאָרשים פון דער פאָלקסטימלעכער שיטע האָבן ניט געוואָלט זען מיט א סאך יאָר שפּעטער: ער האָט דערזען א נייע וואקסנדיקע רעוואָלוציאָנערע קראפט — דעם ארבעטער-קלאס. מיטן דאָזיקן קלאס האָט ער פארבונדן אלע זיינע האָפענונגען פון א רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט, צו דינסט דעם דאָזיקן קלאס, צו הילף אים אינם פּאָליטישן און עקאנאָמישן קאמף האָט ער אפגעגעבן אלע זיינע קרעפטן, זיין געזונט, זיינע טיפע און אלזייטיקע קענטענישן, זיין גוואלדיקן און גלענצנדן ליטעראַרישן טאלאנט.

פון פּלעכאנאָוון און זיינע אָנהייגער האָט מען כויזעק געמאכט, ווי פון משוגעדיקע ברואים, וועלכע האָפן צו באפרייען רוסלאנד פונם זעלבסטהערשערישן יאָך מיט דער הילף פון די ארבעטער, וועלכע זיינען א נישטיקע מינדערהייט פון דער באפעלקערונג. ווען פּלעכאנאָוו האָט אפן אינטערנאציאָנאלן סאָציאליסטישן קאָנגרעס אין פּאריז געזאגט זיין בארימטע פראזע, אז „די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אין רוסלאנד וועט זיגן, אלס די באוועגונג פון ארבעטער, אָבער זי וועט גאָר ניט זיגן", האָבן זיך דערצו באצויגן מיט אומצוטרוי אפילע פיל פון די אייראָפּייאישע סאָציאליסטן. אָבער שוין אין זיבן יאָר ארום, נאָך א פארביסענעם אידייאישן קאמף פון פּלעכאנאָווס אָנהייגער, די ערשטע רוסישע מארקסיסטן, מיט די נאָראָדניקעס, איז אין רוסלאנד אין 1896 יאָר אויסגעבראָכן א גראנדיעזער 30-טויזנטיקער שטרייק פון די פּעטערבורגער וועבער און שפּינער.

דער דאָזיקער שטרייק האָט אָנגעהויבן א נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון רוסלאנד. דער רעוואָלוציאָנערער באטרעף פונם רוסישן פּראָלעטאריאט איז פון אלעמען אנערקענט געוואָרן. זיין ארויסטרעטונג האָט מיט אנטציקונג באגריסט דער 4-טער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליסטישער קאָנגרעס, וואָס איז פארגעקומען דאן אין לאָנדאָן. פּלעכאנאָוו האָט באקומען די העכסטע באפרידיקונג, וועלכע קאָן נאָר אויספאלן אפן גורל פון א געזעלשאפטלעכן טוער.

פלעכאַנאָוו איז געווען ניט בלויז דער לערער און דער פירער פון די רוסישע מאַרקסיסטן און פון די רוסישע באוואוסט-זיניקע ארבעטער, ער איז אליין געווען אַ טיפער דיינקער און פאָרשער, דער עמעסער נאָכפאָלגער פון מארקסן.

אַלס קענער פון דער מארקסיסטישער פילאָסאָפיע, ד. ה. די גרונט-אידייען פון דער דאַזיקער לערע, אלס מארקסיסטישער היסטאָריקער פונם אייראפייאישן און רוסישן געזעלשאַפטלאַכן געדאנק, אלס אַ מאַרקסיסטישער קריטיקער און היסטאָריקער פון ליטעראַטור און קונסט — האָט פלעכאנאָוו צו זיך קיין גלייכן ניט.

צוזאמען מיט דער בקיעס און אמקעס פון אָן עכטן געלערנטן האָט פלעכאַנאוו נאָך באַזעסן דעם טאלאנט אויסצולייגן זיינע געדאַנקען ריין, לעבעדיק און קלאָר. ער האָט געקאָנט די סאמע קאָמפליצירטע און טיפע פראגן פון דער פילאָסאָפיע פאָרשטעלן אין אַ פאָרשטענדלאַכער און צוגיינגלאַכער פאָרם. דעריבער האָט זיין בוך „צו דער אנטוויקלונג פון דער מאָניסטישער אנשויאונג אף דער געשיכטע“, וואס איז דערשינען אין 1895 יאָר, אונטערן פסעוודאָנים בעלטאָוו, געמאכט אַ גוואַלדיקע איבערקערעניש אין די מויכעס פון דער אינטעליגענץ און האָט באַלד געמאכט דעם מארקסיזם פאַר דער סאמע באוואוסטער און פאָפולערער לערע אין רוסלאנד.

נאָר אויב, אלס נאָכפאָלגער און אויסטייטשער פון מארקסן, אלס דער ערשטער, וואס האָט אנגעווענדט דעם מארקסיזם צו דער אויספארשונג פונם רוסישן לעבן, איז פלעכאנאָוו אלעמאל געווען דער אנערקענטער לערער פון דער גאַנצער רוסישער סאָציאל-דעמאקראטיע, אָן אונטערשייד פון פראקציעס און שטרעמונגען, איז אבער אין געביט פון דער טאַקטיק, ד. ה. אלס אָנפירער אינם אוממיטלבארן פּאָליטישן קאַמף האָט פלעכאנאוו געהאט פיל קווינקלענישן און פיל קעגנער אין די רייען פון דער סאָציאל-דעמאָקראַטיע.

ווען די רוסישע מארקסיסטן האבן זיך אין 1903 יאָר צעשפאלטן אף באלשעוויקעס און מענשעוויקעס, פלעגט פלעכאנאוו

זיין דאס/מיט די, דאָס מיט יענע, און, לעסאָף, האָט ער געפירט גאָר אַן אייגענע ליניע. און ווען ס'איז אויסגעבראכן די וועלט־מילכאמע, האָט פלעכאנאוו אינם דייטשן אימפעריאליזם געזען דעם וויכטיקסטן סויגע פון דער אייראָפייאישער „קולטור" און פונם ארבעטער־קלאַס און, ווי פיל אנדערע פירער פינם II אינ־טערנאַציאָנאל, האָט ער זיך געשטעלט אַף אַ פאטריאָטישן שטאַנד־פונקט און פאָר די לענדער פון דער „אנטאנט" — און פאר רוסלאנד אויך בעסויכאָם — אַ „בורג־פרידן" און אַפילע אַ בונד מיט דער אייגענער בורזשואזיע און מיט דער אייגענער רעג'רונג אין קאמף קעגן דעם פארהאַסטן דייטשלאנד.

נאָך דער פעווראלער רעוואלוציע אין 1917 יאר האָט זיך פלעכאנאָוו צוריקגעקערט קיין רוסלאנד און געגרינדעט אַן אייגענע סאָציאל־פאַטריאָטישע ארגאניזאציע „איינינקייט" (יעדינסטווא) דער פאטריאָטישער טשאד האָט פארטונקלט פלעכאנאָווס רעוואָ־לוציאָנערן כויש: ער האָט ניט פארשטאַנען ניט די טיפקייט און ברייטקייט פון דער רוסישער רעוואליציע, ניט דאָס, אַז די גאַנ־צע קאַפיטאַליסטישע וועלט גייט אריין אין אן עפאָכע פון גוואַל־דיקע רעוואָלוציאָנערע שטורעמס.

געשטאָרבן איז פלעכאנאָוו נאָך בריסקער שאָלעם, אַן עלנ־טער קימאט אַ פארגעסענער, אין פינלאנד, וואו עס האָט דאַן געהערשט די דייטשע מיליטערישע קליקע.

ניט געקוקט אבער אַף אַלע זיינע וואקלענישן און אָפטרע־טונגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואלוציאָנערער פאָזיציע, וועט דאָך פלעכאנאָווס נאָמען פארבלייבן איינער פון די גלענצ־טע און בארימסטע נעמען פאַרן רוסישן פראָלעטאַריאַט. ווייל פלעכאנאָווס טאָעסן וועלן פארגעסן ווערן, אָבער זיין באַטייט אַלס דער גרינדער און לערער פון רוסישן מארקסיזם וועט בלייבן אַף אייביק, און לאנג נאָך וועט די סאָציאליסטישע ארבעטער־יוגנט פון רוסלאנד אויסשמידן פאר זיך אַ מאַרקסיסטישע וועלט־אַנשויאונג — נאָך די ווערק פון פלעכאנאָוון.

## XIX. פּ. קראָפּאָטקין.

פּעטער אלעקסייעוויטש קראָפּאָטקין איז געשטאָרבן דעם 8-טן פעוורואַל 1921 יאָר. מיט זיין טויט איז אראָפּ פון דער סצענע איינער פון די סאמע כאראקטעריסטישע און בוילעטע פאָרשטייער פון דער אלטער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אינטע-ליגענץ, וועלכער איז, ווי באקונין, פון אַ רוסישן אדלמאן גע-וואָרן דער פירער פונם אייראָפּייאישן אנארכיזם; אָבער אין פיל הינזיכטן איז קראָפּאָטקין געווען דער הייפעך פון באַ-קונינען.

אַן אריסטאָקראט לויט זיין געבורט און דערציאונג, איז ער, נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט אַ פּריווילעגירטע שול אין 1862 יאָר, ניט אוועק אָפּן אויסגעטראָטענעם וועג פון אַ קאַר-יערע באם הויף, אין מיליטער, אין דער אדמיניסטראציע אדער אין דער דיפּלאמאטיע, נאָר ער איז פרייוויליק אַוועקגעפאָרן אַף אַ שטעלע קיין סיביר, וועלכע האָט אים געצויגן מיטן דעמאָ-קראטיזם פון איר לעבנס-שטייגער און מיט דער מעגלאכקייט פון אַ וויסנשאַפטלאכער אַרבעט אין די ווייניק אויסגעפאָרשטע גע-גענטן. אַ צויגלינג פון פאזשן-קאָרפּוס קאָכט ער זיך מיט נאַטור-וויסנשאפט — אַ ציננ דער עפּאָכע פון די 60-קער יאָרן — באַ-וונדערט מיט פיזישער געאָגראפיע, אין וועלכער ער מאכט וויכ-טיקע אנטדעקונגען און וועלכע איז שפּעטער באַ אים, ווי באַ זיין פריינט און אידייען-ברודער, דעם באוואוסטן פראנצויזישן אנאַרכיסט ע. רעקליו, געוואָרן אַ געליבטע וויסנשאפט.

אויב באַקונין האָט אנגעהויבן פון דער דייטשער אידעאַ-ליסטישער פילאָסאָפיע און ערשט שפּעטער איז ער געקומען צום מאטעריאליזם, האָט קראָפּאָטקין אָנגעהויבן פון נאַטורוויסנשאפט. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט באקונין אונטערן איינפלוס פון מארקסן איבערגענומען די יעסוידעס פונם היסטאָרישן מאטעריאליזם, בעאייס קראפּאָטקין איז אין איין פּראט אַף זיין גאנצן לעבן פאַרבליבן אַ מענטש פון די „זעכציקער יאָרן”; ער

איז געווען אַ טיפּישער „מאַסקל”. ער האָט געגלויבט אין דער קראַפט פונם סייכל, אין דער שעפערישער קראַפט פון דער וויסנשאַפט. ער האָט אָבער געהאַט נאָך איין שטריך, וואָס האָט אים אונטערגעשיידט פון באַקונינען און האָט אים שוין געמאַכט פאַר אַ מענטש פון די „זיבעציקער יאָרן”, פאַר אַ טייערן מוס-טער פונם „באַלטשוואָודיקן אַדלמאַן”. אויב בײַ באַקונינען האָבן די מאָראַלישע פראַגן קיין גרויסע ראָליע ניט געשפּילט, אויב, פאַר-קערט, דאָס ציל האָט בײַ אים אָפט באַרעכטיקט די מיטלען, איז בײַ קראָפּאָטקינען אַפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן אַן הויך אַנטוויקלטער מאָראַלישער געפיל, דאָס געפיל פון כוויוו. שוין בעשאַס ער האָט זיך צוריקגעקערט פון סיביר צום סאָף פון די 60-קער יאָרן, ווען זיינע וויסנשאַפטלאַכע ווערק האָבן אים געשאַפן אַן אייראָפּייאישן נאָמען און פאַר זיינע אויגן האָט זיך אויסגעמאָלט דער וועג פון אַ גלענצנדער וויסנשאַפטלאַכער טע-טיקייט, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט, ווי ער אַליין זאָגט, אַזאַ פראַגע: „וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך געהאַט אָף דער דאָזיקער געהויבענער פרייד, בעאַיס אַרום מיר איז אַ שרעקלאַכע אָרעמ-קייט און אַ מוירעדיקער קאַמף פאַרן שטיקל ברויט? בעאַיס אַלץ, וואָס איך האָב געפּאָטערט דערויף, איך זאָל לעבן אין דער וועלט פון די געהויבענע גייסטיקע באַוועגונגען, האָט אומפאַר-מיידלאַך געמוזט אייסגעריסן ווערן פונם מויל פון יענע, וואָס האָבן געזייט ווייץ פאַר אַנדערע און האָבן ניט קיין שוואַרצן שטיקל ברויט צו זאַט פאַר זייערע אייגענע קינדער? און קראָ-פּאָטקין איז אָוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, וואו ער איז צוגעשטאַ-נען צו באַקונינס פליגל אינם „אינטערנאַציאָנאַל” און דיין גאַנצן לעבן איז ער געבליבן אַן אנהייגער פון אנאַרכיסטישע אַנשוי-אונגען. אָבער נאָכן צוריקקערן זיך קיין רוסלאַנד, אין 1872 יאָר, איז קראָפּאָטקין אריינגעטראָטן דאַווקע אין טשייקאָווסקי’ס קרייזל, וועלכער איז, ווי ער אַליין זאָגט, „אַנטשטאַנען פונם ווילן צו שטעלן זיך אַנטקעגן נעטשאַיעווס מעטאָדן פון טעטיקייט” ד. ה. ער האָט זיך געשטעלט, דעריקער, מאָראַלישע אופגאַבן, און דאָס האָט מער פון אַלץ געצויגן קראָפּאָטקינען. זייענדיק דער עלטערער,

דער געניטערער און געבילדעסטער מיטגליד פונם קרייזל, איז ער געווארן זיין נעשאָמע און דער פּאַקטישער אָנפירער זייגער. צו דער זעלביקער צייט האָט ער איינער פון די ערשטע רוסישע רעוואלוציאָנען געגומען לערנען אין אַ קרייז פון פּע־טערבורגער ארבעטער, וואו ער האָט דערציילט וועגן דעם אינ־טערנאַציאָנאל. נאָך זיין ארעסט און באַוואוסטן אנטלויפן פון שפּיטאָל, האָט ער עמיגרירט קיין אייראפּע, וואו ס'האָט זיך אנגע־הויבן אַ נייער און אַ וויכטיקער פּעריאָד אין זיין טעטיקייט, אַלס אן אנערקענטער טעאָרעטיקער און פּראָפּאַגאנדיסט פונם איי־ראָפּייאישן אנארכיזם.

אָבער אויך צום אנארכיזם איז קראָפּאָטקין צוגעגאנגען ניט אַזוי, ווי באַקונין. פאַר באַקונינען איז דאָס וויכטיקסטע אין אנאר־כיזם געווען זיין נעגאַטיווע, צעשטערנדיקע זייט, וועגן דער קומענדיקער בויאונג האָט ער קנאַפּ וואָס געדאַיגעט. קראָפּאָטקין, פּאַרקערט, האָט זייער פיל אופמערקזאַמקייט גע־שיינקט דער קומענדיקער שאַפונג, דער פרייער מיטאַרבעט פון מענטשן אין דער געזעלשאַפט, וועלכע וועט באַפרייט ווערן פון דער מעלוכישער מאכט. די עלעמענטן, די עמבריאָנען פון דער דאָזיקער פרייער מיטאַרבעט האָט ער געזען שוין אין דער איצטיקער געזעלשאַפט; ער האָט געהאלטן, אַז דאָפּקע די מיט־ארבעט, און ניט דער קאמף, איז דאָס געזעץ פון דער געזעל־שאַפט און האָט דערוויזן, אַז זי עקסיסטירט אפילע אין דער וועלט פון באַלעכאַים. אַ מענטש איז לויט זיין טעווע גוט, און ווען אים זאָל נאָר געלונגען צו באַפרייען זיך פון דער גוואַלדטאַט פון דער מעלוכע, וואָלט ער זיך איינגעאָרדנט אפן בעסטן אויפן.

אַזוי אַרום האָט קראָפּאָטקין איינגעזען דעם גאַנצן מאָ־קער פון שלעכטס און גוואַלדטאַט אין דער צעשטערונג און ער פּלעגט מיט פאַרגעניגן פאַרצייכענען אַלע יענע פאַקטן אין דער אַנטוויק־לונג פונם ציווילֹיזירטן מענטשן, וועלכע זאָגן, לויט זיין מיינונג, איידעס וועגן דעם פרידלאָכן פּראָגרעס פון די אַנאַרכישע און קאָמוניסטישע אידייען און לעבנס־פאָרמען. דעריבער האָט ער זיך נעגאטיוו באַצויגן צו יענע רוסישע אַנאַרכיסטן פון 1905—1908

יאָרן, וועלכע זיינען דערגאַנגען צו „אַנמאַטיוויקן" טעראָר און צו „אינדיווידועלע" עקספּראָפּריאַציעס.

ניט געקוקט אף קראָפּאָטקינס היסטאָרישן אידעאַליזם און אוטאָפּיזם, וועלכע האָט אים דערנעענט צו די גרויסע אוטאָפּיסטן פון אָנפאַנג XIX יאָרה. ניט געקוקט אף זיינע אַנאַרכישע אידייען און אף זיין זייער ניט גערעכטיקער פּאָלעמיק מיט די סאָציאַליסטן, זיינען דאָך אַסאַך פון זיינע געדאַנקען געוואָרן דער פאַרמעג פונם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם אין זיין קאַמף קעגן אפּאָרטוניזם (באַזונדערס אין די ביכער „רעדעס פון אַ מוירעד" און „די פּראָבע-רונג פון ברויט") און זיין געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט אַן אויסשליסלאַכע וויסנשאַפטלאַכע ווערט און וואַרפט אַן אומדערוואַרטן שיין אַף פילע געשייענישן פון אונזער רעוואָלוציע.

זייער אַן אינטערעסאַנטע עוואָלוציע איז פאָרגעקומען מיט קראָפּאָטקינען פון אָנפאַנג פון דער וועלט-מילכאָמע. זיין סינע צו דייטשלאַנד און צו דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע? (דערין האָט ער געשטימט מיט באַקונינען) די סינע, וועלכע איז בא אים פאַרבליבן ביזן טויט, האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אי דעם אַנאַרכיזם, אי דעם אינטערנאַציאָנאַליזם. ער איז געוואָרן אַ פייערדיקער פּאַטריאָט פון די זעלביקע „גרויסע דעמאָקראַטיעס" — פון דער אַנטאַנט, וועלכע ער האָט אַמאָל אַזוי שטאַרק קריטיקירט, אַלס אַנאַרכיסט. און אַלע מרעכטיקייטן פון דער פ ר אַ נ צ ו י ז י ש ע ר „דעמאָקראַטיע" האָט ער דאָך אויסגעפּרואווט אף זיך אַליין אין דער פאָרם פון אַרעסטן, אַרויסשיקונגען און לאַנגע יאָרן איינזאַמע טפיסע. נאָר דאָס איז נאָך ווייניק, אין אים האָט אפילע גענומען ריידן דער רוסישער פּאַטריאָט, און זיינע באַוואוסטע פּעליעטאָנען אין „רוסקיא וועדאמאסטי" האָבן ניט ווייניק מענטשן אַראָפּגעפירט פונם רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישן וועג. און אין 1917 יאָר, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַ היים נאָך 40 יאָר עמיגראַציע האָט ער זיך ניט אונטערגעשיידט פון פּלעכאַנאָוון און ברעשקאָ-ברעשקאָווסקאַיאַ, מיט וועמען ער איז צוזאַמען אַרויסגעטראָטן אַף דער „מעלוכישער באַראַטונג", וואָס קערענסקי האָט

צונויפגערופן. ער איז אויך געווען אַ קעגנער פון בירגער-קריג, ער האָט געהאַלטן פאַר פאַרטעמפּן דעם קלאַסן-קאַמף, פאַר פאַרשטאַרקן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק. עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז די 40 יאָר קאַמף אין גייסט פונם אַנאַרכיסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם זיינען געווען נאָר אַ צייטווייליקער עפּיזאָד אין קראָפּאָטקינס לעבן, און אַז ער האָט געהאַט דעם גורל פון פיל געוועזענע רעוואָלוציאָנערע נאַראָדניקעס, וועלכע האָבן זיך, אין מאָמענט פון דער גרעסטער רעוואָלוציע, ארויסגעוויזן פאַר פּאָשעטע קליינבירגעלאַכע דעמאָקראַטן.

אָבער דאָס האָט זיך נאָר אַזוי אויסגעוויזן. אַדראַבע, דאַפּקע דער דאָזיקער דעמאָקראַטישער פּאַרקאָך זיינער איז געווען א צייטווייליקער עפּיזאָד, אַן אויסברוך, אַן איבערלעבעניש פון יענע אינטעליגענטישע האָפענונגען, וועלכע עס האָבן געשפּירט אין דער נעשאָמע, אָפּגעזען אומבאַוואוסטזיניק, ניט געקוקט אָפן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם, קאַמאַט אַלע נאַראָדניקעס— די האָפענונגען, אַז די רעוואָלוציע וועט ברייגנען אַ לאַנגדויערנדיקע עפּאָכע פון פּאָליטישער פרייהייט און „אייראָפּייאישע" פאַרמען פון קלאַסן-קאַמף

אָן שום סאָפעק, אַז די אָקטאָבער-רעוואָלוציע און שפּעטער דער קראַך פונם דייטשן אימפּעריאַליזם און דער אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער טקופע אין אייראָפּע האָבן געמאַכט אַף קראָפּאָטקינען אַ גוואַלדיק שטאַרקן רושעם. זיי האָבן אים צוריקגעקערט צו יענעם אַנאַרכישן קאָמוניזם, וואָס איז געוואָרן זיין צווייטע נאַטור, און זיי, באַזונדערס די געשייענישן אין רוסלאַנד, האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין אַ לאַגע פון אַ ווירקלאַך טראַגישן אינערלאַכן ווידערשפּרוך. אַלס אַנאַרכיסט, האָט ער מיט אַלע קויכעס פון זיין געשאָמע פּראָטעסטירט קעגן דעם רעזשים פון פּאַרטייאישער דיקטאַטור מיט אַלע אירע רעזולטאַטן, און אַלס א טיפער קענער פון די אייראָפּייאישע רעוואָלוציעס, באַזונדערס די גרויסע רעוואָלוציע פונם סאָף XVIII יאָרה. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע דיקטאַטור, ווי דער גאַנצער גאַנג פון די געשייענישן נאָך אָקטאָבער, זיינען היסטאָריש אומפאַרמיידלאַך. צו דער זעלביקער

צייט האָט ער געמוזט שפּירן א גרויסע גייסטיקע אומהיימלאָכ-קייט, אויב ניט קיין בושע, פאר זיינע נאַציאָנאליסטישע און „דעמאָקראַטישע" שוואַכקייטן פון 1914 — 1917 יאָרן, וואָס ס'האָט אזוי סויסער געווען דער גאַנצער וועלטאַנשויאונג זיינער און אויך פאר זיינע נעוויעס, וועלכע זיינען אזוי שלעכט מעקויעם געוואָרן, דאָס אלץ, אינאיינעם נענומען, האָט אים געצוואונגען אָפּצוטרעטן פון אקטיוון לעבן, דאָס האָט געצוואונגען דעם דאָזיקן אומדער-מידלאכן רעוואָלוציאָנער באַוואוסטזיניק זיך פאראורטיילן צום שווייגן אין א מעשעך פון דריי יאָר...

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע פירט אן מיט רוסלאנד, האָט קראָפּאטקין געהאלטן פאר נייע יאקאָבינער. אַלס אנאַרכיסט, איז ער געווען דער פארביסנסטער סוינע פון יאקאָבינישע פאר-וואלטונג-מעטאָדן. אָבער אַלס היסטאָריקער און רעוואָלוציאָנער-אינטערנאַציאָנאליסט האָט ער אנערקענט, אז דער נייער יאקאָ-בּיניזם האָט א טיף רעוואָלוציאָנערן אינטערנאציאָנאלן באַטייט. דעריבער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון עפנטלאכע ארויסטרעטונגען קעגן דער ראַטן-מאַכט און זיין שטימונג פלעגט ער אויסדריקן נאָר אין פּריוואַטע בריוו. אין דעם איז זייער כאראקטעריסטיש קראָפּאטקינס בריוו פונם 2 מאַי 1920 יאָר, וואָס איז געווען פּוב-ליקירט אין אן אנארכיסטישן פלוג-בלעטל, געווידמעט קראפּאָט-קינס אנדיינק. דער דאָזיקער לעצטער בריוו קראפּאטקינס איז ביכלאַל זייער אינטערעסאַנט מיט דער בוילעטקייט, מיט וועלכער עס שפּיגלען זיך אין אים אָפּ די גרונט-שטריכן פון זיין כאַ-ראַקטער און איבערצייגונגען. ער קלאָגט זיך, וואָס די אנאַרכיסטן האָבן ניט גענוג פארויסגעטראָפן דאָס, וואָס „ס'האָט זיך צוגעגרייט 30 יאָר" זיי האָבן ניט גענוג אָפּגעשאָצט „די קויכעס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער צענטראַליזם-מאַכעריי" און זיי האָבן ניט געקאָנט פאראייניקן זיך צום קאַמף קעגן איר. אזוי צרום האלט קראָפּאָטקין דעם רוסישן קאמונים פאר א קאָשער קינד פון פלע-כאנאָווס מאַרקסיזם און אין דער זעלביקער צייט מיינט ער, אז דער אנאַרכיזם וואָלט געקאָנט ענדערן דעם פּראָצעס פון דער געשיכטע, ווען ער וואָלט זיך אויסגעצייכנט מיט א גרעסערער וייט-

זיכטיקייט און אָרגאַניזירטקייט. ווייטער, ער „ג ל ו י ב ט טיף אין דער צוקונפט“, דערין, אַז די פּראָפּעסיאָנעלע באַוועגונג „וועט אין משך פון די נאָענסטע 50 יאָר“ קאָנען „צוטרעטן צום שאַפן אַ קאָמוניסטישע אַנמעלוכישע געזעלשאַפט“. ער „גלויבט“ אויך, אַז דער שפּעטערישער קערן פונם קאָמוניסטישן לעבן וועט זיין דאָס רוסישע פריערישע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג“ און, לעסאָף, ער „גלויבט“, אַז „די פעלקער וועלן צעברעקלט ווערן אויף קליינע מעלוכעס און אייניקע פון זיי וועלן אָנהויבן אויסאַרבעטן אַנמעלוכישע לעבנס-פאָרמען“.

דאָ האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן דער אַלטער אוטאָפּיסט-אידעאַליסט פונקט ווי אינם ערשטן טייל פונם בריוו, וואו מיר דערוויסן זיך, אַז אין זיין נעווירע האָט זיך קראָפּאָטקין צוריק אומגעקערט צום הויפּט-אינטערעס פון זיין לעבן, צו דער פראַגע וועגן מאָראַל, דערביי האָט ער, אַז מיט דער טעאָרעטישער באַאַרבעטונג פון דער דאָזיקער פראַגע וועט ער באַאיינפלוסן דאָס פּראַקטישע לעבן. „איך ווייס, אַז ניט ביכער שאַפן אַ ריכטונג, נאָר פאַרקערט. אָבער איך ווייס אויך, אַז צום אויסאַרבעטן ריכטונגען איז נויטיק די שטיצע פון ביכער, וועלכע דריקן אויס די גרונט-געדאַנקען אין אַ ברייט באַאַרבעטער פאָרם. איצט ווען מענטשן באַמבלען זיך צווישן ניטשען און קאַנטן... פילט זיך אַ ג וו אַ ל ד י ק ע נויטיקייט“...

אַזוי האָבן זיך אין קראָפּאָטקינען, ניט לאַנג פאַרן טויט, קאַמאַט אַפן 80-טן יאָר פון זיין לעבן, אַרויסגעוויזן אין פולער קראַפט יענע יעסוידעס, וועלכע זיינען אין אים געווען איינגעפונדעוועט אין סאַמע אָנהויב פון זיין באַוואוסטזיניקער טעטיקייט; דער „מאַקסימאַליזם“ פון די מענטשן פון די 60-קער און „פראַגן פון געוויסן“, וועלכע האָבן אַזוי געפּלאָגט די מענטשן פון די 70-קער יאָרן.

# XX. נ. לענין (וו. אי. אוליאַנאָוו)

ווי ס'זאָל ניט זיין שווער צו געבן אַן אָביעקטיווע, אָן נעסיעס-פאַנימדיקע כאַראַקטעריסטיק פון די אנשויאונגען און טעטיקייט פון א מענטשן, וועלכער שטייט בעראָש פון אַ גרעסטער מעלוכע און אין צענטר פון דער גאַנצער וועלט-פּאָליטיק, וועלכער רופט אַרויס אַן ענטוזיאַזם בא איינע און א ברענענדיקע סינע בא די צווייטע—פונדעסטוועגן איז דאָס פאר לענינען, פון ביז דער אקטיאַבר-רעוואָלוציע איינשליסלאַך, גאַנץ מעגלאַך, ווייל די דאָזיקע טקופע פון זיין לעבן און טעטיקייט געהערט שוין דער געשיכטע.

די הויפּט-אייגנשאַפט פון לענינען, אלס סאָציאַליסט, וועלכע שיידט אים אונטער פון אלע זיינע פארגייער, איז די זעלטענע קאָמבינאַציע פון דער רעוואָלוציאָנערער *טעאָריע* מיט דער גרייטקייט אַנצואווענדן זי אין דער *פּראַקטיק*, מיט א גוואַלדיקן ווילן צו מאַיסים, וועלכער ווערט באַגלייט פון א גלויבן אין זיך, אין זיין גערעכטיקייט און אין זיינע קויכעס. אין דערעמעסן, אין געביט פון דער מארקסיסטישער *טעאָריע פון דער רעוואָלוציע* שיידט זיך אונטער לענין זייער ווייניק פון די אַנדערע אָרטאָדאקסאַלע אומקאָמפּראָמיסלאַכע מארקסיסטן פונם XIX יאָרה. און פון אָנהויב XX יארה., ווי קויטסקי, געד און באַזונדערס פלעכאַנאָוו. אלע האָבן זיי געהאלטן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט פאר אַן אומפאַרמיידלאַכער פאַזע פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע. קויטסקי האָט אַפילע געוואוסט, אַז די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט הייסט „די הערשאַפט פונם אויסדערוויילטן טייל זיינעם”, אַלע האָבן זיי געוואוסט, אַז די סאָציאַליסטן וועלן מוזן אָנקומען צו גוואַלדטאַט, אַלע האָבן זיי אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן די מיטאַרבעט פון די סאָציאַליסטן מיט דער בורזשואַזיע. ווייטער, פּלעכאַנאָוו האָט אַפן 2-טן צוזאַמענפאַר פון דער רוסלענדישער סאָצ. דעמ. ארב. פארטיי געזאָגט, אַז פאר די רעוואָלוציאָנערע מארקסיסטן דארף זיין דער וואויל פון דער

רעוואָלוציע דער העכסטער געזעץ, אַז אין נאָמען פונם דאָזיקן וואויל קאָן מען אפילו אָפּנעמען די פּאָליטישע רעכט בא די מיטגלידער פון די געוועזענע הערשנדיקע קלאסן און צעטרייבן דעם פּאַרלאַמענט, וואָס איז פיינטלאך דעם פּראָלעטאַריאַט. קויטסקי האָט, אין סאָף XIX יאָרה., דורכגעפירט א פאַראלעל צווישן א געלערנטן און א קעמפער אַזוי: „דער קעמפער קעמפט פאר דאָס אלץ, וואָס איז נאָך אומבאַוואוסט, בעאייס דער געלערנטער וועגט אָפּ רואיק „פאַר און קעגן". דעריבער, האָט קויטסקי צוגעגעבן, „קומט אויס בעשאסן קאָמף ניט פאטערן די צייט אף לאנגע אישעוו-האַראַעסן, אויסקלייבן דעם גינסטיקן מאָמענט", ווייל קיינמאָל איז ניט מעגלאך ג ע נ ו י צו באַרעכענען צי זיינען מיר נאָענט צום ניצאָכן".

דער זעלביקער קויטסקי האָט שוין אין 1902 יאָר געשריבן, אַז די אלוועלטלאכע סאָציאלע רעוואָלוציע וועט זיך, עפשער, אָנהייבן אין רוסלאנד; און בעאייס דער ערשטער רוסישער רע-וואָלוציע, אין 1905 יאָר, האָט ער געזאָגט, אַז זי איז א מין איבערגאַנג פון א בורזשואזער צו א סאָציאליסטישער רעוואָלוציע, צו וועלכער, לויט זיין מיינונג, די קאפּיטאַליסטישע אייראָפּע איז געווען פולקום גרייט.

דאָס זיינען געווען די מיינונגען און אנשויאונגען פון די אָנגעזעענסטע טעאָרעטיקער פון מארקסיזם אף דער אומקאָמ-פראָמיסלאכקייט פונם פראלעטאריאט און אף די אופגאבן פון די רעוואָלוציאָנערע מארקסיסטן אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואלו-ציע. אָבער ווען די דאָזיקע רעוואָלוציע איז געקומען, ווען פון ווערטער האָט מען געדארפט אריבערגיין צו מאיסים, האָבן זיי זיך אלע פארלאָרן און האָבן גענומען פריידיקן אזא טאקטיק, וועלכע איז געווען דער היפאך פון זייערע פריערדיקע איבער-צייגונגען. אזוי האָט פאסירט מיט פלעכאנאָוון אין דער עפּאכע פון 1914—1917 יאָרן, אזוי האָט פאסירט, ווי מיר ווייסן, מיט קויטסקין בעשאָס דער מילכאָמע און באזונדערס אין דער אָפּשאַ-צונג פון דער דייטשער און רוסישער רעוואָלוציעס.

און מער ניט איין לענין, וועלכער איז געווען סאָלידאר

מיט פלעכאנאָוון און קויסטקין באַם ערשטן אַרויסטריט זייערע אין אָנפאַנג פון 1900 יאָר אָף דער ברייטער פאָליטישער אַרענע, וועלכער האָט צוזאמען מיט פלעכאַנאָוון און מארטאָוון אויסגע-שמידט אינם באַוואוסטן זשורנאַל „איסקרא” די קומענדיקע אָנ-שויאונגען פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, מערנישט לענין אַליין האָט געקאָנט פאַראייניקן די רעוואָלוציאָנערע טעאָריע מיט דער אָנטשיידענער טאַקטיק, וועלכע טרעט נים אָפ פאר גארנישט אין נאָמען פון דעם, וואָס ער האָלט פאַרן וואויל פון דער רעוואָלוציע.

אין געבים פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע האָט לענין גענומען אָף זיך די אופגאַבע אופצושטעלן און צו דערקלערן דעם טיף רעוואָלוציאָנערן מעהוס פון מארקס און ענגעלס לערע; ער האָט זי אָנטקעגנגעשטעלט נים בלויז קעגן די אָפענע אָפּאָר-טוניסטן נור אויך קעגן יענע, וועלכע האלטן זיך נאָך פאר רעוואלוציאָנערע מארקסיסטן מיטן מויל, און בעמאַיסע טרעטן זיי אָפ לצעאַר אָפּאָרטוניזם, האַלבקייטן און „קאָמפראָמיסלעריי”. אָנ-הויבנדיק פון 1905 יאָר און באַזונדערס אין 1917 יאָר, האָט לע-נין אין דער פראקטיק אָנגעווענדט יענע טעאָריע פון דער רע-וואָלוציע, וועלכע מארקס האָט, לויט דערפארונג, אויסגעארבעט אין 1848 און 1871 יאָרן.

די צווייטע אייגנשאפט לענינס, וועלכע האָט אים געמאַכט פאר א פירער פון דער רעוואָלוציע, איז דער כ ו ש פ א ר ד ע ר וו י ר ק ל א כ ק יי ט, וועלכער איז אין אים שטארק אַנטוויקלט, די קענטשאפט באַצייטנס צו טרעפן דעם צייטיק ווערנדיקן ווענד-פונקט אין דער סאָציאַל-פּאָליטישער סיטואציע, די קענשאפט פאָרויסצוזאָגן די עוואלוציע פון די געשעענישן, פאַרטייען און פערזאָנען, און בעהעסקעם דערמיט צו בייטן דעם קורס און דעם טעמפ פון זיין אייגענער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

לענין, וועלכער האָט געפריידיקט דעם באָיקאָט פון דער ערשטער גאָסודארסטווענע דומע אין 1906 יאָר מיט דער האָפענונג אָף א נייעם אופשטייג פון דער רעוואָלוציע, האָט פאַר-שטאַנען, אז די רעוואָלוציע האָט זיך געענדיקט און האָט גע-האַלטן פאר באַטייליקן זיך אין די וואלן אין דער 3-טער דומע,

פאר אויסנוצן די לעגאַלע מעגלאַכקייטן א. א. וו., נישט איינ-
שטימענדיק אין דעם מיט פילע אנדערע באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן
אים באשולדיקט אין אָפּאָרטוניזם, קאָמפּראָמיסלעריי, מענשעוויזם
א. ד. ג. פאַרקערט, בא די ערגסטע סימאָנים פון געזעלשאַפטלאַ-
כער אופלעבונג אין רוסלאנד אין 1910—1911 יאָרן האט לענין
אופסניי גענומען אן אנטשיידענעם קורס אף דער רעוואָלוציע.

שוין אין 1905 יאָר, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון
דער עמיגראציע און האָט זיך באקאנט מיטן ערשטן פעטערבור-
גער ראט פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן, האָט לענין פאָרויסגעזאָגט,
אז די ראטן זיינען די פארם פון דער קינפטיקער רעוואָלוצי-
אָנערער מאַכט. פון סאַמע אָנפאנג פון דער וועלט-מילכאָמע האָט
לענין פארויסגעזאָגט, אז דער אימפּעריאַליסטישער קריג וועט
איבערגיין אין א בירגער-קריג, און האָט אומאופהערלאך גע-
פריידיקט די טאקטיק, וועלכע ער האָט שפּעטער דורכגעפירט
אין רוסלאנד 1917 יאָר. אין הארבסט פון 1905 יאָר האָט שוין
לענין ערנסט באטראכט די פראגע, ווי אַזוי עס דאַרפן זיך האלטן
די באָלשעוויקעס, ווען די קינפטיקע רעוואָלוציע וועט זיי אוועק-
שטעלן בא דער מאכט. אומגעקערט זיך צוריק קיין רוסלאנד אין
אַפּריל 1917 יאָר. האָט לענין פּראקלאמירט אין זיינע באוואוסטע
טעזיסן, אַז „אין רוסלאנד וועט ניט זיין קיין פּאַרלאמענטאַרישע
רעפּובליק, נאָר א רעפּובליק פון ראטן“. און ביז דער סאַמע
אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט ער דעם דאָזיקן לאָזונג אַרויסגערוקט.
ווען אַפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די ראטן אין יוני 1917 יאָר,
וואו די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט א נישטיקע מינדערהייט,
האָט לענין געענטפערט צערעטעלין און געזאָגט, אז די באָל-
שעוויקעס זיינען גרייט אַליין צו נעמען די מאכט—איז דאָס בא-
געגנט געוואָרן מיט א דונערדיקן געלעכטער מיצאַד דעם גאנצן
צוזאַמענפאָר. און אין 4 כאָדאָשים אַרום זיינען שוין די באָלשע-
וויקעס בא דער מאַכט געשטאַנען.

דער שטריך פון לענינס כאראקטער איז זיין קעניען זיך
פאר אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין. שוין אין סאַמע
אָנהויב פון זיין טעטיקייט, אין דער מיט פון די 90-קער יאָרן,

און באַזונדערס אין זיין באַרימטן בוך: „וואָס טוט מען?" האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט די פּאַרטיי, אַלס אַ באַהעפטע, פֿאַרבונדענע דורך שטרייַנגסטער צענטראַליזאַציע און דיסציפּלין, אָרגאַניציע פֿון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנער". איבער אַזאַ פֿאַרשטיין פֿון דער דאָזיקער דיסציפּלין איז אין צעם פֿאַרגעקומען די ערשטע שפּאַלטונג אַפֿן צוזאַמענפֿאַר אין 1903 יאָר אַף די קינפֿטיקע מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס. שוין אין 1904 יאָר, ווען די מערהייט פּאַרטיי-מיטגלידער האָט געהאַלטן, אַז די שפּאַלטונג איז נים ערנסט און קינסטלאַך, האָט לענין אין זיין בראָשור „אַ טריט פֿאָרויס און צוויי צוריק" פֿאָרויס געזאָגט די קומענדיקע פּאָליטישע עוואָלוציע פֿונם מענשעוויזם.

מיט יענער ליידנשאַפֿטלאַכער אַקשאָנעס, וואָס לענין באַזיצט אין העכסטן גראַד, האָט ער אָן אופֿהער געפּריידיקט די נויטיקייט פֿון דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי און אַז אַלע אירע מיטגלידער מוזן זיך אונטערוואַרפֿן דעם פּאַרטיי-צענטער, און דערמיט האָט ער אין אַ באַשטענדיקער מאָס מיטגעהאָלפֿן דער אויסבילדונג פֿון יענעם באַהעפֿטן קערן פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי ווען ס'איז געלונגען צו נעמען און איינהאַלטן די מאַכט אין רוסלאַנד.

ענדלאַך, לענין באַזיצט די אייגנשאַפֿט, וועלכע איז באַזונדערס נויטיק פֿאַר יעדן ווירקלאַכן פֿירער פֿון אַ פּאַרטיי און ברייטע מאַסן: דאָס איז די קונסט אָדער אייַנגעבוירענער טאַלאַנט פֿון „סאָציאַלן היפּנאָטיזם", ד. ה. די קענטשאַפֿט אַזוי צו ווירקן דורך מינדלאַכן און שריפֿטלאַכן וואָרט אַפֿן טייל און ווילן פֿון די מאַסן, אַז דער דאָזיקער ווילן זאָל זיך מוזן אונטערגעבן דעם ווילן פֿונם פֿירער.

און מיט דער דאָזיקער אייגנשאַפֿט, ווי מיט די איבעריקע, צייכנט זיך אויס לענין שוין פֿון סאַמע אָנהויב פֿון זיין פּאָליטישער טעטיקייט.

ווירקלאַך, לענין קאָן זיין אַ זעלטענער ביישפּיל פֿון אַן אויסשליסלאַך שליימעסדיקער פיגור, וועלכע בלייבט זיך געטריי אינם איקער אין אַפילו אין קלייניקייטן אין אַ מעשך פֿון העכער

20 יאָר. ווי מע זאָל זיך צו אים ניט באַציען, אַלס צו אַ פירער פון אַ פּאַרטיי צו א קאָמוניסט אָדער צו א געוועלטיקער, ווי מע זאָל ניט אָפּשאַצן זיינע קאַמף-מעטאָדן מיט זיינע פּאָליטישע קעגנער, אָבער איין זאַך קאָן מען ניט אָפּלייקענען: ער האָט אין זיך אליין קיינמאָל ניט געפעלשט, זיין גאַנצע אויפפירונג אין 1917 יאָר, האָט מען געקאָנט פּאָרויסזען ווען מע זאָל דערלערנען זיין ליטעראַרישע טעטיקייט פון זיינע ערשטע טריט אף דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרענע.

שוין אין זיין ערשטן ווערק, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין 1894 יאָר, אין 50 עקזעמפּלאַרן אף א העקטאגראף און האָט געהאַט אף זיך דאָס קעפּל: „ווער זיינען דאָס אזוינס די פאָלקס-פריינט און ווי זיי קעמפן קעגן די סאָציאַלדעמאקראַטן" טרעפן מיר שוין די שפּיצטערדיקע באַזונדערהייטן פון זיין פּאָלעמישער מאַניר: די אָנגעזועענסטע „העלדן פון די מויכעס" פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, די זיילן פון לעגאַלן פּאָלקסטום, מיכאילאָווסקי, יוזשאקאָוו און אנד. האָט לעווין אָנגערופן אן צערעמאָניעס „לאַקייען" „צאַרישע כלאָפּעס" א. ד. ג.

אין דער עפּאָכע פון דער אַלטער „איסקרא" אין 1900-1903 יארן, ד. ה. ביז דער שפּאַלטונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אָף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, בײַ דער פולשטענדיקער סאָלידאַרישקייט פון אירע הויפּט-רעדאַקטאָרן — לעווין, מאַרטאָוו און פּלעכאַנאָוו זיינען אויסגעשמידט געוואָרן ניט בלויז די טאַקטישע פּרינציפּן פון דער קינפטיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָר אויך פּלע פון יענע מאראלישע באַזונדערהייטן פון דער דאָזיקער פּאַרטיי און איר פירער, וועלכע שטויסן אזוי אָפּ פון איר די קלייןבירגערלאַכע „דעמאָקראַטיע" און די „מעסיקע" סאָציאַליסטן. געגוג וועט זיין צו דערמאַנען, ווי אַזוי עס האָבן זיך אָפּגערופן וועגן „איסקרא" און אירע מעטאָדן פון פּאָליטישן קאַמף אַלע אירע דאָמאָלסטיקע קעגנער: די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, די „ראַבאָטשעדעלצעס" (עקאָנאָמיסטן), דער בונד און אַנדערע.

אזוי אַרום האָט לעווין פונם 1917 יאָר און פון פאָלגנדיקע

יאָרן מער נישט ארויסגעטראגן אַף דער אלגעמיין מעלוכישער און אינטערנאציאָנאלער ארענע יענע פרינציפן, וועלכע ער האָט אין די באשיידענע ראמען פון דער אונטערדישער אָרגאניזאציע אויסגעארבעט און דורכגעפירט מיט 20 יאָר פריער *צוזאמען* מיט זיינע שפּעטערדיקע קעגנער— פלעכאנאוו און מארטאָוו.

שוין אין 2-טן נומער „איסקרא" אינם ארטיקל „אפּן שוועל פונם XX יאָרהונדערט" האט פלעכאנאָוו פאראויסגעזאָגט און באַרעכטיקט יענעם קאַמף, וועלכן די עקסטרעמסטע סאציאַליסטן וועלן פירן קעגן די מעסיקע בעאייס דער קומענדיקער וועלט-רעוואָלוציע (דער סאציאַליסטישער „בארג" אָדער די יאקאבינער קעגן דער סאָציאליסטישער „זשיראנדע"[1]). עס איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס אין דער בארימטער בראשור „וואס טוט מען?", וועלכע איז דערשינען אנהויבס 1902 יאָר, האָט זיך אינגאנצן ארויסגעוויזן דער שפּעטערדיקער גאַנצער לענין.

אָט וואָס לענין האָט, לעמאשל, געשריבן דאן וועגן פריי-הייט ביכלאל און וועגן דער פרייהייט פון קריטיק ביפראט: „פרייהייט — איז א גרויס וואָרט, אָבער אונטער דער פאָן פון פרייהייט פאַר דער אינדוסטריע האָבן זיך געפירט די סאמע רעציכעשע מילכאמעס, אונטער דער פאָן פון פרייהייט פאר אַר-בעט האָט מען גערויבט די ארבעטנדיקע. פונקט אזא אינערלאכע פאַלשקייט ליגט אינם היינטיקן באנוץ פונם וואָרט: פרייהייט פון קריטיק. *די מענטשן, וועלכע זיינען ווירק-לאך איבערצייגט דערין, אז זיי האבן א רוק געטאָן פאָרויס די וויסנשאפט וואָלטן גע-פאָדערט ניט בלויז די פרייהייט פון נייע אנשויאונגען באגלייך מיט די אלטע, נאָר צו פארבייטן די לעצטע מיט די ערשטע...* מיר גייען איינג צוזאמען איבער א שרויפיקן און שווערן וועג,

1) אזוי האָבן געהייסן די 2 קעמפנדיקע פארטייען בעאייס דעם העכסטן אופשטייג פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, ווי מיר זען איז קראַפּאָטקין גע-ווען גערעכט ווען ער האָט ארויסגערונגען די טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס בא דער מאכט פון דער אלטער פלעכאנאָווישער פּאָזיציע.

נעמענדיק זיך פעסט פאַר די הענט. מיר זיינען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט סאָנים, און קאַמאַט אַלעמאָל קומט אונז אויס צו גיין אונטער זייער פייער. מיר האָבן זיך פאַראייניקט, לויט אַ פריי אָנגענומענעם באַשלוס, צוליב דעם, קעדיי צו קעמפן מיט די סאָנים און ניט אָפּטרעטן אין שכייניש זומפּ, וואָס זיינע באַוואוינער האָבן פון סאַמע אָנהויב אונז פאַרצוימט דערפאַר, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעטיילט אין אַ באַזונדער גרופּע און אויסגעקליבן דעם וועג פון קאַמף, און ניט דעם וועג פון פּשאָרעס. און נעמען זיך אייניקע פון אונז שרייען: לאָמיר גיין אין דאָזיקן זומפּ. און ווען מע הויבט זיי אָן אופּוואַרפן, דערווידערן זיי: וועלכע אָפּגעשטאַנענע מענטשן איר זייט. און ווי שעמט איר זיך ניט אָפּצולייקענען פאַר אונז די פרייהייט צו רופן איין אָף אַ בעסערן וועג. אַ, יאָ, מיינע הערן, איר זייט פריי ניט בלויז צו רופן, נאָר אויך צו גיין וואוהין איר ווילט, אַפילע אין זומפּערייַן. מיר געפינען אַפילע איין, אַז אייער אָרט איז טאַקע אין זומפּ, און מיר זיינען גרייט אייך מיטצוהעלפן אייער איבערוואַנדערן אַהין. אָבער לאָזט אונז דאַן פריי אונזערע הענט, ניט כאַפּט זיך אָן פאַר אונז און ניט פּאַטשקעט דאָס גרויסע וואָרט: פרייהייט, ווייל מיר זיינען דאָך אויך „פריי" צו גיין וואוהין מיר ווילן, פריי צו קעמפן ניט בלויז מיטן זומפּ, נאָר אויך מיט יענע וועלכע קריכן אין זומפּ".

אַלץ, וואָס אין 1902 יאָר איז געווען שאַיעך צו דער קריטיק איבעוויינטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, איז איצט בלויז אַריבערגעטראָגן געוואָרן צו דער זעלביקער קריטיק אינעווייניק אין דער רעוואָלוציאָנערער מעלוכע, וועלכע איז אַרומגערינגלט מיט סאָנים אויסערלאַכע און אינערלאַכע; אָבער דער טאָך איז געבליבן דער זעלביקער.

לענין, וועלכער האָט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע דורכגעפירט די מעטאָדן פון יאַקאָבינישער דיקטאַטור, איז דערין אויך ניט גאַנגאַנגען קעגן זיין פאַרגאַנגענהייט. ער האָט קיינמאָל ניט געלייקנט זיינע יאַקאָבינישע סימפּאַטיעס (ווי פּלעכאַנאָוו האָט דאָס ניט

געלייקנט אין די בעסטע יאָרן פון זיין רעוואלוציאָנערער טעטיקייט), אָט וואס ער האָט געשריבן שוין נאָך דער שפּאַלטונג אין 1904 יאָר. אין דער בראשור „אַ טריט פאָרויס און צוויי צוריק“ קעגן פּ. אקסעלראדן און די איבעריקע מענשעוויסטישע פירער אין דעם וויקואך וועגן דעם פּאַרטיי-סטאַטוס, ד. ה. וועגן דעם גראַד פון פּאַרטיי-דיסציפּלין און צענטראַליזאַציע: „לאכלופן גאָרנישט, אויסער אפּארטוניזם, דריקן נישט אויס די דאזיקע „שרעקלאכע ווערטעלאך“: יאקאבּיניזם א. ד. ג. אַ יאַקאָבּינער, וועלכער איז פעסט פאַרבונדן מיט דער ארגאניזאציע פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אנערקענט זיינע קלאַסן-אינטערעסן, איז אַ רעוואָלוציאנערער סאָציאַל-דעמאָקראט. אַ זשיראנדיסט, וועלכער בּיינקט נאָך פּראָפעסאָרן, גימנאַזיסטן[1], וועלכער האָט מוירע פאַר דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאריאט, וועלכער זיפצט נאָך דער אַבסאָלוטער ווערט פון די דעמאָקראטישע פאָדערונגען, — דאָס איז אַן אפּארטוניסט.

לעסאָף, האגאָם לענין איז אן סאָפעק געווארן אַן אַלוועלט-לאַך-היסטאָרישע פיגור נאָר אַ דאנק דער מילכאָמע און דער רוסישער רעוואָלוציע, אָן וועלכער ער וואָלט געבליבן נאָר אַן אָנגעזעענער פירער פון איינער פין די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — אָבער עס איז אויך קיין סאָפעק ניט, אַז שוין אין סאַמע אָנהויב פון 1900 יארן און באזונדערס פון 1905 יאָר האָט לענין פאָרויסגעזען די פּערספּעקטיוו פון מאַכט פאַר דער רעוואלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראטיע און איז באוואוסטזיניק געגאַנגען צום דאָזיקן ציל. ער האָט קיינמאָל ניט געקוקט ווי די מענשעוויקעס, אַף אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, אַלס אַף אַ פּארטיי פון דער „עקסטרעמער אפּאָזיציע“. די אופגאַבּע פון יעדער רעוואלוציאָנערער פּאַרטיי, וואָס גלויבּט אין דער גערעכטיקייט פון איר זאַך און אירע קויכעס, איז, לויט זיין מיינונג, די דעראָבּערונג פון דער מאכט, קעדיי דורכצופירן איר פּראָגראַם. דעריבּער, שוין באַם ערשטן אויסבּרוך פון דער רעוואָלוציע אין

[1] ד. ה. וועגן צולאָזן זיי אין דער פּאַרטיי.

1905 יאָר, די רעוואָלוציע, וואָס לענין האָט זי געהאַלטן פאַר אַ בורזשואזע, לויט איר סאָך, האָט ער ארויסגערוקט דעם לאָזונגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פויערטום, ער האָט געפּריידיקט דעם אנטייל פון דער ס. ד. אין דער צייטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג טאַקע צוליב דעם. קעדיי צו דערפירן די בורזשואזע רעוואָלוציע ביזן סאָף. אָט וואָס ער האָט, לעמאָשל, געשריבן זומער 1905 יאָר אין זיין מערקווירדיקער בראָשור: „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע": „דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דורכפירן ביזן סאָף די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש, פאַראייניקנדיק צו זיך די האַלב-פּראָלעטאַרישע מאַסן פון דער באַפעלקערונג, קעדיי מיט געוואַלד צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואזיע און פּאַראַליזירן די אומשטאַנדהאַפטיקייט פונם פויערטום און קליינבירגערטום". אין די דאָזיקע ווערטער, וועלכע זיינען געדרוקט אין קורסיוו, איז שוין אָנגעמערקט די גאַנצע באָלשעוויסטישע פּראָגראַם פון דער פעווראַל- און אקטאבער-רעוואָלוציע פון 1917 יאָר.

די קלוימערשטע ווידערשפּרוכן, וועלכע מע זעט גאַנץ אָפט אין לענינס פּאָליטיק נאָך דער אקטאבער-רעוואָלוציע, יענע פאַראייניקונג פון פּרינציפּיעלער אומקאָמפּראָמיסלאַכקייט און עקסטרעמסטע רעוואָלוציאָנערישקייט מיט דער גרייטקייט צו מאַכן פּראַגראַמאַטישע האַנאָכעס, ווי, לעמאָשל, דער דעקרעט פון דער עסערישער „סאָציאַליזאַציע פון ערד", די „נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק", גיין אַף קאָמפּראָמיסן מיט די קלאַסנדיקע און פּאָליטישע סאָנים (בריסקער שאָלעם א. ד. גל.) — די דאָזיקע אַלע ווידערשפּרוכן זיינען שוין אין דער פולער מאָס געווען קענטיק בא לענינען שוין אין אָנהויב פון די 1900 יאָרן און דאָס האָבן שוין דאַן אונטערגעשטראָכן זיינע קענער. אַזוי, נאָך דער עפּאָכע פון „איסקראַ", פירנדיק אַ פאַרביסענעם קאַמף ניט בלויז מיט די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן, נאָר אויך מיט די קלענסטע אָפּנויגונגען אין די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע רייען פון יענער פּאָזיציע,

וועלכע ער האָט גערעכנט פאַר דער איינציק ריכטיקער, האָט לענין איינצייטיק פאָרגעלייגט אַ בונד מיט די ליבעראַלן און געשריבן אין „וואס טוט מען“: „קעדיי צו בריינגען די אַרבעטער פּאָליטישע קענטעניש, דאַרפן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן גיין אין אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג, זיי דאַרפן צעשיקן אין אַלע זייטן די טיילן פון זייער אַרמיי (אונטערגעשטראָכן פון לענינען גופע). דאָס איז נאָך ווייניק, האַלטנדיק, אַז דער ניצאָכן פונם סאָציאַליזם קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורכן אַרבעטער-קלאַס, האָט לענין אין דער זעלביקער צייט געשריבן, אַז דער סאָציאַליזם גופע ווערט אַריינגעטראָגן אין דעם אַרבעטער-קלאַס פון אויסן, פון דער אינטעליגענץ וועלכע האָט פאַרלאָזן די בורזשואַזיע (אגעוו, דאָס זעלביקע האָט אַמאָל געשריבן אויך קויטסקי, אָפּגערעדט שוין פונם אלטן בלאַנקי). אין אָנהויבס פון די 1900 יאָרן האָט טאַקע די אינטעליגענץ אָנגעפילט יענע אָרגאַניזאַציע פון די „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן“, פון וועלכער לענין האָט געשריבן: „דער סטיכיישער קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט וועט ניט ווערן קיין עמעסער „קלאַסן-קאַמף“ זיינער קאָל זמאַן דער דאָזיקער קאַמף וועט ניט אָנגעפירט ווערן דורך אַ שטאַרקער אָרגאַניזאַציע פון רעוואָלוציאָנערן“.

וועגן די דאָזיקע קלוימערשטע ווידערשפּרוכן דערציילט לענין אַליין אין זיין אויסטערליש אינטערעסאַנטן בוך „די קינדער-קרייננק פון „לינקקייט“ און קאָמוניזם“, וואָס איז דערשינען אין 1920 יאָר. „די רוסישע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראַטן — האָט ער דאָרטן געשריבן — האָבן ביזן פאַלן פונם צאַריזם זיך ניט איין מאָל באַנוצט מיט די געפעליקייטן פון די בורזשואַזע ליבעראַלן! ד. ה. געמאַכט מיט זיי אַ מאַסע פּראַקטישע קאָמפּראָמיסן און אין 1901—1902 יאָרן, נאָך איידער ס׳איז אַנטשטאַנען דער באָלשעוויזם, האָט די אַלטע רעדאַקציע „איסקרא“ געשלאָסן (עמעס, ניט אויף לאַנג) אַ פאָרמעלן פּאָליטישן בונד מיט סטרואווען, דעם פּאָליטישן פירער פונם בורזשואַזן ליבעראַליזם, קענענדיק צו דער זעלביקער צייט פירן אַן האַפּסאָקעס דעם סאַמע

פארביטערטן אידייאישן און פאליטישן קאמף קעגן דעם בור. זשוראזן ליבעראליזם און קעגן די קלענסטע ארויסווייזונגען פון זיין ווירקונג אינוויייניק אין דער ארבעטער-באוועגונג".

אין א צווייטן ארט פון דער זעלביקער בראשור שרייבט לענין: „אפלייקענען קאמפראמיסן „פרינציפיעל", אפלייקענען יעדע דערלאזעוודיקייט פון קאמפראמיסן ביכלאל, וועלכע זיי זאלן ניט זיין, איז א קינדישקייט, וועלכע עס איז אפילע שווער צו נעמען ערנסט. א פאליטיקער, וואס וויל זיין נוצלאך דעם רעוואלוציאנערן פראלעטאריאט, מוז קאנען אויסטיילן די קאנקרעטע פאלן דאפקע פון אזעלכע קאמפראמיסן, וועלכע זיינען ניט דערלאזעוודיק, אין וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט אפארטוניזם און פאראט, און ווענדן די גאנצע קראפט פון דער קריטיק, די גאנצע שארפקייט פון אומבעראכמאנעסדיקן אופדעקן און פארביסענעם קאמף קעגן די דאזיקע קאנקרעטע קאמפראמיסן, ניט דערלויבנדיק די געניטע „מאכער"-סאציאליסטן און פארלאמענט-יעזואיטן אויסצודרייען זיך און אוועקמאכן זיך פון פאראנטווארטלאכקייט דורך כקירעס וועגן „קאמפראמיסן ביכלאל".

לענין שטעלט מיט זיך ווירקלאך פאר די האשלאמע—פאר דער געגעבענער עפאכע — פון יענעם לאנגן און זיגזאגישן וועג אין דער אנטוויקלונג פון סאציאליזם, וועלכער הויבט זיך אן פון טאמאס מארן און גייט דורך באבעפן, בלאנקי און מארקסן, — פון איין זייט, דורך טשערנישעווסקי, באקונין און פלעכאנאוו — פון דער צווייטער זייט. לענינען קאן מען אנרופן—רוסישער באבעף, וועלכער איז באוואפנט מיט מארקס וויסנשאפטלאכער טעאריע און מיט א נאטירלאכן כוש פאר דער ווירקלאכקייט און וואס האט, אויסער דעם, איינגעזאפט אין זיך דעם גאנצן רעוואלוציאנערן מעהוס פונם אלטן רעוואלוציאנערן פאלקסטום און די גאנצע גוואלדיקע דערפארונג פון אייראפייאישן קלאסן-קאמף און פון דער רוסלענדישער רעוואלוציאנערער באוועגונג. ער פאראייניקט אין זיך א טיפן רעוואלוציאנערן ענטוזיאזם און אפילע פאנאטיזם מיט דער קולטור פאליטישער אויסגערעכנטקייט, וועלכע דערגייט ביז צום קאנסעקווענטן אנווענד פונם

פרינציפ: „דאָס ציל באַרעכטיקט די מיטלען". ווען מע זאָל נאָך דערצו צוגעבן די מאַטאָנע, געברויכנדיק דעם היסטאָרישן מעטאָד פון מארקסן, פאָרויסצוזען דעם גאַנג פון היסטאָרישע געשעע-נישן, און אויך דעם גוואלדיקן אַקשאַנעסדיקן ווילן און אנט-שלאָסנקייט — דאן וועט קלאָר ווערן, פאַרוואָס אין דער עפּאָכע פון דער גרעסטער אופטרייסלונג פון קאפּיטאַליזם און פון דער גרעסטער רעוואלוציע, וואָס די וועלט האָט נאָר געוואוסט—האָט זיך דאַפּקע לענין געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע און אין דער שפּיץ פון דער אלוועטלאכער רעוואלוציאָנערער באוועגונג, וועלכע עס האָבן פאַרראָטן קימאַט אַלע גרעסטע אייראָפּייאישע טעאָרעטיקער און פּראקטיקער פון סאָציאַליזם.

# אינהאַלט.


| | | |
|---|---|---|
| I | טאָמאס מאָר | 3 זייט |
| II | גראַקך באבעף | 10 „ |
| III | ראָבערט אאוען | 15 „ |
| IV | סען סימאן און פוריע | 23 „ |
| V | אָגיוסט בלאנקי | 32 „ |
| VI | לואי בלאַן און קאבע | 41 „ |
| VII | פרודאָן | 51 „ |
| VIII | ווילהעלם וויטלינג | 59 „ |
| IX | קאַרל מארקס | 64 „ |
| X | פרידריך ענגעלס | 81 „ |
| XI | פערדינאַנד לאַסאַל | 87 „ |
| XII | אווגוסט בעבעל | 94 „ |
| XIII | זשאן זשאָרעס | 99 „ |
| XIV | קארל קויטסקי | 104 „ |
| XV | נ. ג. טשערנישעווסקי | 113 „ |
| XVI | מ. א. באקונין | 117 „ |
| XVII | פּ. ל. לאָווראָוו | 128 „ |
| XVIII | ג. וו. פּלעכאנאָוו | 137 „ |
| XIX | פּ. קראָפּאָטקין | 145 „ |
| XX | נ. לענין | 152 „ |

# פארלאג „סאראבקאפ“

שוין דערשינען:

## סאָציאַל-פּאָליטישע ביבליאָטעק

№ 1 א. אגאָל — די יעסוידעס פון מארקסיזם

№ 2 ב. גאָרעוו — פון טאָמאס מאָר ביז לענינען

## יוגנט-ביבליאָטעק

№ 1 וו. הוגאָ — דאָס 93-טע יאָר

אין דרוק:

## פּאָפּולער וויסנשאפטלאכע ביבליאָטעק

№ 1 נעטשאַיעוו — די ערד און די גאָר-וועלט

№ 2 „ דער ים

## קינדער-ביבליאָטעק

№ 1 קיפּלינג — מאַיסעלאך

№ 2 „ — פאָלקס-מאַיסעלאך (פון רוסיש)

גרייט זיך צום דרוק:

## סאָציאַל-פּאָליטישע ביבליאָטעק

№ 3 קאמוניסטישער מאניפעסט (מיט פיירושים פון ריאזאנאָוו).

## יוגנט-ביבליאטעק

№ 2 דזשיאוואניאלי — ספּארטאק.